STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00907

TSU ZUN UN FREYD

Sarah Fell-Yellin

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul & Ruth Kahn
in memory of
George (Gershon) Miller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו זון און פרייד

פון

שרה פעל־יעלין

אַרויסגעגעבן פון
שרה פעל־יעלין בוך קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1957

TOWARD SUN AND JOY

(Tzu Zoon Un Fraid)

by

SARAH FELL-YELLIN

Copyright 1957, by
SARAH FELL-YELLIN
927¼ No. Serrano Ave.
Los Angeles 29, Calif.

Typesetting and Makeup by
ECONOMY TYPESETTING SERVICE
•
A. & G. PRESS, INC.
5326 Sunset Blvd.
Hollywood, Calif.
108

שרה פעל-יעלין

מ ע נ ד ל ע ן,

מיין טייערן מאַן, חבר און שטרענגסטן קריטיקער.

„ביכער זיינען דאָס ווערטפולסטע פאַר־מעגן פון דער וועלט, די פאַסיקסטע ירושה פון דורות און פעלקער".

דייוויד טאָראָ (וואַלדען)

צו מיינע פריינט און לייענער

ווידער שטיי איך ביי אַ נייעם אָנהויב. ס׳איז אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט אַרויסצוגעבן אַ בוך אין אַ וועלט וואָס האַלט אין ווערן.

אַ נייער ציטער, אַ נייע רעגונג! דער אימפּעט פונם יחיד מוז זיך מעסטן מיטן אימפּעט פון לעבן — אַ שווערער פאַרמעסט!

ס׳איז בכלל אַ געוואָגטע אויפגאַבע צו איבערזעצן געפילן, שטימונגגען, אידייען און אידעאַלן אין פּאָסיקע ווערטער, וואָס זאָלן פאַלן, ווי זוימען, אין די סאַמע טיפענישן פון האַרצן, באַרירן די פיינסטע סטרונעס פון מענטשלעכער נשמה, ברעכן דעם גלייכגילט צום לעבן!

לעאָ פויכטוואַנגער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי אַ בוך גייט אַרויס פון דרוק, הויבט עס אָן אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, אַ זעלבסטשטענדיקע פונקציע צו באַווירקן און באַאיינפלוסן.

וואויל איז דעם שרייבער וועמעס בוך עס גייט פאַראויס פון אים און פלאַס־טערט אויס דעם וועג פאַר בעסערע, טיפערע שאַפונגען!

דאַנק אויסדרוק

דעם שרה פעל־יעלין בוך קאָמיטעט קומט מיין טיפסטע אנערקענונג פאַר דער וואונדערבאַרער אַרבעט אין דערמעגלעכן דאָס אַרויסגעבן פון מיין בוך „צו זון און פרייד״.

מיט גרויסער דאַנקבאַרקייט וועל איך שטענדיק דערמאָנען די צאַללאָזע טייערע חברים און חבר׳טעס, וואָס האָבן דורך אבאָנירונג, דורך ביישטייערונג און דורך פאַרשפּרייטן דעם בוך פאַרשנעלערט די אַרבעט.

כ׳בין באַזונדערס שטאָלץ מיט דעם אָפּרוף פון אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנ־דזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ, פּעטאַלומאַ, אוקלאַנד, קליוולאַנד, דעטראָיט (דורך דעם שרה פעל־יעלין לייען קרייז) און אַנדערע שטעט.

מיין האַרציקסטער וואונטש איז, אַז מיר אַלע זאָלן צוזאַמען מיט דער וועלט דערגיין צו זון און פרייד.

שרה פעל־יעלין.

שרה פעל יעלין בוך קאָמיטעט

קלמן מרמר, ערן־פּאָרזיצער

גינא מעדעם } וויצע־
הערי גאָלדשטיין } פּאָרזיצערס

אהרן קוירטמאַן, פּאָרזיצער

מאַניא ריטש, סעקרעטאַר

חיים קיילין, קאסירער

עקזעקוטיווע:

יעקב און נעלי אשפּיז

יעטא האָפמאַן

הערי און עלקע וואלינסקי

דזשעק און עליס טאמאַס

שפרה טאר

מענדל יעלין

חיים און סאָניע ליפשיץ

חיה קיילין

רבקה קוירטמאַן

פעני קיטאַי

מעקס ריטש

צו זון און פרייד

אָלימפּיאַדע צו דער זון

אויף רוקן אַ פּעקל מיט זעקס צענדליק יאָר,
אין אויג — פון אָלימפּישן פֿאַקל דער שיין,
שפּאַן איך צום דורות־געטרוימטן קאַיאָר,
צו פּרעסן פון טרערן און טרייסט יום־טוב ווײַן!

ס׳איז היינט אַזאַ הערלעכער, ליכטיקער טאָג,
די זון שיינט דורך מיר אַרויס צו דער וועלט,
ס׳איז אַלץ אַזוי לײַכט — ווי פאַרלוירן די וואָג —
מײַן זיבעטער צענדליק אויף שוועל איז צעהעלט!

ס׳האָט קינד און קינדס־קינד מיר מתנות געבראַכט,
מײַן טאָג פון געבוירן עם יום־טובן פרײַנט,
ווי שטערן זיי ווינקען דורך חושך פון נאַכט,
דערמאָנען: דער מאָרגן איז יורש פון היינט!

דער עלטער אַנטקעגן איך טראָג קרוגן פרייד,
ווײַל יונג איז מײַן וועלט און צעבליט און צעפרילינגט,
כ׳האָב יאָרן ווי זוימען אויף פעלדער פאַרזייט,
כ׳האָב אויפריכטיק לעבן מיט אמת געצווילינגט.

אָלימפּיאַדע צו זון — און איך אין געוועט:
ניט לעשן מײַן פאַקל וועט שטורעם אַצינדער —
איך פיל אויף זיך פליגל . . . איך טאָר ניט זיין שפּעט,
כ׳מוז טראָגן, דערטראָגן דאָס ליכט צו קינדס־קינדער!

טעג פון לעבן

טעג פון לעבן פולע יאָדערדיקע נים,
אין שאָלעכצן פארפרעסט איז פרייד און פּיין;
ווי שווער עס זאָל ניט זיין — איז לעבן זיס,
ס'איז גוט צו אָטעמען, צו זען די זון — צו זיין!

טעג פון לעבן — צום שניט געדייפטע זאנגען,
גרייט פאַר שייערן פון צייט, פאַר ניי־פּאַרזיי,
זייערע טריט, ווי נאָטן פרישע פון גרויסע מוט־געזאַנגען,
לייכטערן דעם גאַנג אין לאַבירינטישן געדריי.

ערלעך אויסגעלעבטע טעג באַוואַסערן מיט פרייד די אויגן
און טרער איז דימענט־פינקל, ניט פאַלשער בליאַסק פון שטיין;
ווי אויף אַ פידל סטרונעס אָנגעצויגן,
זיינען טעג געלאָדן מיט לאַכן און געוויין.

טעג פון לעבן — קאַנווע־פעדימער אויף וועב־שטולן פון צייט,
פאַר מאָרגנס וועבט מען איבער זיי די קונציקסטע אוזאָרן,
וואָרעם, פיל־קאָלאָריק, ווי בלומען אויסגעשפּרייט
באַגריסן וועט די דורות שפּעטער קונסט־געוועב פון יאָרן.

טעג פון לעבן וואָגיקע מיט זאַפט און זוימען,
ווייסן ניט פון אומקום, ווייסן ניט פון טויט —
טעג וואָס שאַפן דויערהאַפטע וואָר פון טרוימען,
זיינען „אייביק גרין" פון אייביק יונגער צייט!

מיר „שטאָלענע״...

אַ קלאַפּ וואָס האַמערט שטאָל ברעכט גלאָז אין שפּליטער,
אַ שוואונג אויף אייזן־גלי — געבערט אַ פונקען־שפּריי . . .
מיר, שטאָלענע, פאַרנעמען קלעפּ אָן ציטער,
מיר בלייבן הינטער ווענט פון טורמעס פריי!

אַ קלאַפּ אויף צאָרן־גלי און ס'פליען ווערטער־טויבן
ווי פונקען ליכט אַריבער באַרג און טאָל,
אַ קלאַפּ — און פעסטער ווערט דער גלויבן,
מיר ווערן בויגעוודיק, נאָר פעסט און האַרט ווי שטאָל.

אַ קלאַפּ קען אונדז ניט אָפּשרעקן, ניט ברעכן,
מיר אין פאַרמעסט געפּרואווטע, זיינען שטענדיק גרייט . . .
אַ קלאַפּ קען אונדזער קעמפער־לוסט ניט שוועכן —
עס זעט זיך לאַנד פון פרייהייט, שלום, ברויט!

צו פרייד

ס׳האָט עמיצער מיך אָפּגענאַרט מיט מאָס פון פרייד —
צוגעמישט אַ פּאָרציע צער און פּיין —
אין סאַמע בלי אַ שטעכל־קראָפּיווע פאַרזייט,
אַ זאַק מיט אַש אַרויפגעשאָטן אויף איר זיין.

ס׳האָט עמיצער די פרייד מיר ניט פאַרגונען,
פאַרביטערט זי מיט טרערן, בלוט און טויט,
נאָר איך האָב וועג צו איר געפונען
און בין מיט אָרעמס אָפענע זי נעמען גרייט.

כ׳וועל גיין צו איר צוזאַמען מיט מיין דור
און אָפּגענאַרט וועלן די נאַרער ווערן!
אַ פולע פרייד — ניט ווייניקער אַ האָר,
אַ פולע מאָס אָן טראָפּן צער און טרערן!

דער אָקטאָפּוס

.1

מאַכט־שיכורע, מאַכט־זוכער
פאַרמעסטן זיך
זון אויסלעשן,
ליכט פאַרצאַמען
און מענטש איבערפורעמען
לויט זייער אייגענער,
העסלעכער געשטאַלט !
רייסן זיי זיך אין חלל
מיט כישוף פון אַטאָמען,
קריכן אין ימיקע תהומען,
אין וויסטע מדבריות
פון זאַמד און אייז . . .

אָבער זון ווייסט ניט דערפון :
זי גייט אויף,
זי פאַרגייט,
זי איז דאָ !
ערד זאָרגט זיך ניט :
זי גייט איר ריטמישן גאַנג
און מענטש — איר קינד פון ליבע און אומרו
בויערט, פלאַסטערט
זיין גרויסן ציל־וועג פאָראויס !

.2

יאַריד, צירק, באַלאַגאַן,
גאָלדענע פערד אין פולן געשפאַן,
אויגן — פלאַם, אָטעם — טויט,
קאָפּיטעס שאַרפע ווי שפּיזן גרייט !

צום גרויסן יאַריד,
צום צירק־באַלאַגאַן
יאָגן זיך גאָלדענע פערד אין געשפאַן —
זיי מוזן דערלויפן. עס פאַלט איין די בריק
צו בוידן קאָלירטע, צו קונצן אויף שטריק . . .

מאַכט־שגעון! אָקטאָפוס פאַרזעעניש!
מיט אַרגוס־אויגן
אויף קרבן אָנגעשטעלט,
וויקלט זיך מיט ווייכע שלאַנגען־אָרעמס
אַרום מענטש, אַרום וועלט . . .
ווי הונגעריקע פּיאַווקעס
ציען זיך די פּילערס־הענט
אַריבער קאָנטינענט,
אַריבער ים,
אַריבער היים און קינדער־וויג!

באַזויפטע גיגאַנטן אויף ליימענע פיס,
שמעטערן שפּיגל מיט אייגענער צורה
אין פיבער־קרענקלעכן פאַרדאַכט:
ג — ע — פ — אַ — ר!
זייער אייגענער קאָשמאַר,
קריכט, קייכט פון פעסטונג־ווענט . . .
אין אייגענע שטיבער,
זיי ציטערן בלייבן אַליין.

קריצן אין הייסן קדחות די ציין,
שוימיקע מיילער,
צעקרימטע ליפּן
שיפּען באַפעלן:

„וועכטער צעשטעלן,
פענצטער פאַרהאַקן מיט פינסטערע לאָדן,
שפּראַצונג דערשטיקן אין יעטוועדן באָדן,
פאַרלעשן טאָג,
פאַרמעקן שטערן,
ביכער צינדן,
אויגן בלינדן,
אויערן טויבן . . .

מיט מוחות צערודערט פון שיכרות-דעליריום
זיי גלויבן אין אייגענעם ווילדן שגעון.
פון אַלע שפּאַרונעס,
פאַרפאַלגן זיי מאָנסטערס מיט טויזנטער הענט:
זיי קריכן אויף סטעליע,
זיי שלייכן צום דיל,
זיי טאַנצן משוגענעם טייוול-קאַדריל
און שלעפּן . . . און שלעפּן
צום אומקום!

מאַכט-אָקטאָפּוס! מיט שליימיקע אָרעמס
ווי פּעטליעס אויף העלדזער פאַרצויגן,
גליווערט זיין קרבן מיט גרויל,
מיט סם-שפּריץ פון מערדערשן מויל
ער זיכערט דעם וועג
פאַר זיין בלוטיק געיעג!

מאַכט-שיכורע רום-זוכער
וועלן זון ניט פאַרלעשן,
וועלן ליכט ניט פאַרשפּאַרן
מיט פאַלשן אַלאַרם,
מיט אָקטאָפּוס הענט, ווי צעפּאַכטע שלאַנגען!

מענטש, דורך דורות, שפּאַנט און לאַכט
פון וואַנזיניקע, באַזויפטע פון מאַכט!
מער וועלן רייטער אויף פרעמדן קאַרג,
זיך ניט ראַטעווען אויף העכסטן שפּיץ־באַרג:
דורך טירן צעפּראַלטע,
דורך אָפענע פענצטער,
פאַריאָגט האָט ער שטענדיק שגעון־געשפּענסטער!

מענטש, אויף זיין הויכן, צעלויכטענעם טורעם
באַוואַכט זיינע שיפן אויף כוואַליעס פון שטורעם,
מיט לויטערע אויגן צו זון אויסגעשטעלט
פון אָקטאָפּוס וועט ער דערלייזן די וועלט!

אין פרילינג האַקט מען צווייגן

אין פרילינג האַקט מען צווייגן,
פאַרדאַרטע ריטער טריקענען פון זונען־שיין,
ווען גרינקייט קרעפּטיקע וויל צו די הימלען שטייגן,
טאָרן טויטע זיי אין וועג ניט זיין.

בליענדיקער אימפּעט שפּאַרט פון וואָרצל־קוואַלן,
ביז לעצטן אָדערל מוז גרייכן פרילינג־פלום
אויף בלעטעלעך געשניצטע, גאָלד פון שטראַלן —
צירונג אויסגעקנאָטענער פון פרישן, גרינעם גום.

גערטנער — ווי דאָקטוירים — האַקן, שערן, וואַכן,
זיי האָט מען אָנגעטרויט דאָס וואוילזיין פונם פּאַרק —
איין צווייג פאַרווערימטער אַ וואַלד קאָן קאַליע מאַכן,
איין שניט אין צייט מאַכט בוימער גאַנץ און שטאַרק

זיי מאַכן פאַר דער שפּראָצונג אויס אַ וואַרע
צום זאַפט, וואָס שפּאַרט ווי מאַמע׳ס מילך פון שטאַם אַרויס,
און ווען עס פאַלט דער ברוך פון צווייגן דאַרע
זיי זעען פרוכט אין גרינעם פרילינג־שויס.

אין פרילינג רייסן זיך צו בליאונג צווייגן,
אין פרילינג פאַלן שפּענער מיט געוויין ;
ווען לעבן אויפגעוואַכטער וויל צו הויכן שטייגן
טאָרן טויטע אים אין וועג ניט שטיין.

ווערטער-טויבן

ניט קאַרגן זאָלסטו, זאָלסט ניט שפּאָרן
אַ וואונק, אַ וואַרימען, פון דיין אויג —
ס'ווערט פריינטשאַפט פון שמייכל געבאָרן,
פון מאַך מיטן האַנט, פון אַ נויג.

עס שרעקט זיך איין מענטש פאַרן צווייטן,
שבן טראָגט אויף שבן אַ פאַרדאַכט.
גיב אים אָפּ אַ „גוט-מאָרגן" אַ ברייטן
און פאַרטרייב פון אים שאָטנס פון נאַכט.

אין דער באַן זאָג אַ גוט-וואָרט אַ פרעמדן,
זאָל ער פילן, אַ מענטש איז אַ פריינט,
זאָלן הערשער וואָס מענטשן-ווערט שענדן
פאַרלירן אַ קרבן היינט!

זעסט אַ קינד צווישן מיסט-הורבעס שפּילן,
שטעל זיך אָפּ, טו דאָס קעפּל אַ גלעט,
זאָל דאָס קינדערשע הערצל דערפילן
ווי גוטסקייט אָן ווערטער רעדט.

אויב דיין לשון איז פרעמד פאַר אַ מענטשן,
רעד מיט צייכן, מיט שמייכל, מיט וואונק . . .
זאָל ער פילן אַז רייד דיינע בענטשן,
זאָל ער שפּירן אין אויג דיינס אַ פונק!

ס'ווערט פריינטשאַפט פון שמייכל געבאָרן,
פון אַ בליק, פון אַ מאַך מיט דער האַנט,
צי דער ערשטער פאַנאַנדער די שטאָרן,
שטרעק דער ערשטע אויס פריינטלעכע האַנט.

ווער ניט מיד קיינמאָל ליבשאַפט צו טראָגן,
ניט קאַרג זיי מיט טרייסט-וואָרט, מיט פרייד,
זאָג דיין שכן: „אין גרויע פאַרטאָגן
איז זון-גאָלד פון מאָרגנס פאַרזייט!"

לאָז פריי רייד, געצונדן מיט גלויבן,
צעזייט זיי ווי פרוכט-שטויב פאַר פירות,
לאָז פון האַרצן אַרוים ווערטער-טויבן
צו פאַרזיכערן קיום פון דורות!

עס טאָרן קוילער פון מענטש ניט געווינען,
עס טאָר ניט שאַלטן דער גרויליקער חלום . . .
דו מוזט יעדן טאָג ליבשאַפט-שנור שפּינען
פאַר ליכטיקן כישוף-שפּרוך — **שלום!**

אייביקער וואונדער

פוסטריט־קלאַנג פון ווערן —
אייביקער גאַנג,
אייביקער וואונדער:
דער זיין וואָס איז,
קענן זיין וואָס איז נאָך ניט!

און אינדערמיט
מיין פיצל איך —
טייל און גאַנצקייט,
צעמענט און דינאַמיט —
אַן אַטאָם־שטויב,
וואָס ברעכט, וואָס וועבט, וואָס לעבט . . .

אָ ווי וואונדערלעך עס איז צו זיין!
ווי וואונדערלעך צו מעסטן יעדן טראָט פאָראויס —
אייניקייט, ווידערשטאַנד, שטוים —
אין הויט פון לעבן.

מיין פיצל איך,
אין עמבריאָ פון מאָרגנדיקער וואָר,
רייסט זיך פון נאָפּל־שנור,
וואָס לאָזט ניט אָפּ:
האַלט איך שטאָלץ מיין קאָפּ,
ווען שונא שרייט;
האַלט איך פעסט מיין האַנט
ביים רודער פון צייט,
האַלט איך שאַרף מיין אויג צום מאָרגנשטערן —
ווייל איך הער דעם פוסטריט־קלאַנג
פון ווערן!

אָ, ווי הערלעך עס איז אַצינד צו זיין
אַ זעמדעלע וואָס פורעמט אַ פעלז,
אַ טראָפּעלע וואָס מאַכט אַ ים,
אַ הייוון־צעל, וואָס הויבט מיט זיך
דאָס ברויט־און־זאַלץ פון לעבן!
ווי פריילעך ס׳איז קלאַנג פון יוירונג —
געוועבן פלאַצן —
דער אַלטער פורעם האַלט ניט אויס . . .
און איך — מיין פּיצל איך —
אַ פעדימל בלויז צווישן פעדימלעך שטאַרקע,
שפּין און שפּין פון דור צו דור
ירושה־שנור צו אייביקער שפּיל
פון „אייניקייט און קאַמף פון קעגנזאַצן",
פאַר נייער הויט פון נייעם לעבן.

אייביקער וואונדער,
אייביקע רירונג,
אייביקער גאַנג —
פוסטריט געזאַנג פון צייט אין ווערן.

כ׳גיי אַרום מיט שולד־געפיל אין האַרצן

כ׳גיי אַרום מיט שולד־געפיל אין האַרצן,
אַ הויקער טראָג איך אום פאַר דיינע זינד —
ווי קען איך צונעמען אַ שמייכל פון אַ פּנים׳ל אַ שוואַרצן,
אַז כ׳זע דיין האַס־שטעמפּל אויף ליבן נעגער־קינד?

אַט זיצט אַ נעגער־מאַמע מיט זויגלינג אין איר שויס —
און די האַסט ראַסן־שטריק צווישן אונדז פאַרצויגן —
שעם איך זיך אַזוי וואָס ס׳איז מיין פּנים ווייס
און כ׳קער, אַ שולדיקע, פון איר אָפּ מיינע אויגן.

כ׳פּרוואוו פאַרשעמטערהייט אַ קלאַפּ טאָן אין איר טיר,
אַנטבלויזן, ווי פאַר שוועסטער, פּלאָג פון מיין געוויסן —
איך פיל ווי ליב און נאָענט זי איז מיר
און כ׳וויל אַזוי זי זאָל עס וויסן . . .

נאָר צווישן מיר און איר אַ בלינדע וואַנט —
זי טרויט ניט מיינע רייד . . . זי צווייפלט מיין באַנעם . . .
פאַרשעמט אין לופטן הענגט מיין אויסגעשטרעקטע האַנט —
מיר ביידע, אומשולדיקע שולדיק, בלייבן אין דיין ראַסן־קלעם!

שיין און גרויס און רחבות׳דיק ביסטו, מיין לאַנד!
קאָלירן־רייך די פעלקער דיינע, ערד און בערג און טאָלן —
טאָ זאָג, פאַרוואָס פאַר מיאוס־ווילדער ראַסן־שאַנד
איך מוז מיט רו פון מיין געוויסן צאָלן?

מיר אַלע וואַרצלען דאָך אין ערד דיינער, ווי קינדער פון איין מאַמען,
פאַרוואָס האָסטו פאַר נעגער־שוועסטער מיך אַזוי פאַרהאַסט?
ווי קונסט־ווערק אין פאַרשיידענע ראַמען
איז דען ניט מענטש אין הויטן פאַרביקע געפאַסט?

לאַנד מיינס, נעם דעם שולד־געפיל אַרויס ביי מיר פון האַרצן,
שנייד אַרונטער האָרב פון ראַסן־זינד
און לאָז מיר נאָענט ווערן צו שוועסטער און צו ברודער שוואַרצן,
און לאָז מיר אָן אַ שולד געניסן שמייכל פון אַ נעגער קינד.

א י מ פ ע ט

עס יאָגט מיך דער אימפּעט, דער טעמפּאָ פון צייט,
אין גאנג כ׳טאָר קיין טראָט ניט פאַרזאַמען,
כ׳בין רינגל געשטאָלטער אין מעכטיקער קייט,
וואָס בינדט קאָנטינענטן צוזאַמען.

עס יאָגט מיך דער גלויבן אַז איך וועל דערגיין —
צו פעלדער מיט האָפענונג פאַרזייטע,
ביים שוועל פון נצחון ניט בלייבן כ׳וועל שטיין
מיט אָנמאַכט און פליגל צעשפּרייטע.

עס יאָגט מיך דער אימפּעט פון פריידיקן ציטער,
איך טראָג אים דורך נאַכט ווי אַ שטורקאַץ צעגליט
צו פעלדער וואו ס׳זאַמלען צעזוניקטע שניטער
גערעטעניש זיסע פון קאַמפן צעבליט.

עס יאָגט מיך דער אימפּעט, דער הונגער נאָך שלום,
דער כוח פון שטילער, פאַר׳עקשנ׳טער טויב —
אַטאָם-צייט יאָגט מיך מיט ליכטיקן חלום
צו אויסלייזן וועלט מיט איר כישוף׳דיק שטויב.

צו אייך

איך פיל זיך גרויס אצינד,
ווייל איר זייט גרויס אין מיר,
ווייל אייער ניגון טראָגט פאַראויס מיין ליד;
געבוירן שטום — כ׳בין רעדעוודיק אצינד,
ווייל אייער וואָרט אין מיר ווערט ניט פאַרבליט.

איך פיל זיך שטאַרק אצינד,
ווייל איר זייט שטאַרק אין מיר,
ווייל אייער גבורה איז אין מיר פאַרפלאַנצט;
געבוירן אָרעם — איך בין רייך אצינד,
ווייל אייער אוצר־קוואַל האָט מיך דערגאַנצט.

איך פיל זיך קלוג אצינד,
ווייל איר זייט קלוג אין מיר,
ווייל אייער חכמה איז מיין פעסטע בריק;
געבוירן מילד — כ׳בין שטורעמדיק אצינד,
ווייל כ׳גיי מיט אייך איצט איינגעמען די טויערן פון גליק.

איך פיל זיך שטאָלץ אצינד,
ווייל איר זייט שטאָלץ אין מיר,
ווייל אייער ליבּ איז פרוכפּערדיק מיט מוט;
געבוירן צאַרט — כ׳בין שטאָלעוודיק אצינד,
ווייל אייער המשך זינגט נצחון אויס אין פלייש און בלוט!

כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי מיד אַ מענטש קאָן זיין

כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי מיד אַ מענטש קאָן זיין,
כ׳האָב קיינמאָל ניט געשאַצט די וואָג פון שעה׳ען מי,
אין רוקן איינגעבויגענעם עס נאָגט אַ טעמפּער פּיין,
אַ פּאַק מיט העמדער וואַרט אויף שטייפע קני.

אין קאָפּ אַ פּלאָנטער: בליי און לידער —
כ׳האָב היינט מיליאָנען שטעך און שטעכעלעך געגעבן,
עס דריקט מיין גוף דער טויט־געוויכט פון גלידער,
פאַרנייט האָב איך אין אייביקייט אַ טאָג פון לעבן.

קעגנאיבער — סאָלידאַד, מיט קאָפּ איבער אַ העמד,
די הענט אירע, ווי פלינקע עקסלען פון מאַשין,
איר שפּראַך פאַר מיר איז פרעמד,
נאָר איך פאַרשטיי פון יעדן וואָרט אירן דעם זין.

אויף אירע הענט עס וואַרט אַ קינד, אַ קראַנקער מאַן,
יאָגט זי שטעך, יאָגט זי זיך, יאָגט צייט,
אין אירע הענט אַ הונגער איז פאַראַן —
נויט האָט שרעק אין בלוט אירן פאַרזייט.

צווישן שטעך, אַ שמועס כ׳פּרואוו פאַרקניפּן,
שטייט ווי וואַנט צווישן אונדז די שפּראַך,
העלפן הענט אַרויס דער הילפלאָזיקייט פון ליפּן,
העלפט אַרויס אַ וואונק, אַ קרים, אַ לאַך . . .

„אַסטאַ מאַניאַנאַ״, זאָגט מיין שכנה, „גוד־באַי״, איך ענטפער איר.
מירביידע זיינען שוין מיט מידקייט איבער־זאַט;
כ׳וועל מאָרגן עפענען פאַר נייעם טאָג די טיר,
כ׳וועל מאָרגן אָפּרייסן פון קאַלענדאַר אַ בלאַט.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי מיד אַ מענטש קאָן זיין,
ווי שווער ס׳איז אויסבייטן אַ טאָג אויף דאַך און ברויט,
ווי בלום, איך ברייננ מיין טאָג אין שאַפֿ אריין
און לאָז אים איבער דאָרט צעדריקט, פאַרוויאַנעט, טויט!

אַהיים נעם איך אַ שווערן קאָפּ, פאַרטעמפּטע גלידער,
כ׳נעם אויך אַהיים עקשנות אויסדויער פאַר לעבן.
פון חבר׳שאַפט און מי, פון טעג אָן פּענטעס, כ׳פורעם לידער
און פּרואוו מיט פעדים ליכטיקע די וואָכיקייט פאַרוועבן.

דער סוד פון זיין

ווי ס׳גרינט אין מיסט דער פרילינג-קאָרן,
ווי ס׳וועלבט זיך אויס אין וועלט-אַל נייער שטערן,
אַזוי ווערט נייער מענטש אין אַלטער וועלט געבוירן —
אין פוילעניש פון אויסגעלעבטן קערן.

אין שאָלעכץ אָנגעצויגענער פון פול-געריפטער פרי,
אין בין-השמשות שפּאַן צווישן צייטן —
אַ שטילער ויתרוצצו פון ניי און אַלט פּאַר בכורה,
דער טיפסטער סוד פון זיין — אָנ׳סופיקייט פון בייטן!

דער מענטש, ווי שניי-בלום, רייסט זיך צו זיין פרילינג —
אומגעדולדיק וואַרט ער אויף דעם רוף פון לעבן;
מיט זאַפט פון פוילעניש, מיט מוט צו וואַגן — שעפערישן צווילינג,
ער ברעכט זיך דורך אַ וועג דורך אַלטע וועלט-געוועבן.

און ווי אויף פרילינג-פעלד עס גריסן זיך די קווייטן
איבער די געלע גראָז-פּליכעס פון פאַרגאַנגענעם יאָר,
אַזוי באַגריסן נייע מענטשן איינס דעם צווייטן
און הויבן-אויף אויף פּלייצעס קרעפטיקע דעם יאָך פון זייער דור.

שלום

אויף אַלע לשונות פון שרעקפולן דור
שלום־אָרקעסטער, שלום־כאָר —
דער ריטם פון טראָפּן, וואָס דליבעט אַ שטיין,
אחדות פון זאַמדן אין פעלזן־געביין,
גבורה פון באַרג־קוואַל וואָס עגבערט אַ וועג,
ביינקשאַפט פון כוואַליקן אומרו נאָך ברעג.

פריידיקער עכאָ, מיליאָנפאַכער שאַל —
ווי האַמער־שלאָג איבער פאַר׳עקשנ׳טן שטאָל!
דורך כמאַריקן פאָרהאַנג — אַ פלאַטער, אַ הויב —
אַ צווייגעלע גרינס טראָגט פרידלעכע טויב:
אַ קול זוכט אַ קול פאַרן גרויסן צושטייער,
אַ פונק זוכט אַ פונק — ווערן זיילן פון פייער . . .
און נעענטער און נעענטער דורך רויכן פאַרשטיקטע
קומט חלום פון שלום צו מענטשן באַגליקטע.

אָפּגעלעבטע יאָרן

אָפּגעלעבטע שרעקן זיך פֿאַר צוג פֿון יאָרן,
יונגע ווערן זאַפּטיקער מיט יעדן יאָר,
צו צייט, דעם שטורעם־פֿערד, זיי דריקן צו די שפּאָרן
און גאַלאָפּירן איבער תהומען צום קאַיאָר!

יאָרן — כוואַליעס אויף צערייצטע ים׳ען,
ים אַליין בלייבט רואיק אין זיין טיף,
כוואַליעס שטייגן, שטויסן, קרעפּטיקן צוזאַמען
און טראָגן אוים אויף פֿלייצעס לעבנס־שיף.

טעג, ווי וואָרנונג־ליכט, איבער דער וועלט צעצונדן —
אין דעמער בלוטיקן אַנטבונדן ווערט אַ דור —
אין שטורעם ווערט די שרעק פֿאַר שרעק פֿאַרשוואונדן,
ווי חלף שאַרף, ווערט ווילן אין געפֿאַר!

צו מזרח נויגן זיך נאָך זון די פֿלאַנצן,
צו מזרח נויגן זיך פֿאַרהונגערטע נאָך פֿרייהייט,
אויף כמורנע האָריזאָנטן יונגע שטערן גלאַנצן
מונטער־פֿלעמעלעך באַלויכטן גאַנג פֿון צייט.

ציילן יונגע, ווי געווינסן, נייע יאָרן —
ס׳ווערט גרעסער זייער נחלה, פֿולער זייער שיף,
ווען עלטער־שוואַכקייט שרייט אין שונא׳ס צאָרן
בלייבט לעבן כוואַליעדיקער, רואיק אין זיין טיף.

יאָרן אויפגעשטורעמטע און יאָרן ווי די לאַמען —
מיט פֿרייד באַגלייטן יונגע, גאַנג פֿון יאָרן —
זיי ווייסן, קראַמף און ווייטאָקן צעפּליקן לייב פֿון מאַמען
ווען ס׳ווערט ניי־לעבן אין איר טראַכט געבוירן.

לעבן

ווי א פארלאָזטער אַקעראייזן איז לעבן ניט גענוצטער:
פון פרישנדיקן מאָרגן־טוי ער קריגט אַרוים בלויז זשאַווער,
אַנדערש איז אַ לעבן מיזאַמער, פון אַרבעט אויסגעפוצטער —
ער שפּאַרט אַ מענטשן אונטער ווי אין נויט אַ חבר.

טעג — בריליאַנטן ווערטפולע אין אוצר־שאַכטל פונם לעבן —
קומט דער יום־טוב נעמט מען זיי מיט פרייד אַרוים פון דעם זכרון;
האָט ווער די טעג זיינע געהיט, דאָס בעסטע זיי געגעבן,
האָט ער עשירות אָפּגעשפּאָרט פאַר קומענדיקע יאָרן.

דאָס אוצר־שאַכטעלע וועט אויך מיין גאָב פאַרנעמען.
מיינע טעג — פאַרקלעמטע אָטאָמען — זיינען מיט אויפריים גרייט,
זיי וועלן קעמפערישן גאַנג פון לעבן ניט פאַרשעמען
מיט ליידיקייט פון חורבות פוסטע, ביים ראַנד פון שליאַך צעשפּרייט.

ווי אַן אַקעראייזן קענגן זון צעגליטער,
זאָל לעבן אויפגראָבן די צייט מיט פנים צו דער וועלט,
און גרייטן זאָלן זיך די זייער און די שניטער
צו דרעשן טעג ווי זאַנגען אָנגעלאָדענע נאָך אַ גערעטעניש אין פעלד.

נאַטור האָט שכל אונדז געגעבן

נאַטור האָט שכל אונדז געגעבן
צו שלאָגן פייער פון דעם האַרטסטן שטיין
און שעפּן פון דער טיף
יניקה פאַרן לעבן.
מענטש, ווי ערד, די גרעבסטע שאָלעכץ שפּאַלט,
ווען זי פאַרהאַלט
דעם לאַוועדיקן פלוס
פון נייע אָנהויבן!
מענטש, ווי בליץ, די שווערסטע כמאַרע ברעכט
צו נעמען וואַסערן, פון זון און ליכט געקלערט,
פאַר זינגענדיקע פרילינג־שטראָמען!
עס מאָלן מילשטיינער פון צייט
דעם ברויט פאַר נייעם דור,
די דערנער שטעכיקע פאַרהיטן קנאָספּענדיקע רויזן —
אין אָדערן פון וועלט
קרייזט פייער־בלוט
דורך זינגענדיקער, גרויסער האַרץ
פון מענטשהייט!
נאַטור האָט שכל אונדז פאַרטרויט
צו אויפריכטן פון טויט
דאָס פּיצל המשך־קערן,
וואָס ברידערט גראָז און מענטש און שטערן!

מיר זיינען דער דור וואָס האָט מורא פאַרלאָרן

(צו משה כץ)

מיר זיינען דער דור וואָס האָט מורא פאַרלאָרן,
ס'האָט שרעק ניט קיין שליטה, וואו ציל איז פאַראַן —
מיר זיינען פאַר שענסטן יאָרהונדערט געבוירן —
מיר פליקן די רויז צוזאַמען מיט דאָרן
ווען ס'האַסטיקט דער בלוטיקער שטאָך אונדזער שפּאַן!

מיר גלייכן אוים שליאַכן צעטראָטן פון גייער,
מיר פלאַכן אוים בערג צו פאַרפילן די טאָלן —
אין לעבנס, ווי קוישן, מיר טראָגן צושטייער
פון פעלדער באַמיסטיקטע פירות אין שייער
אויף טרעפּ, בלוט-באַפלעקטע פון בייזע אמאָלן.

מיר נעמען אַרום ווי אַ דעמב אונדזער גלויבן,
פאַרוואָרצלט ביים ראַשיקן פולם פונם לעבן:
פאַר מינדעסטן ווינטל עם ציטערן שטויבן,
אַן אָפּגעפּליקט בלאַט ווערט פון אַ בלאַז אויפגעהויבן —
בלויז פעלז קען דעם שטורעם אַ ווידערשטאַנד געבן!

מיר זיינען דער דור, וואָס האָט מורא פאַרלאָרן,
אונדזער מוט האָט ברייטהאַרציק דאָס לעבן באַערט —
אונדז, קעמפער, אין וואונדער-יאָרהונדערט געבוירן,
וואָס שטייען באַוואָפנט קעגן אָנגריף פון יאָרן
צו זען איז דעם פרילינג פון שלום באַשערט.

פ ע ל ז ן

פון זאַמדן לויזע פעלזן שטאַרקע
האַמערן די כוואַליעס אוים:
דער שטוים, וואָס ברעכט, בויט אויפסניי
דעם ברעג וואָס גיט ניט נאָך,
וואָס שלאָגט צוריק!

אומגליק נעענטערט, ווי ברידער, הענט,
אַ באַרקע זוכט אַ באַרקע,
אַ טראָט — אַ ברודער-טראָט.
ס'וואַקסט-אוים אַ לעבעדיק-געשטאַלטע קייט —
אַ שויץ-פּלויט פון שטעכעדיקן פייער-דראָט
קעגן כוואַליע-ווענט פון שרעק-מגפה!

שרעק! ווילד-אויגיקע, צעשויבערטע,
בלינד-טויבע מכשפה,
פון אַלע שלעק די גרעסטע,
האָט צווילינג שוועסטער „שרעק פאַר שרעק"
פאַראוים אַרויסגעשיקט
צו אויסבעטן דעם וועג פאַר איר
ביי יעדער שוועל, ביי יעדער טיר.

ווי זאַמדן פון שטורעם איבערפאַל געפּרעסט,
שטייען פעסט די מוטיקע פון אונדזער צייט
אויף אונדזער ברעג:
שטוים פאַר שטוים,
קלאַפּ פאַר קלאַפּ —
קעפּ — פאַנען אויפגעהויבן,
גלויבן אין בליק —
זיי שלאָגן צוריק!

זיי שמעטערן דרוק פון שונאים,
זיי לאכן שרעק דערשראָקענער
אין פנים אריין.

פון זאמדן לויזע
פעלזיקע גיגאנטן פורעמען די כוואליעס אוים:
דער שטוים, וואָס ברעכט,
בויט אויפסניי, —
און פריי און מעכטיק
איבער שטורעם איינגעשפּאנטן
זיי טורעמען ווי זיגער אויפן ברעג.
מצבה־שטיינער איבער צווילניג־אומגליק —
שרעק, און שרעק — פאַר — שרעק.

ביים שוועל

מיר שטיין ביי טיר
מיט שליסלען אין האַנט,
ביים לעצטן פאַר׳חתמ׳עטן בריק
איין זיכערער ריר —
און צום לעבן געשפּאַנט
זיינען זון־פערד פון פרייד און פון גליק!

אויף וואַך ביי דער בריק
מיט הענט אויסגעשטעלט,
וואַרט יוגנט אויף ליבע און פרידן
איין ריר און דאָס גליק
פון דעם כישוף געצעלט
וועט די מורא אין קייטן פאַרשמידן.

מיר שטייען ביים שוועל
פון אַ פּאַלאַץ אָן ווענט,
וואו מענטש וועט זיין גורל אַנטשיידן:
אין גרוים פון אַ קרעל
מיליאָניקע הענט
צו יעטען, צו זייען, צו שניידן.

אַטאָם פאַר שלום,
אַטאָם פאַר לעבן —
די מאַמע־נאַטור האָט ניט אַנדערש געפּלאַנט,
פּעדים פון חלום
אין מאָרגנס פאַרוועבן
וועט היטער פון וועלט מיט געניטער האַנט!

מ י י נ ע ט ע ג

ווי שיפן איבערלאָדן זיינען מיינע טעג
פון יאָך דעם שווערן זינקען זייערע דעקן,
נאָר כ׳פיר זיי פעסט צום אָנגעמערקטן ברעג,
און כ׳ווייס, עס וועט אין מיר נאָך כוח קלעקן.

אַמאָל פאַרביינקט זיך מיר נאָך אויסגעשפּאַנטע שעה׳ן,
נאָך פייגל-פרייען, ציללאָזן פאַרוויל,
אויגן קוויקן זיך מיט פּראַכט פון הימל בלויען,
פאַרטעמפּט און רולאָז פונם אייביקן געאייל.

פאַרגעסן ווילט זיך וואָג פון שווערע יאָרן,
ס׳פאַרגלוסט זיך מיטן שניי אַ שפּיל-טאָן ווי אַ קינד,
זיך צוהערן ווי ס׳ווערט די אָזערע פאַרפרוירן
און קרעכצט ווען ס׳קאָוועט זי אין אייז דער ווינט.

נאָר אַז עס קומען טעג פון רו — קאָלירטע זייפן-בלאָזן,
ווערט מיר שווער די פוסטקייט צו פאַרדייען —
איך מוז צוריק אין וועג זיך לאָזן,
כ׳מוז ווידער מיינע טעג פאַרפולן און באַנייען.

איך טראָג צו אייך רייד . . .

איך טראָג צו אייך רייד
ווי קאָרענעם ברויט,
איך טראָג צו אייך וויין
פון אייערע טרויבן —
איר האָט אייער מי
אין דעם מאָרגן פאַרזייט,
טראָג איך צו אייך
אייער אייגענעם גלויבן . . .

ווי אַ בין זוכט איר האָניק
ביי בלומען אין פעלד —
איך זוך פרישן זאַפט
אין אייער נשמה —
איר האָט אומעטום
פולע בעכערס צעשטעלט
פון גרייטקייט,
פון קאַמף און נחמה.

איר זייט דער כלל,
איך אַ טיילכל — בלויז איינע,
נעם איך צו מער
ווי כ׳קען געבן,
בלומען־שטויב טראָג איך
צו פרוכפּערן טעג
פון ליכטיקן,
פריידפולן לעבן.

כ׳טראָג צו אייך צונטער
פון אייערע פלאַמען.
כ׳ברענג אייך ירושה
פון געטאָ־מאַרטירער.
כ׳וועב אויס אַ פאָדים,
וואָס קניפּט אונדז צוזאַמען —
שאַפער, באַשאַפער,
טוער און פירער!

צו פשוטע מענטשן...

צו פשוטע מענטשן איך נעם מיין געזאַנג,
צו טרעגער פון וואַסער און קנעטער פון ליים,
צו די וואָס ווי פויגל דערשפּירן צייטס גאַנג,
צו די וועלכע בּיינקען נאָך זיכערער היים.

צו די וועלכע הערן, נאָר שפּאָרן די רייד,
צו די וועלכע שטייען אין שאָטן פון בּינע,
וואָס קנעטן פון שוויים און פון טרערן אוים פריידּ —
געזאַנג פאַר אַ טעמפּל פון יושר און שכינה.

צו מענטשן וואָס בּלאָנדזשען פאַרוווירט צווישן אותיות,
נאָר טראָגן אַ בּוך, ווי אַ דימענט, צום שכן,
צו פולע בּיז בּרעגן הבדלה־כּוסות
פאַר אָנהויבּן נייע, פאַר פרישן נצחון.

צו זיי קום איך שעפּן מיין נעקטאַר אין קריגל
צו שטאַרקן ניגונים פאַר פאַרשנעלערטע טריט,
צו זיי וועלכע זיינען אי בּויער, אי ציגל,
צו זיי וועלכע זיינען דער שטאָל און דער שמיד.

ווי זאַמדן ביי בּרעגן, ווי שטאָפּלען פון גראָזן
צעטראָטן, פאַרשניטן — זיי בּלייבּן, זיי זיגן . . .
פון פלאַמען צעשרפ'עט, פון ווינטן צעבּלאָזן,
זיי שטייגן צום לעבּן אויף זוניקע שטיגן.

קום איך מיט ליד ווי אַ העלפער זיך שטעלן
נעבּן פשוטע מענטשן — געלאָדענע שיפן,
נעבּן די וועלכע גייען צום ליכט דורך טונעלן
און גיבּן זיך הענט אין די פינצטערע טיפן.

געבורטסטאָג־ליכט

„פרייהייט״ און פרילינג
ליכטיקער צווילינג,
קינדער פון שטורעם,
מאַמעס פון פרייד.

ניט יעדן יאָר, נאָר יעדן טאָג,
ווי אַ ניי־געבוירן קינד,
מיר טראָגן דיך
אויף טרעפּ פון צייט
דורך לאַבירינט פון לעבן
און שפּרייטן דיינע רייד
ווי פרישע בלום
אויף פריש צעאַקערטן בייט.
שלום־טויבן — דיינע שורות
פרילינג שוואַלבן — דיינע בשורות
און דיין גלויבן,
דיין לעבנס־פרייד
אַ שווערע ביימש
איבער גרין־אויגיקער שרעק
פון אונדזערע טעג.

ניט יעדן יאָר, ניט יעדן טאָג — נאָר יעדע רגע
מיר צינדן דיר געבורטסטאָג־ליכט,
ווייל דיין געבוירן איז אונדזער יום־טוב,
דיינע יאָרן — אונדזער מאָגערער צושטייער
דעם שיין פון מאָרגן.
פלעמלען זיך די ליכט,
ווי פיצלעך טאָג
אין נאַכט פאַרזייטע:
אין שטורעם ציטערן זיי,
אין כמאַרעס ווינקען זיי ווי מאַמע־אויגן
זיי בויגן זיך, נאָר לעשן זיך ניט אויס . . .

און אומעטום . . .
אויף ראָגן בלינדע,
אויף טראַקטן ברייטע,
פלעמלעך פאַרזייטע
וואַרפן ליכט־פּאַסן פאַראויס
צו בלאָנדזשענדיקע אין דער פינצטער !

פאַר מאָרגן געבוירן.
„פרייהייט" און פרילינג
לייבלעכער צווילינג
פאַראיינטע מיט יאָרן.

יאָרן

געוועזן יאָרן געלאָדן מיט פייער און פיין,
מיט הונגער און ווייען, מיט אומקום־געפאַר;
יאָרן צעבליטע אין תפיסה פון פעלקער,
אין וויסטן פּאָגראָם־לאַנד פון מעכטיקן צאַר . . .

נאָר אָט קומען יאָרן, וואָס טראָגן אַ יום־טוב,
ווי פאַקל צום שווערן אָלימפּיק־פאַרמעסט,
יאָרן, וואָס האָבן צעטראָטענע פעלקער
דערוואַרעמט ווי פויגל, די יונגע, אין נעסט —

— זיי קומען אָן, פריילעכע, יונג און געראָטן
צום יום־טוב פון הערלעכסטן פעלקער־געוועט,
ווי פרוכטן געריפטע אין זון און אין שאָטן
זיי טריפן מיט פרישקייט, מיט פאַרב און מיט זעט.

כ׳האָב ליב אַ וואָרט

כ׳האָב ליב אַ וואָרט, ווי איידל־שטיין געשליפֿן,
אַ קלאַנג, וואָס פֿיין ווי זיידן־פֿאָדעם איז,
כ׳האָב ליב אַ ליד וואָס קוועלט אַרויס פֿון טיפֿן —
אַקאָרד־געוועב ווי מאַמעס וויג־ליד זיס.

נאָר ס׳רייסט זיך האַרב דאָס וואָרט פֿון מײַנע ליפּן,
עס וויל מײַן מונטער־קול ניט אָנקומען צו שפּעט —
אין אָנגריף־צוג איז שווער צו מעסטן, זיפּן,
ווען וואָרט איז קוריער מיט אַ טרייסט־שטאַפּעט.

עס קומט אַ צײַט . . . כ׳וועל ווערטער אויספּאָלירן,
ווי אין אַ דימענט אויסשלײַפֿן צעפֿינקלטע פּאַצעטן,
כ׳וועל ליד מײַנס לירישן מיט ווייכסטן קלאַנג באַצירן,
עס זאָל געמיט ווי זומער־ווינטל גלעטן.

דערווײַל איז וואָרט מײַנער, ווי פּאָול רעוויר, אַ גרייטער,
מײַן ליד איז אימפּעט־טרעגער פֿון מיליאָנען פּיס —
צום קאַמף עס פֿירט אַ שאַלנדער טרומייטער
צום שלום־זיג אַ האַרף און פֿלייטע זיס.

כ׳האָב ליב געזאַנג, וואָס קוועלט אַרויס פֿון לעבן,
כ׳האָב ליב אַ קלאַנג וואָס אָטעמט זון און פֿרייד —
שפּאָר איך פֿעדים זיידענע פֿאַר מײַנע קלאַנג־געוועבן,
שפּאָר איך מילדע זוניקייט פֿאַר מײַנע צוקונפֿט־רייד.

מ ע נ ט ש

מענטש! אין וועלט־אַל אין גרויסן אַ קורצער געמאָסטענער שפּאַן,
אין אוצר פון באַשאַף — אַ פּינטל שטויב —
נאָר פוסטריט זיינע ווערן ניט פאַרלאָרן —
עס איז אַן אַטאָם־שטויב אין אים פאַראַן,
אַן אומרו־דראַנג, אַ פליגל־הויב,
וואָס ווירעט אוים זיין גאַנג מיט ליכט פון אייגענע יאָרן.

מענטש! די קרוין, דער ריז פון קליינער ערד,
אַן אומדערשראָקענער מיט פּנים קעגן אויפגערייצטן שטורעם
דורך מבול בלוט, דורך טרערן און דורך צער:
ער שפּאַנט, ער טרוימט, ער שאַפט, צעשטערט
ער צאַמט דעם ווילדן כאַאָס אין אַ נייעם פורעם
און ווערט ווי שטאָל פאַרהאַרטעוועט אין פייער פון געפאַר.

אין ווירבל־שטראָם פון קאַמף — אַ ראַדאַר אין וועג,
אין כמאַרע שרעק — אַ פּילאָט אַ געניטער,
וואָס קערעוועט, שטייערט דעם רודער פאָראויס:
מענטש — טיטול געבענטשטער פאַר טרעגער פון עמבריאָ־טעג
פאַר דעם וואָס פון ברודער און שוועסטער איז היטער —
ווייל מענטש איז באַוועגונג, באַנייאונג אין צילפולן שטויס.

מענטש — מלאך און שד — ניט צעטיילבאַרער צווילינג,
ליבשאַפט און האַס, ליכט און שאָטן — צוזאַמען,
ווי לעבן און טויט — צום מאָרגן אַרויפיקע טרעפּ:
פון פרילינגען קורצע צום לאַנגן, צום אייביקן פרילינג,
צו פעלקער, ווי רויזן, צעבליטע פון אַלערליי שטאַמען —
אין פוסטריט פון מענטש וואָס געלעבט און ניטאָ מער
מיר טראָגן ווי פאָנען געהויבענע קעפּ.

פ אָ ל ק

פאָלק — דער זין — אַזוי מעכטיק, אַזוי אייביק!
ניט מיינס, ניט דיינס
נאָר יעדערנס . . .
גבורה, חכמה, שטאָלץ און יושר . . .
ווער האָט עס ווען געהערט,
אַז פאָלק פאַרפירן זאָל אַ פירער?
אַז פאָלק פאַרראַטן זאָל
דעם גורל פון זיין מינדסטן גליד?!

פאָלק!
ניט מיינס, ניט דיינס
נאָר יעדערנס;
געדולד און גרויסמוט
גוטס און שלעכטס . . .
און ס'האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט געהערט
אַז פאָלק פאַרגעבן זאָל די זינד פון קין
די זייער פון אַ מענטשן־שניט?!

פאָלק!
ניט מיינס, ניט דיינס
נאָר יעדערנס —
ווי ריכטער שטרענג,
ווי מאַמע טריי
מיט ליבשאַפט זיפּסטו אוים אויפסניי,
דיין אייביק־רירעוודיקן שטראָם,
מיט זיידנס־דינעם פילטער,
קלאָרסט פון שימל אוים
די אמת־זעמדעלעך פאַר ווייטערדיקן זיין!

ווי זון שאַטירן זיך דיינע פילפאַכע קאָלירן,
דיין אימפּעט — אַטאָם-אומרו דורך צעפּראַלטע טירן
און ס׳האָט נאָך קיינער, קיינמאָל ניט געהערט,
אַז פאָלק זאָל אָפּטרעטן פאַר שונא אין געפעכט,
אַז פאָלק זאָל וועג זיינעם פאַרקערעווען צוריק!

פאָלק! ווי גרוים עס קלינגט, ווי רייך . . .
אַ כישוף-טייך מיט קורס אויף באַרג-אַרויף,
אַ כישוף-קוואַל, וואָס נעמט זיך גאָר ניט אוים —
דורך קרומקייטן פון לעבן
אין דורות׳דיקן גאַנג פאָראויס . . .
דאָס פאָלק —
ניט מיינס, ניט דיינס, נאָר יעדערנס!

יזכור־טעג

אויף וועג צו שלום
יזכור־טעג, ווי פייער־זיילן אויסגעשטעלט!
אויף וועג צו ברודערשאַפט
קברים . . . וואונדן פאַרצויגענע אויף גוף פון וועלט;
אויף שווערן וועג נחמות:
נר־תמיד פון צעלויכטענע נשמות
מיט ליכט פאַראוים,
מיט שאָטנס הינטער זיך.

יזכור־טעג — שליסלען שווערע
צעפּראַלן שליוזן פון זכרון:
ס׳האָט אַ וועלט געבלוטיקט,
ס׳האָט אַ וועלט געשוואָרן:
„ניט פאַרגעבן . . . ניט פאַרגעסן"
און ווידער ציטערט אויף אין לופט
פאַרשניטענער אַקאָרד פון לעצטן רוף:
„אָ, זאָג ניט קיינמאָל,
אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!"
פאַרשעמטע שטייען יזכור־טעג,
פאַרשוועכט דער אַש . . . די לעצטע געטאָ־פאָן,
פאַרטויבט, פאַרשפּיגן קול פון ברידער־קברים —
זכר הייליקער פון זעקס מיליאָן!

דאָרט . . . אין שלאַנגען־נעסט,
באַפרייט איז נאַצי־פאָן,
ווידער פלאַטערט זי מיט חוצפה אויף פאַראַדן . . .
דאָרט . . . ביים אויבן־אָן, דער מאָרד־עקספּערט
פאַרשלייערט זיינע בלוט־סליאַדן
מיט זאַמד פון פאַלשע רייד,

מיט האַניק־גיפט פון קלאַפּערשלאַנג,
מיט העסלעכן געקלאַנג
פון גניבה־גאָלד אויף וואָג
פאַר בערג מיט מענטשן־אַש,
פאַר הורבעס קינדער־שיך,
פאַר מענטשן זייף,
פאַר פרויען צעפּ!

אויף וועג צו שלום
יזכור־טעג ווי פייער־זיילן אויסגעשטעלט
אויף וועג צו ברודערשאַפט
נר־תמיד פון צעלויכטענע נשמות
מיט ליכט פאָראויס,
מיט שאָטנס הינטער זיך!

מיר וועלן לאַכן אין פרילינג

ערד איז שטייף,
מיט גליווער דורכגענומען,
נאָר אין איר מוטער־לייב
גייט לעבן אויף —
זאַנגען גרינען, עס וואַכן בלומען,
גרייטן זיך פאַר פרילינג־קאַרניוואַל.

אייז אין קייטן,
טייך אין פענטעס,
נאָר אונטער פלאַך
אַן אימפּעט־פלוס —
ס'רוקן זיך שפּאַלטער פון אייז,
טרעגער פון ליכטיקן גרוס.

וואָלקנס פול,
הימל גרוי,
שווערער פאָרהאַנג
איבער ליכט פון זון —
נאָר הינטער אים, לויטערער שיין
זון וועט ניט פאַרראַטן,
ניט פאַרגיין.

מענטש איז גרייט
צו ברעכן נויט,
ווי טייך דעם אייז,
ווי זון די כמאַרע
אַ וואָרע מאַכט! דער וועלט אַנטקעגן
ער גייט אויף ברייטע, רחבות־וועגן.

ערד און הימל,
טייך און מענטש
שלאָגן צוואַנג מיט געזאַנג —
באַלד וועלן קריעס פּלאַצן, קראַכן
און מיר אַלע וועלן לאַכן
אין פרילינג, אין פרילינג!

אונדזער פּאַראָל

אויף צייט-בית-עולם
שטייען יאָרן ווי מצבות אויסגעשטעלט . . .
און ראש-השנה אונדזערער
פאַרלויפט דעם וועג דעם ניי-יאָר פון דער וועלט . . .
אויף פּלייצעס יונגע פון דעם וואַנדערער
אַ היפּש באַגאַזש —
איז עס אַזוי גרינגער צי מדבר׳שער מיראַזש ?!

פאַר ברויט פון נייעם יאָר
מיר מוזן מעל אויסזיפּן —
אין הורבעס אָפּשאַרן די פּסולת און די שטערער —
ער קומט מיט צוזאָגן,
מיט שמייכלען אויף די ליפּן,
ווי זילבער-פּאַסמעס
הינטער כמאַרע שווערער.

שלום, פרייד און פריינטשאַפט
צו אים אונדזער פּאַראָל —
מיר גריסן פריינט פון אומעטום צום נייעם יאָר !
אויף צייט-בית-עולם
רוען זאָל דער שרעקפולער אַמאָל,
און שמייכלען זאָל צו קינד פון צייט
דער יונגער דור.

טיטאַן פון אונדזער צייט

שלום! טיטאַן פון אונדזער צייט,
דער געפּענטעטער פּראָמעטיי,
צום באַרג מיט שטריק געבונדן,
רייסט זיך ווערן פריי . . .
נאָר אָדלער צערייצטע
הערן ניט אויף זיין לעבער צו פרעסן . . .

ביים טיש אין זשענעווע
זיינען פירער געזעסן,
אַ ליידיקער שטול האָט אויף גיבור געוואַרט —
דעם גיבור באַפרייטן פון שטריק,
מיט פייער פון הימל, מיט האָפנונג פון גליק!

פון לענדער צעשפּרייטע,
פון פּאָליוס ביז פּאָליוס
געקומען איז עכאָ פון בשורה:
פון אָלפּן באַשנייטע.
פון טאָלן באַגרינטע
געקומען איז פריידיקער גרוס,

„עס זיגט פּראָמעטייאישע גבורה!
מיט אָרעמס באַפרייטע,
מיט זיכערן שפּאַן,
צום ליידיקן שטול אין זשענעווע
עס קומט דער טיטאַן —
ער גייט צום טיש,
צום סאַמע אויבן־אָן!

אַ סטרונע האָט געפּלאַצט...

אַ סטרונע האָט געפּלאַצט אין מיטן שפּיל,
אין מיטן ריזיקן קרעשענדאָ צום פינאַל —
ווען אויפגעברויזט האָט זיסער פרייד־געפיל
האָט זי אַ פליק געטאָן די האַנט פון אַ וואַנדאַל.

אָרקעסטער האָט די בויגנס אָנגעשפּאַנט,
אַ צווייפל פינקלט אויף אין פּילע אויגן,
נאָר גאַנץ ווערט פידל אין דעם מייסטערס האַנט —
אַ סטרונע האָט געפּלאַצט — אַ סטרונע ווערט פאַרצויגן . . .

געוויס האָט יעדערער אַ פאַלשן טאָן דערהערט,
געוויס האָט האַרמאָניע פון איבערריים געליטן,
נאָר קיינער האָט דעם אָרקעסטער ניט געשטערט,
ניט אָפּגעשטעלט מוזיק אין סאַמע מיטן.

אַ סטרונע האָט אַ ריס געטאָן וואַנדאַל,
די פידל איז פאַרבליבן אומבאַרירט —
עס שטייגט סימפאָניע צום הערלעכן פינאַל —
זיין ווערק צום סוף אָרקעסטער פירט.

מיין ווייטיק

מיין ווייטיק איז אין האַרץ ווי תפיסה איינגעשפּאַרט,
דערלייזן וועט אים בלויז אַ נייע, טרייסטנדיקע פרייד
איך ווייס — באַגינען קען ניט ווערן ווידער נאַכט,
ווען זון האָט ליכטיקייט ווי פּעכער אויסגעשפּרייט.

אין לאַנד פון וואונדער-ערשטלינג איז אַ גרויל געשען;
אין לאַנד פון גרויסן צוזאָג, פון שענסטער וואָר!
טאָ פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט קיינער ניט דערזען
די שונא-האַנט, וואָס האָט פאַרשעמט דעם ליכטיקן קאַיאָר?!

אַ וואָרעם סמ׳יקער אין שיינעם עפּל איינגעשפּאַרט,
האָט זיסע זאַפטיקייט פון פרוכט פאַרצערט . . .
ווען טויזנט אַרגוס-אויגן האָבן איבער לאַנד געוואַכט,
ווען טויזנט אויערן פאַרשפּיצטע האָבן מינדסטן שאָרך געהערט?!

נערוון פלאַטערן ווי צעפלאָשעטע טויבן,
מיט פליגלען אָנגעצילט, צום אויפשטייג גרייט:
איבער וויגעלע פון מיין צעגליטן גלויבן,
האָט עמיצער אַ פאַנג-נעץ אויסגעשפּרייט.

נאָר גלויבן מיינער האָט מיך קיינמאָל ניט גענאַרט
און שטאַרקער פון דעם שונא׳ס נעץ איז איצט זיין דראַנג!
באַפרייען וועט ער צער אין האַרצן טיף פאַרשפּאַרט
און אים פאַרהילכן מיט באַנייטן זיג-געזאַנג.

אין אָנדענק

די טעג פון אונדזער צייט איז שווער צו טראָגן —
דער טייג פון מאָרגן גייט אויף איבער ראַנד.
אינמיטן נאַכט צעגליען זיך פאַרטאָגן,
האַרט און בויגעוודיק ווערט מענטש אין בראַנד.

צייט פאַרציט די טיפסטע וואונד מיט ניי־געוועבן,
נאָר טויט גיט קיינמאָל, קיין זאַך ניט צוריק —
אין יאָרצייט־טאָג דערפילט מען — ס׳פעלט דיין לעבן,
דיין שמייכל־טרייסט, דיין גלויביק בליק!

אזויפיל פרילינגען און זומערן און ווינטערן פאַרשניטן,
אַזויפיל ניט־דערטרוימטע טרוימען טויט,
אַזויפיל יאָרן ניט־דערלעבטע — אָפגעפליקטע בליטן,
פאַרשטומטע שלום־טויבן דיינע וואָגיקע רייד!

אויף קבר דיינעם — גרויער, האַרטער שטיין,
נאָר איבער דיר שיינט זון, אַ פויגל זינגט, די גראָזן גרינען.
פאַרצויגן ווערט אַ וואונד, פאַרגליווערט אַ געוויין,
נאָר דיין צושטייער טראָגן מיר צום נאָענטן באַגינען.

מיט יעדן שטעל פאַר כבוד פונם לאַנד
אַ דענקמאָל דויערהאַפטער ווערט פאַר דיר געשטעלט,
מיט יעדן שלום־דרוק פון אונדזער האַנט
מיר ערן אָנדענק דיינעם איבער גאַר דער וועלט.

צום בוים ביי מיין פענסטער

אַ גרוס דיר, בוים, מיין רייפער צווילינג,
צוזאַמען כ׳בין מיט דיר שוין אַלט געוואָרן,
נאָר ווען איך זע דו גרינסט און בליסט דאָ יעדן פרילינג,
פאַרגעס איך אויך צו ציילן מיינע יאָרן.

כ׳געדענק דעם טאָג, אַ זוניקן, אַ הייסן,
נעבן הויז האָט עמיצער דעם באָדן אויפגעגראָבן,
איך בין, אַ שוואַנגערע, אַרויס אין דרויסן
און זיך געפרייט — דאָס געסל וועט אַ שאָטן האָבן.

אויף קאָרע דיינער — קאַרבן . . . טריט פון לעבן,
ווי קנייטשן טיפע אויף מיין אויסגעדינטן פּנים—
מיר ביידע ווייסן גרויסן גליק פון געבן . . .
טראָגן מיר דערפאַר מיט שטאָלץ די צייט־סימנים.

אונטער צווייגן דיינע כ׳האָב געהאָדעוועט מיין ערשטלינג,
ער האָט, ווי זיי פון דיר, מיין זאַפט געזויגן . . .
און יאָר נאָך יאָר, אין ערשטע טעג פון פרילינג
ס׳האָט מיך און קינד מיינעם צו דיין באַנייטן גרינס געצויגן.

אַצינד, פאַראַנקערטע אין גרונט, מיט צווייגן אויסגעשפּרייט,
מיר טאָרן זיך אויף מזל אונדזערן ניט קלאָגן:
אפילו ווען אַ צווייג צעוואַקסט זיך איבער שכנ׳ס פּלויט
ער וועט פון אונדזערטוועגן דאָרט זיין פּרוכט אויסטראָגן . . .

פריינט, מיין גרינער, פאַרגעס די פרייד פון עלטער,
כאָטש קינדער רייסן זיך פון אונדז צו וועלט, צו רוים . . .
געדענק, ווי ווייַן ווערט שטאַרק אין שאָטנדיקן קעלטער,
אַזוי ווער איך און דו געשטאַרקט פון נחת, ליבער בוים!

פאַר אונדזערע אויגן ווערט לייַנגער, ליכטיקער דער פרילינג.
פלויטן פאַלן. ס׳ווערט גאָרטן, אונדזערער, מיט זוניקייט צעהעלט.
איך — צעקנייטשטע און דו פון צייט צעקאַרבט, מיין צווילינג,
וועלן עלטער ווי אַן אָנשפּאַר שיינקען שפּראָצנדיקער וועלט!

אַ יאָר — אַן אָנהויב

אויסגעגאַנגען זיינען אַלטע טעג פון יאָר,
ווי אויסגעברענטע ליכט אין לעצטן, פאַלשן פלאַקער,
ווי גרויע פעדים אין אַ פאַרב-צעשפּילטער וואָר,
פאַרגראָבן זיינען זיי פון שווערן אַקער.

ווי רעגן-טראָפּנס איבער שויבן — טעג פון לעבן,
ס'פאַרנעמען אייניקע די זון, די אַנדערע דעם שטויב;
ווי קייקעלעך פון בלוט זיי בינדן לייב-געוועבן,
ווי' זאַפט וואָס רייפט פאַר ווײַן פון מאָרגן אין דעם טרויב.

אַוועק זיינען די לעצטע טעג פון יאָר,
פאַרבליבן זיינען לעבעדיקע פונקען אין דעם פריסיק רויטן,
זיי וועט פאַנאַנדערבלאָזן אונדזער גורל'פולער דור
און צוטראָגן צום שעפערישן פלאַם וואָס פורעמט צייטן.

און ווען ס'וועט אָנקומען דער טאָג פון אַלע טעג,
און ווען ס'וועט אויפבליען דער יאָר פון אַלע יאָרן,
וועלן טעג פאַרלאָשענע צעשטעלן זיך ביים סוף פון וועג,
ווי שטורקאַצן פון אייביקייט וואָס גייען אויס נאָר ווערן ניט פאַרלאָרן.

זאָג מיר, פריינט...

זאָג מיר, פריינט, וואו זיינען דיינע פולע יאָרן?
וואו זיינען דיינע טעג ווען דו האָסט ברוק געברענט?
וואו זיינען שבועות, וואָס דו האָסט געשוואָרן
און זיך אין הארץ געקלאַפּט מיט ביידע הענט?!

דו גייסט אַ פריילעכער צו אייגענער לויה
און זאָגסט אפילו ניט קיין הספד־רייד.
דו ביסט אַזוי מיט „קליינעם איכעלע" פאַרשמייעט,
אַז דער אַרום ניט ערגערט דיך, ניט פרייט.

איז וואָס וועסטו די קינדער דיינע זאָגן
אויף מאָרגן נאָך דעם משוגענעם יאַריד,
ווען פינסטער וועט דיר זיין אינמיטן טאָגן,
ווען וועסט אין לעבן זיין אַ טויטער מענטש און ייד?

כ'פאַרשטיי, דו ווילסט אַ גרויסע ירושה לאָזן,
אַ באַנק־ביכל אַ פעטס, אַ ביסל אייגנטום און נאָך...
נאָר דו פאַר'סמ'סט דיינע אייגענע וואָרצל־גראָזן
און גרייטסט פאַר יורשים דיינע אינמיטן יום־טוב — וואָך!

זאָג מיר, פריינט, ביסט אַזוי קלוג אין לעבן —
ווי זעסטו ניט די „האַנטשריפט אויף דער וואַנט"?
דו האָסט אַזוי פיל שיינע יאָרן דער וועלט געגעבן —
איצט פירסטו זיי צו קבורה מיט אייגענער האַנט!

געדענק! די קינדער אייגענע — זיי וועלן ניט פאַרגעבן,
זיי וועלן מיט אומ'כבוד דעם נאָמען דיינעם טראָגן.
טו זיך אין צייט אַ קערעווע מיטן פּנים צום לעבן,
מיט אויגן אָפענע צום היינט, צום מאָרגן, צום טאָגן...

צ ע נ ז ו ס

ווי צום אַזים גרינעם קאַראַוואַנען
צום „פרייהייט" צענזוס ציען גוטע פריינט —
ציגל־טרעגער, בויער, שלום־פּאַרטיזאַנען,
דורך גרויסער וויסטעניש פון שווערן היינט.

און יעדן יאָר, ווען ציילונג הויבט זיך אָן
אין שטעט און שטעטלעך פון אונדזער גרויסן לאַנד,
וויל יעדערער פאַרנעמען אויבן־אָן
ביים „פרייהייט" יובל מיט אַ פולער האַנט.

מיט חלק אַפּשפּאָר, מיט שעפּערישער פרייד
צום „פרייהייט" צענזוס זיי זיינען דאָ;
פריינט, פון אומעטום, ווי זיילן שטייען גרייט
יעדע רגע, יעדע שעה.

זיי שטייען ביי דעם „פרייהייט"־קוואַל,
זיי האַלטן וואַך, זיי היטן אָפּ,
ס'זאָל חיה פון מעקאַרטי־שטאַל
ניט וואַגן אויפהויבן איר קאָפּ.

שלום עליכם

(צום פערציקסטן יאָרצייט)

ניט קיין לאַכער, ניט קיין אָפּלאַכער איז ער געווען —
געווען איז זיין געלעכטער מיט אומרו-טוי פאַרצויגן:
ער האָט הומאָר פאַרווירצט מיט ביטערקייט פון טרער
און עס אַרויסגעשטעלט ווי שמייכל אין די אויגן!

ער האָט געזען די וואָר און האָט געליטן,
צווישן לעבנס-מילשטיינער געשטאַנען איז זיין דור,
נאָר ער, מיט פאָלק זיינעם פאַרקוועטשט אינמיטן,
האָט מיט זיין קינסטלער-אויג דערזען שוין דעם קאַיאָר.

געווען מיט הענדלער „אַ יאַגדעלע פון זעלבן פעלד,*)
מיט פערטשיקן — אַ הארץ מיט יושר פול,
פרעמד און דאָך נאָענט געווען איז האָדל'ס וועלט,
וואו פאַר זיין טביה'ן וואַרט אַ בכבוד'יקער שטול.

שלום-עליכם איבער גרעניצן פון פאָלק און לאַנד,
די ווערטער זיינע ווערטפולער ווי דימענטן אין קרוינען:
דער גרויסער קינסטלער האָט באַזיגט זיין שטאַנד
מיט זיינע לעבנס-טרייע, קערנדיקע פאָלקס-פאַרשוינען.

שלום-עליכם — דער שענסטער גרוס אַצינד,
שלום-עליכם — דער בעסטער עכאָ פון דער שעה:
ער האָט הומאָר זיינעם פון אומעט-פרייד געשפּינט
און זיין ירושה איז מיט אונדז ביי יעדער שמחה דאָ.

ניט קיין לאַכער, ניט קיין אָפּלאַכער געווען איז ער,
פון לעבן גרויען דימענטן האָט ער געקליבן,
האָט לעבנס-פרייד ווי זון געפינקלט אין זיין טרער,
איז ער ווי זון אין לעבן אונדזערן פאַרבליבן.

*) ש. ע. וועגן זיך אין בריוו צו אַ פריינט.

מ ו ט ע ר

(אין אָנדענק פון איווא האָפמאַן)

ס׳האָט קיינער ניט געפילט דעם אָטעם פונם טויט,
געלויכטן האָט איר פּנים רואיקער פון גרויען אָרון —
עס האָט פון איר מיט וואַרימקייט געווייט,
מיט אָפּגעשפּאָרטער זון פון אירע ליכטיקע יאָרן.

ווען טיר און טויער איז פאַר פרוי געווען פאַרריגלט,
זי האָט זיי אויפגעריסן מיט געביילטע הענט;
ווען ס׳זיינען אויערן פון וועלט געווען פאַרזיגלט,
זי האָט מאָנענדיק צעשמעטערט טויבע ווענט.

אין ווילדערניש זי האָט אַ וועג אונדז אויסגעטראָטן,
און לייכט געווען איז ווייטער גיין אין אירע טריט —
ווי אויפגעבליטער בוים, זי האָט איר צווייט צעשאָטן
און ס׳האָבן דורות מוטיקע זיך אַרום איר צעבליט.

האַס און ליבשאַפט האָט זי אין זיך געטראָגן,
ווי ס׳טראָגט אַרום אַ רויז די דערנער און דעם דופט —
מיט וואָרט פון אמת דעם שונא אָפּצושלאָגן,
מיט קול פראָפעטישן, וואָס וואָרנט, וועקט און רופט.

באָסטאָן

אין דיינע טראָטואַרן עכאָ זיכערער פון מיינע יוגנט־טריט,
אין לופט דיינער דער ערשטער אויסגעשריי פון ערשטלינג - פון מיין בכוד,
מיין פרילינג האָט אין שוים דיינעם געבליט
און פרוכט געבראַכט צושטייער פון מיין לאַנד, מיין דור.

כ'האָב ליב געקראָגן ביקאָן היל, דעם קאמאָנס מיט די טויבן,
דעם בריטן טשאַרלס טייך, די עספּלאַנאַד קאָנצערטן;
פון דיינע פרייהייט־דענקמעלער געאָטעמט האָב איך גלויבן,
אַז ווי אַ לייכט־טורעם דעם היינט באַווירקן וועט דיין נעכטן.

דיין פּילגרים־אויסדויער, עקשנות־דראַנג פון פּיאָנערן־יאָרן,
איך האָב מיט פרייד אין מיין געביין פאַרשפּונען,
אויף גאַסן־ראָגן כ'האָב מיין זילבער־קול פאַרלאָרן,
נאָר כ'האָב אַלם לוין — משפחה, פריינט געפונען.

ווי צו אַ מאַמע, כ'האָב זיך צוגעטוליעט צו דיין ערד,
ווייל ניט דורך צופאַל פון געבורט, ביסטו מיין היים געוואָרן,
איך האָב זיך איבער דיר אויף וואַך געשטעלט מיט וואָרט, ווי שווערד
צו אויפהיטן ירושה פון דיינע פרייהייט־יאָרן.

ניט איינמאָל האָסטו מיך אַנטוישט, מיין ליבסטע שטאָט —
געדענקסט דעם טויטן־מאַרש נאָך סאַקאָ און וואַנזעטים אָרון?!
דיין שיינער נאָמען איז געוואָרן שאַנד און שפּאָט,
און דיינע ברייטע גאַסן שטראָמען צער און צאָרן!

געדענקסט אפשר דעם שיינעם ערשטן מאַי —
מיר זיינען צוטרוילעך אַרוים צו יום־טובן אויף גאַסן
און דו מיין באָסטאָן, וואָס האָסט דאָס לאַנד געלערנט ווערן פריי,
האָסט בלומען בלוטיק־קלעפּיקע דערלאַנגט די מאַסן?!

נאָר כ׳האָב דיך ליב, מיין שטאָט, פאַר נעכטן דיינעם און דיין מאָרגן,
ווייל כ׳האָב מיין חלק צוגעלייגט צו אויסגלייכן דיין גאַנג:
פון ווענדעל פיליפס, עמערסאָן, טאָראָ, כ׳וועל שטענדיק באָרגן,
מיט זייער חכמה, מענטשן־ליבשאַפט דורכשנירלען מיין שטיל געזאַנג.

אויף דיינע אַלטע געסעלעך און גאַסן עכאָ פון מיין לעבן,
אויף דיינע ראָגן מונטער־רוף פון מיין געמיט,
כ׳האָב דיר, מיין היים־שטאָט, דורות צוויי געגעבן,
מיין פרילינג האָט זיך אין דיין שוים מיט זיסער פרוכט צעבליט.

ביקאָן היל

געסלעך שלענגען זיך אַרום דעם ביקאָן היל —
די ערשטע בהמות האָבן זיי דאָ אויסגעטראָטן,
דער ווינט האָט דאָ געהוליעט אויף פליגלען פון דער מיל
און ס'בערגל איז געווען מיט צווייט באַשאָטן.

זיין לויכט־טורעם האָט פישער־לייט באַגלייט
און צוגעזאָגט זיי רו אין שטיבלעך אויף די ברעגן,
דאָרט האָבן פרויען מאָלצייטן פאַר זיי געגרייט
און אומרואיק געקוקט אויף זאַמדיקע שטעגן.

אַמאָל האָט ביקאָן היל געכוואַליעט דאָ מיט זאַנגען,
עס האָבן קינדער, פרייע פויגל, זיך געשפילט,
איצט זיינען געסלעך ווי מיט פאָרהאַנגען פאַרהאַנגען
די ענגשאַפט האָט די זון אין שאָטנס איינגעהילט.

ווי אַ פעסטונג־וואַנט די רויטע הייזער־רייען,
די פענסטער, ווי מיט בעלימער, מיט שמוץ פאַרצויגן,
ווי שונאים איינם אַנטקעגן אַנדערן זיי שטייען
מיט אומצוטרוי אין בעלימדיקע אויגן.

לואיסבורג סקווער — ווי אויף בית־עולם שטיל,
מצבות — הייזער שטיינערנע אויף שלאָס און ריגל.
ניטאָ קיין קלאַנג, ניטאָ קיין קינדער־שפּיל
און ס'לאַנגווייליקט זיך — זון אויף אַלטע ציגל.

די בוימער אויפן סקווער איז נמאס שוין צו גרינען,
זיי בייִנקען נאָך אַביסל טומל, קינדערשן געלעכטער —
אין געסלעך קינדער אונטער רעדער פון מאַשינען,
דער טויט אויף ראָגן — זייער טרייער וועכטער.

געסלעך שלענגלען זיך אַרום דעם ביקאָן היל,
דאָרטן וואַקסן קינדערלעך אָן זון, אָן לופט, אָן רוים.
זיי וואָלטן אויפגעוועקט פון סקווער די נודנע שטיל
און נחת וואָלט געקליבן לאָן און בוים.

באָסטאָן, מאַס.

אַזוי ווייניק טעג...

.1

אַזוי פיל רגע׳ס אין מינוט,
אַזוי פיל מינוטן אין שעה,
אַזוי פיל שעה׳ן אין טאָג —
און אַזוי ווייניק טעג . . .

אין טויטן־קאַמער
איז קיין זייגער ניטאָ —
דאָס האַרץ קלאַפּט אויס
גאַנג פון צייט
און ס׳וויל ניט בלייבן שטיין!

ציען זיך רגע׳ס
ווי פאַר׳עקשנ׳טע פערד,
וואָס קלאַמערן זיך אָן ערד אין געפּאַר:
זיי ווילן ניט,
זיי וועלן ניט
אויפגעבן לאַסט פון לעבן.

אין טויטן־קאַמער ליאַרעמט שטילקייט:
טריט — האַמער קלעפּ,
סקריפּ פון פּען — פּויק,
טרער אויף פּאַפּיר —
אַ טראָפּן, וואָס דליבעט אַ שטיין,
שאָרך ביי פאַרריגלטער טיר —
קריץ פון פאַרשטשימעטע ציין.

אין צוויי פאָר אויגן — שאָטן פון „שטול",
צוויי הערצער מיט גלויבן פול,
צוויי טליענדיקע פונקען לעבן,
וואַרטן אויף אונדזער וואַרעמען אָטעם!

ביים מזבח פון גאָלדענעם געטש
„מענטשן־יעגער", מיט נאָזלעכער צעפּאַטלטע,
שמעקן בלוט פון אומשולדיקן פּאָר —
עטל, דזשוליוס — אויסדערוויילטע צוויי
פון אויסדערוויילטן דור!

.2

אויף יענער זייט גראַטעס
ליאַרעמט צייט
אויף אַלע זייגערס,
אויף אַלע שפּראַכן,
אויף אַלע קאָנטינענטן —
ווייזערס יאָגן, טייטלען, מאָנען און דערמאָנען . . .
סאַקאָ — וואַנזעטי — מעקגי . . . מיליאָנען!

אין אָסינינג — אַן אַוואַלאַנש:
שטים צו שטים,
טראָט צו טראָט,
האַנט צו האַנט —
אַ דונער־שטים,
גיגאַנטן שפּאַן —
ניט האָבן וועט מעקאַרטי'ס מין קיין האַפט
צו איינצאַמען די קראַפט
פון עכטן פאָלקס געשריי
„טרעט אָפּ! דער שטול איז ניט פאַר זיי".

צווײ בלויז . . . אומשולדיקע צווײ,
נאָר דורך זײ מען וויל
מיט בראַנד־וואונד שטעמפּלען
אַ דור,
אַ לאַנד,
אַ קלאַס,
אַז קינד און קינד׳ס קינד
זאָל מיט שולד און שאַנד
פון קינ׳ס צייכן זיך טראָגן
אויף גאַס אין פינסטערע פאַרטאָגן . . .

3.

פון וואַנט צו וואַנט,
פון בעטל צו פענסטער גראַטעס
שפּאַנען צווײ —
פאַר אויגן . . . קינדער, היים, אַמאָל,
פאַר אויגן . . . וועלט מיט פריינט
וואָס וואַרפן שטים־געוויכט אויף יושר־שאָל.
אין טויטן־קאַמער
איז קיין זייגער ניטאָ —
דאָס האַרץ קלאַפּט אוים גאַנג פון צייט —
און ס׳וויל ניט בלייבן שטיין!

אַזוי פיל רגע׳ס אין מינוט,
אַזוי פיל מינוטן אין שעה,
אַזוי פיל שעה׳ן אין טאָג
און אַזוי ווייניק טעג . . .

מ י י ן פ אָ ל ק

שוין צייט, מיין פאָלק, זאָלסטו איצטער אַנדערש זינגען —
איבער אַ נייעם בראשית זאָל ווי שוים אַרויפּיווירן דיין אַלט געוויין.
זאָל קרעכץ און ווײ, ווי אַ פינאַל־אַקאָרד פאַרקלינגען
און ווי אַ בעכער פול זאָל ליד דיינס זיין מיט פרייד און חן.

מוזט צופּאַסן געזאַנג דיינעם צום ריטם פון מאַשינען,
דיין ניגון איינראַמען אין אייביק־גרין פון וואַלד,
זאָלן זינגער דיינע זיסקייט שאַפן ווי די בינען
און ווערן זאָל דיין אויפבוי־קלאַנג אין עכאָס וויט צעשאַלט.

פאַרשאַר פון זיך די קינות און שאַף געזאַנג פאַר שניטער,
זאַפּ אָן די טעכטער און די זין מיט סימפאָניע פון פעלד —
זאָל די יוגנט יידישע מיט נייעם, שטאָלצן ציטער
אַ ניגון פריילעכן אַריינוועבן אין גרויסן ליד פון וועלט.

אָנשטאָט בלומען

פֿאַר די צום טויט פֿאַרנאַרטע
אונטער פֿאַלשע פֿאָנען,
פֿאַר די וואָס וועלן קיינמאָל מער
אַליין ניט מאָנען,
זאָלן מיליאָנען ווייסע טויבן
גרינע צווייגלעך טראָגן
איבער מבול בלוט —
'שטאָט בלומען!

קעגן די וואָס שענדן ערד
מיט טויטער זריעה פֿון פֿאַרקירצטע יאָרן,
קעגן די וואָס שניידן לעבנס
ווי גערעטעניש פֿון רייפֿן קאָרן,
זאָלן מיליאָנען טריט, ווי פּויקן שלאָגן,
זאָלן מאַמעס קינדערלעך אין אָרעמס טראָגן,
און אויפֿמאָנען דעם שכר פֿון יעדן קרבן־העלד — — — —
שלום, שלום, שלום אויף דער וועלט.

מוטער בלור

מוטער בלור און טויט?
ווי קאָן מען עס פאַרן?
אירע יאָרן — לאַגלען מוט און פרייד,
האָט זי, די גייערין, פאַרזייט
אויף אַלע קרייץ-און-ביי-וועגן פון לאַנד . . .
לויכטן אירע פוס-טריט — פאַרביקע זיגזאַגן,
ווי מאַנענדיקע קאַמפּס-פענער פון פרייע און פון בראַווע . . .

ווי אַ געטרייע מאַמע,
האָט זי מונטערקייט געטראָגן
דורך גרויע פאַרטאָגן
פון שטוב צו שטוב
אין פעסטונג פון פאַרד׳ן,
אין קעניגרייך פון שטאָל.
צום קאַטן-פעלד און קוילן-גרוב,
אויף סקווער און גאַסן-ראַג . . .

מוטער בלור — מוסטער און טרייסט
פאַר קעמפער פאַרשפאַרטע אין איינזאַמער קאַמער,
פאַר העלדן פון שלום, פון שעפערישן האַמער,
פאַר מאַמעס, פאַר קינדער, פאַר מוטיקע טאַטעס
פאַרצאַמטע מיט אייזערנע גראַטעס!

מוטער בלור . . . — טויט?
ווער קען אַזוינס פאַרן?
זי לעבט, ווייל אין צוקונפט זיינען פאַרוועבט אירע יאָרן,
ווייל שטיפערישער גלי פון אירע אַלטע אויגן
האָט זיך צו די יונגע אַריבערגעצויגן!

זי לעבט, ווייל די יורשים אין די מיליאָנען
טראָגן שלום-טויבן אויף זייערע פאָנען.
זי לעבט, ווייל די טעג פון איר לעבן
האָט זי דעם פאָלק אַ מתנה געגעבן.

מ י י ן נ אָ מ ע ן

(צו שרה פעל־יעלין לייען קרייז דעטראָיט)

צווישן טעכטער יידישע איר האָט מיך אויסדערווײלט —
מיין נאָמען לעבעדיקערהייד צו אַ סימבאָל דערהויבן:
פון טיפן פאָלקס־ברונעם מיר פרישקייט איינגעטיילט
און שטאַרקער איינגעפונדעוועט מיין גלויבן.

אין לויף געיעג מיט צייט, נעמט אויך מיין נאָמען מיט
און טראָגט אים שטאָלץ צום שטילן שלום־האָפן,
אין גרוים געדראַנג נעמט מיט מיין מונטער־ליד
זאָל וואָרט מיינס זיין פאַר אייך געצייג און וואפן.

טראָגט לאַגלען ליבשאַפט און בלויז טראַפנס האַס,
שאַצט פריינט און פיינט לויט זייער טאַט און ווערט
און ווען ס׳וועט יום־טוב׳ן אויף אונדזער גאַס
וועט נאָמען מיינער זיין דורך אייך באַערט.

מיין קינסטלערישער פּאַרזיי

דער באָדן פון מיין קינסטלערישן פּאַרזיי — איז **מענטש**!
אַ שטיל־באַשיידענע איך קלאַפּ אָן אין זיין טיר —
אים, דעם אָנהויבער, איך גריס און בענטש,
אים, דעם וועג־ברעכער איך שיינק מיין שיר.

ווייל **מענטש**, ווי טראָפּן פון אַ רעגן־פּלייץ,
איז ים געפּענטעטער אין קליינער הויט;
ווייל **מענטש**, ווי זאַנג אין פעלד מיט ווייץ
טראָגט זיסן טעם פון לאַבן ברויט.

מיט זוימען קינסטלערישע באַפרוכפּער איך דעם באָדן —
ס'איז וואָרצל מיינער אין זיין טיף פאַרגראָבן;
איך שעפּ פון אורקוואַל לויטערן מיט אומרו־שטוים געלאָדן
די שעפערישע קווינט־עסענץ פון ציידן און פון באַבען.

וואו מענטש איז דאָ שפּראָצט־אויף מיין מוט־געזאַנג,
וואו ליד מיינס קומט — דער **מענטש** ווערט ערן־גאַסט, —
מיין וואָרט איז עכאָ פון זיין דורות'דיקן גאַנג,
זיין חלום איז אין ליד מיינעם ווי צירונג איינגעפּאַסט.

צו אַ דיכטערין

(געווידמעט שרה באַרקאַן)

פון אויבנאויף זי טראָגט די פּשטות פון טאַלאַנט,
זי קומט ניט מיט דער שטרענגקייט פון אַ ריכטער, —
אַ מאַמע מיט אַ שמייכל, מיט אַ גרייטער האַנט . . .
ניטאָ קיין גרעניץ צווישן מענטש און דיכטער.

זי זינגט איר ליד אין קיך, אין גאַס, אין היים,
אין שמועס־היימישן, אין מיטנג־זאַל —
מיט זאַפט איז שטענדיק גרייט אַ לעבעדיקער בוים —
מיט פרייד און צער — איר שעפערישער קוואַל.

זי איז פון פאָלק אַן איינגעוואַקסן גליד,
מיט אים צוזאַמען וואַנדערט זי דורך צייטן —
פאַר אים זי דיכטעט אוים איר שענסטע ליד,
מיט אים צוזאַמען וויל זי גורל אירן בייטן.

פאַר מיר וועט זיין געגוג

איך וויל ניט זיין קיין פויגל אין דער הויך
כ'וויל אויך ניט זיין קיין פעלזן־שפּיץ פון באַרג,
אפילו ניט קיין זון, אפילו ניט קיין שטערן,
איך וויל ניט זיין קיין כוואַליע אינם ים,
קיין פּערל אין דער טיף,
קיין רוי־גאָלד אין דער ערד,
קיין איינוואוינער, קיין וואַנדערער אין סטראַטאָספערן —
פאַר מיר וועט זיין גענוג
צו זיין אַ מענטש,
אַ פּשוט'ער מענטש,
מיט גלייכן רוקן, גלייכע קני,
מיט אויגן וואָס קוקן
אַרום און פאַראויס,
אַרויף און אַראָפּ,
מיט קאָפּ וואָס בויגט זיך בלויז
צו אויפהויבן פון נידער,
מיט פיס אין גאַנג
און לעבנס־פרייד אין גלידער.

פאַר מיר וועט זיין גענוג
צו זיין אַ מענטש,
וואָס אָטעמט אומרו־אימפּעט,
טראָגט ליבשאַפט־פרוכפערונג
פאַר מאָרגנדיקן גאָרטן!
פאַר מיר וועט זיין גענוג
צו זיין וואָס כ'בין
אַ מענטש, וואָס גיט דעם וואָרט אַ זין.

קום, ניי־יאָר!

קום, ניי־יאָר, ליבער,
צו אונדז זיגערישע, מאָרגנדיקע!
קום צו די וואָס ווערן פרילינגדיק פון צייט באַנייט,
פון וואוקס מיט בליאונג־שטויב באַלאָדן
פאַר טעג פון אונדזער לעבן.

פאַר דיינע יונגע טריט,
עס ציטערן פאַרלייקענער פון יאָרן —
זיי ווילן, זאָלסט פאַר זיי אַ נאַקעטער אָנהויב זיין:
הילפלאָז, וואַקלדיק און שטום . . .
אַן אָפּנאַר־שילדל
פאַר גרויסקייט־מאַניע פון מאָרגאַנס,
פאַר זינד פון אַלע נעכטנס,
פאַר וועלט־האַנדל וואָס טוישט אויס מיט פראָפּיט
שניט פון יאָרן אויף ציגל גאָלד!

קום, ניי־יאָר, ליבער,
צו אונדז די שרעקלאָזע, די גרייטע,
וואָס לויפן פאָראויס, דיר אַנטקעגן
אויף וועגן פון וועלט . . .
קום, מוזיניקל פון גרויסער צייט,
ניט וואַקלדיק, ניט הילפלאָז און ניט שטום —
ווייל דיין געבורט־געשריי איז ניט פאַר זיי!
צו דיר, דעם ייִנגסטן יאָר פון ייִנגסטן יאָרהונדערט!
מיר וועלן אויפהויבן
אַ פולן כוס, פון קאַמף און גלויבן
און אַלע רגע׳ס דיינע, שעה׳ן, טעג
מיט רייפקייט־זאַפט, ווי טרויבן, אָנפילן
פאַר לעצטן, שווערן וועג.

קויפט!

אזוי פאַרקויפט מען „יום-טוב פרייד" —
אין פעקלעך געפּאַקט, מיט סטענגעלעך פאַרבונדן,
אזוי פאַרקויפט מען „פריינטלעכקייט" —
מיט לעמפּלעך פאַרביקע אין שווי-פּענסטער צעצונדן . . .
אזוי, פאַר אַ דאָלאַר, פאַר פרייזן אַלערליי
פון יעדן גאַסן-ראָג עס גרילצט יאַריד-געשריי :
„קויפט !"

אזוי פאַרקויפט מען „גוטן ווילן" אויף אַ גאָלדענער שווערד,
מיט „פּענטעס", מיט געשפּאַן, מיט דאָלאַר-פענדלעך באַהאַנגען,
אזוי פאַרקויפט מען „פרידן אויף דער ערד"
מיט רייד צעבלאָזענע ווי פּוסטע זאַנגען —
אזויפיל פאַר אַ דאָלאַר, פאַר פרייזן אַלערליי
פון יעדן גאַסן-ראָג עס מאַניעט דער יאַריד-געשריי :
„קויפט !"

אזוי פאַרקויפט מען „ליבשאַפט" אָן אַ שיעור,
געפּאַקט אין פאַלשן גלאַנץ, באַגילדיקטן וואַניר,
אזוי פאַרקויפט מען וואונדער פונם יאָר —
אַן אַטאָם-קנעפּעלע . . . אַ דריק . . . און אַפּגעמעקט אַ דור !
אזוי פיל פאַר אַ דאַלאַר, פאַר פרייזן אַלערליי,
פון יעדן גאַסן-ראָג עס רופט יאַריד-געשריי :
„קויפט !"

אזוי פאַרקויפט מען „אויסגעטראַכטע שרעק"
אין זיסקייטן, ווי פילן ביטערע פאַרקנאָטן,
ווען פעלקער פלאָנטערן זיך איינס דעם אַנדערן אין וועג
און ווערן איינציקווייז מיט קנאַפּל גאָלדענע צעטראָטן . . .
אזוי פיל פאַר אַ דאַלאַר, פאַר פרייזן אַלערליי,
פון יעדן פאַלשן מויל עס שאַלט יאַריד-געשריי :
„קויפט !"

די איינזאַמע זינגערין

(געווידמעט הארא הלבי)

פאַרקלונגען איז אַקאָרד פון לעצטן ליד
ווי נאָכשיין שטילער פון אַ זון־פאַרגאַנג.
דער פאָרהאַנג פאַלט,
די זינגערין איז מיד . . .
ווי ליפּן פון פאַרליבטע
רופן צו איר קלאַפּנדיקע הענט —
זיי צאָלן קינסטלערין
מיט פרייד פאַר פרייד
מיט ליבשאַפט פאַר געְנוס.

אין צימער איינזאַמען זי ליגט אַליין,
ווי נאָכן ים־אָפּפלוס אַ פעלזיק שטיין —
הענט־געקלאַפּ און לויב־געזאַנגען,
ווי כוואַליעס טומלדיקע אָפּגעגאַנגען
און אומזיכערע פרייד ווי זאַמד פאַרשווינקט!
נאָך האפן שטילן בייִנקט איר גוף,
נאָך אָרעמס שטאַרקע, נאָענטע,
נאָך אויג וואָס שפּיגלען זאָל אַ פרייד,
נאָך ליפּ, וואָס זאָל איר דורשטיק ליפּ דערפילן
און בייִנקשאַפט אָפּמעקן מיט ליבשאַפט שטילערהייד.

צ ו ז אַ מ ע ן

(צו מיין מאַן מענדל)

איך וואָלט געוואָלט אַצינד
אַ גראַבל טאָן דיין גרויען קאָפּ,
דיין צייט־געווירעטן פּנים,
זעצן זיך מיט ציימונג קעגנאיבער אינם שטול
און מיט ליבשאַפט פול
הנאה האָבן,
וואָס מיר ביידע,
צוזאַמען . . . ביידע
זיינען גרייט צו שטעלן זיך
אַנטקעגן אַלע שונאים!
כ׳וואָלט געוואָלט אַזוי
איצט אָפּשטופּן די עלטער
און קענען פלייצעס יונגע אונטערשטעלן
דער ראַנגלענדיקער וועלט . . .
אָ, איך וואָלט געוואָלט,
אַז אונדזערע צוויי רייפע, גרויע קעפּ,
מיט אויגן ברונעמער פון יוגנטלעכן שיין,
זאָלן אויף ערשטע טרעפ
מיט אַוואַנגאַרד פון קעמפער שטיין . . .
איך וואָלט געוואָלט
פון דער נצחון־פרייד דעם טעם פאַרזוכן . . .
ביים גרויסן אָנהויב זיין
מיט דיר . . . מיט דיר צוזאַמען!

יונגע ליבע

אויגן — קרעניצעס מיט פרישקייט קוועלן,
פארצויגן מיט א ווייכן רייץ-צעיוירטן גלאנץ,
ווען גלידער וויגן זיך אין ריטמיש-כוואליענדיקן טאנץ
און לאזן קיין זאך זיך אין וועג ניט שטעלן —
ווייל יעדער קיילעכל פון בלוט האט זיך צעזונגען
פון שטארקסטן ווייַן צעוואַרעמט און באַטרונקען.

זיין בליק אין אירן האט זי שטיל פארהאלטן,
אים איינגעזאפט און מער ניט אפגעלאזט . . .
איר פנים, ווי א ניי-צעוויקלט' קנאספע, קוים צעראזט
האט זי באַ'חנ'ט און שעמעוודיק הינטער איר האנט באהאלטן —
זי האט אים אין איר ליבשאפט-נעץ פארצויגן און געפאנגען
מיט צונטער-לאוועדיקן פון געפענטעטע פארלאנגען.

„פאַרגעס מיך ניט"

אין עלטער קומט דערינערונג ווי צויבער־טעפּיך אויסגעשפּרייט,
און אַלץ וואָס יוגנט איז געווען, ווערט טאָפּלט נאָענט —
אַ בינטעלע „פאַרגעס־מיך־ניט" האָט איר אַן גליק דערמאָנט:
אַ מאַן אַ יונגער מיט ווייכן פּוך אויף ליפּן־רויט,
וואָס האָט פאַר איר אויף גאָרטן־באַנק זיין טיכל אויסגעשפּרייט . . .

געשען איז עס שוין לאַנג, גאָר לאַנג צוריק,
זיי זיינען נאָענט, ווי איינס, אונטער אַ פרילינג־בוים געזעסן,
ער האָט „פאַרגעס־מיך־ניט" אַ בינטל איר געשיינקט,
זי זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . .
זיין האַנט אין אירער — פון פלייש און בלוט אַ בריק,
און רייד אַזוינע גלויביקע . . . טרויבן פול מיט גליק.

און זי האָט קיינמאָל, קיינמאָל יענעם פרילינג־אָוונט ניט פאַרגעסן,
אין האַרצן טיף באַהאַלטן נאָך דרעמלט ציטער פון דעם דופּטיקן געשאַנק,
אַצינד, ווען זי איז איינזאַם, אַלט און קראַנק,
ווילט זיך איר דאָס בינטעלע „פאַרגעס־מיך־ניט" צום ליידיקן האַרצן פּרעסן
און זאָגן שטיל צום אויסגעוועבטן גליק:
„כ'האָב קיינמאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן"!

בוך־טעמפל

בוך־טעמפל — שייער פון גאָלדענעם שניט,
אוצר פון דורות פאַר דורות פאַרגרייט —
אַהער קומט אַ מענטש מיט געמאָסטענע טריט
צו זוכן זיין זריעה פאַר אייגענעם בייט.

ביי טישן די שכינה פאַרנעמט אויבן־אָן,
האַלב־טונקל פון זאַל איז ווי כישוף צעשיינט . . .
דאָ שפּירט מען די וויזיע פון טאָג וואָס קומט אָן,
די חכמה פון נעכטן ווערט הייוון פון היינט.

דורך בענדער פאַרשטויבטע די זון טוט אַ שטראַל
איבער חורבות פון אַלטע, צעבראָכענע צאַמען.
יוגנט, אַ דורשטיקע, קוויקט זיך ביים קוואַל —
שטענגעלעך צאַרטע אין שאָטן פון שטאַמען.

עס מאָנען די ביכער פון צויבער־לאַנד:
„קומט, מעסט אויס מהלך אויף פעלזיקן וועג".
די עלטער, אַ מידע, דאָ בלעטערט אַ באַנד
און הערט שטילן אָפּקלאַנג פון אייגענע טעג.

אַהער קומט אַ מענטש מיט געמאָסטענע טריט
צו אוצרות פון דורות פאַר דורות פאַרגרייט.
ער קומט אין דעם שייער פון גאָלדענעם שניט
צו אויסזיפן מעל פאַר זיין טעגלעכן ברויט.

אַ העלד אַזאַ...

אין גרויסן הויז
אַ ווילד געדריי,
אינמיטן שפּרינגט
אַ פּיצל פליי —
מיט קעפּעלע אַרויף,
מיט ברוסטל אויסגעשטעלט:
„איך האָב אַ בים געטאָן די וועלט . . .
די רויטע וועלט!"
פּאַטשן אַלע מיט די הענט,
אַזש עס ציטערן די ווענט:
„אַזאַ פלייעלע, אַ פּיצל
האָט זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל!
און אין דרויסן געגעצט נאַכט
און דער עכאָ קייכט און לאַכט:
. . . אַ בים געטאָן די וועלט!"

אין גרויסן הויז — אַ יובילוי,
דעם אויבנאָן פאַרנעמט די פליי:
אַ קלייניקייט! אַזאַ מין העלד —
אַ בים געטאָן די נייע וועלט!
טאָרט און ווייַן און יום־טוב ליד,
עס רופט בערלין, עס גריסט מאַדריד.
„אַך דו וואונדערבאַרע פליי,
ס'איז באַשערט אונדז לעבן פריי,
וועסט אונדז לערנען „סיסערא"
און דיין היימישן קונסט „דזשימקרא",
ביסט די גרעסטע פליי פון מין
פון מאַדריד ביז בערלין".

— —

מיט קאַראַהאַד צע'שיכור'ט, זאַט
שפּרינגט אַרום די פליי — דער כוואַט —
מאָרגן וועט די גאַנצע וועלט
כבוד אָפּגעבן דעם „העלד"!

עפנט פאַר אונדז אייער טיר!

מיר זיינען מיט טויטע געלעגן צוזאַמען,
מיר זיינען די פונקען דערלייזטע פון פלאַמען,
מיר זיינען רעשטן דערוויילטע פון יאָמער־טאָל,
געפּרוּאוּוטער, געהאַמערטער שטאָל . . .
שטאַרקער פון טויט זיינען מיר,
עפנט פאַר אונדז אייער טיר!

אונדזערע אויגן האָבן גרוילן פון גיהנום פאַרטראָגן,
אונדזערע אויערן — קרעכצן פון טויטן וואָגן;
מען האָט אונדז מיט שפּיזן צעגליטע געשטאָכן,
מען האָט אונדז געבויגן, נאָר ניט געבראָכן . . .
שטאַרקער פון גרויל זיינען מיר,
עפנט פאַר אונדז אייער טיר!

מיר טורעמען איצט ווי מצבות אַליין,
פון זעקס מיליאָן קדושים מיר טראָגן אַ קרוין;
אונדזער אַש און געביין איבער פעלדער צעשפּרייט,
מיר זוכן אַן אָנהויב — אַן אָפּדאַך און ברויט . . .
שטאַרקער פון יאוש זיינען מיר,
עפנט פאַר אונדז אייער טיר!

ניט קיין בריוועלעך — געזאַנגען...

ניט קיין בריוועלעך — געזאַנגען,
טראָגט די פּאָסט אַריבער ים׳ען,
ווערטער טייערסטע געשאַנקען
פון דעם היימישן שטעטל שטראָמען.

ניט פאַרהיילטע טריפן וואונדן,
ס׳גלייכט זיך אויס דעם יידנ׳ס קאַרק,
אין אַלע בריוועלעך צעצונדן
איז אַ לעבנס-פרייד אָן זאָרג.

קינדער דאַרפן זיך ניט שעמען —
אָפן זיינען טיר און טויער!
יידן מעגן הענט צענעמען —
פרייע בירגער, פרייע בויער!

עס איז גאָר אַן אַנדער פוילן —
אַרבעט, זיכערקייט און פרידן,
זינגען בריוו פון לעבן וואוילן
פון די אויפגעריכטע יידן.

קינדער

וואָס האָט זיך עס אַזוי צעטאַנצט אין ספּריטנע קינדער־אויגעלעך?
וואָס פינקלט רעגנבויגנדיק ווי ספּעקטער פון אַ שטראַל?
דאָס זיינען ווערטער יידישע, ווי פלאַטערדיקע פויגעלעך —
זיי האָבן זיך אין יום־טוב שפּיל צעלאָזט איבערן זאַל.

וואָס ראַנגלט זיך עס ציטערנדיק אין אויגן פון פאַרזאַמלטע?
וואָס גלימערט אַזוי דימענטיק אַנטקעגן ניאָן־ליכט?
דאָס זיינען טרערן מאַמישע פון נחת אָנגעזאַמלטע,
זיי גליטשן זיך צעלויכטענע פון פרייד איבער געזיכט.

וואָס האָט זיך אַזוי שמייכלענדיק די פאַרב צעשפּילט אויף נייע ווענט?
וואָס שטייט אַזוי מיט פריינטלעכקייט די טיר צעעפנט ברייט?
דאָס דאַנקען זיי די אָנהויבער, די גלויביקע מיט מידע הענט,
וואָס האָבן שטיין צו שטיין געלייגט און קינדער־היים פאַרגרייט.

וואָס קלינגט היינט אַזוי שכינה׳דיק פון בינע יעדער וואָרים־גרום?
וואָס שוועבט היינט אַזאַ צאַפּלדיקע פרייד אַרום אין זאַל?
דאָס קוויקן זיך פאַרזאַמלטע מיט שטאַרקן ווייַן — קולטור־געוום,
וואָס שפּיגלט זיך אויף פנים׳ער ווי ספּעקטער פון אַ שטראַל.

ל י ד

צו שוואַך איז זייגער־טאַקט — ער קינדיקט שעה׳ן בלויז, ניט יאָרן,
צו שטיל איז טרילער זיסער פון פויגלשן געזאַנג,
ווען ס׳פּורעמט אויס דעם כאַאָס שעפּערישער צאָרן,
ווען נייער ריטם שלאָגט אַרויס פון פעלקער־גאַנג.

צו שוואַך איז טראָט געמאָסטענער ווען שטורעמס שפּאַנען,
צו מילד דער קול פון איינצלנעם אפילו פאָלקס־טריבון,
דער טאַקט און קלאַנג אַ שפּאַר טאָן מוז, ווי פון צעפּראַלטע קראַנען
דאָס יושר־ליכט מוז פריי ווערן ווי פון עקליפּס די זון.

נאָך לאַנגער ליקוי חמה — זון ווערט העלער,
שאָטנס גייען אויס ווי ניט געווען,
ליכטיקער ווערט טאָג נאָך נעכט אין תפיסה־קעלער,
ווען געבלענדטע אויגן פּרואוון ווידער זען.

ווער עס טראָגט, ווי זון, זיין ליכט אין אייגענע גלידער,
וויים, אַז כמאַרעס מוזן אָפּטרעטן דעם וועג,
ווער ס׳וואַרעמט אויס אין האַרצן קלאַנג פון נייע לידער
קינדיקט היינט געבורט־געשריי פון פרייד־געלאַדענע טעג.

קאליפאָרניע

קאַליפאָרניע

„גיב מיר מענטשן,
וואָס זאָלן זיך מיט מיינע בערג פאַרגלייכן" —
ווי נאָבל עס קלינגט, אָ, קאַליפאָרניע,
דו קינד פון זון און זאַמד!
גיב מיר גייסט, וואָס זאָל דורך לעבנס-מדבר
צום גרינעם פרילינג גרייכן;
גיב מיר אויסדויער פון פּיאָנער,
וואָס האָט מיט הוילע הענט
אין באַרג-שפּאַלט זיך אַ שליאַך געמאַכט;
גיב מיר טרוימער חוצפה'דיקן,
וואָס שפּרייזט אַריבער פּגר פון געפאַר . . . און לאַכט;
גיב מיר גרויסן דור פון היינט,
וואָס מעסטן זאָל
מיט וואָג פון שוויים און קאַמף זיין ווערט!

זונלאַנד, חלום-לאַנד!
אָ, וויפל צויבער-מעשיות כ'האָב פון דיר געהערט,
ביז, כ'בין ווי זוכער אַנדערע
פון הינטער בערג צו דיר געקומען,
וויפל לויב-געזאַנגען צו דיינע אָראַנדזש-גערטנער,
ווינטער-רויזן, ציטרוס-בלומען . . .
כ'גיב צו, דיין גאָלדענער בראשית
איז שענסטער מאָנומענט דעם מוט פון מענטשן,
כ'גיב צו, דיין פעלקער-טעפּיך,
ספּעקטער-בונט, איז ווערט צו בענטשן,
נאָר צום דענקמאָל, וואָס דו האָסט,
מיט פּראַצעוואַטע הענט, זיך אויפגעשטעלט,
האָט שונא דיינע טויערן מיט שטעכעדיקן דראָט פאַרשטעלט!

שטוים אָפּ די האַנט,
וואָס וויל פון טעפיך דיינעם לעבעדיקע פעדים פליקן!
טרייב אָפּ דעם מין,
וואָס וויל מיט שטומע, ווערים-מענטשלעך דיך באַגליקן:
זון און וואַסער,
מענטש און ערד —
נאָך מעכטיקער פון דיינע בערג איז דיין פאַרמעגן!
צו דיר, ווי ציל־פונקט, ציען זיך די שליאַכן און די וועגן —
דו ביסט דער מערב־פּאָליוס,
דער לאָקנדיקער מערב־שטערן!
ווען מיין זונלאַנד, קול פון דור דיינעם דערהערן?!
עס ווייַנט דיין בלויער הימל,
פאַרשלייערטער, אין טרויער, טאָג נאָך טאָג,
און דיינע עופ׳עלעך, געבוירענע מיט בערג זיך מעסטן,
זויגן מיט דער מאַמעס מילך דעם גיפט פון „סמאָג".

אין בוידן-וועגענער,
פון הונגער און פון דורשט געצערט,
איז ערשטלינג-דור צו דיר מיט פרייד געגאַנגען,
פון פלאַכן-רחבות האָבן מוטיקע געבראַכט צו דיר
זייערע בענקשאַפט-האָפנונג געזאַנגען,
געבראַכט מיט פולער האַנט
די זריעה פון געדאַנק, פון לייב, פון פעלד,
צו אָנהויבן אין מוטער-לייב פון וויסטעניש,
פון זון און שוויים, אַ וועלט . . .
דער גראָב-אייזן, ניט דער שווערד
געזאָלט האָט ברידערן די ניי-געקומענע
מיט היימישע, פאַרוואָרצלטע פון דיין צעזונטער ערד!

לוסטיק האָט זיך אַ געמיש פון שפּראַך צעהילכט
איבער באַרג-שפּיץ און אָפּגרונט,
איבער מדבר׳שער ברייט:
מעקסיקאַנער, אינדיאַנער, נאַאיווע, גלויביקע ווי קינדער,
האָבן פריידיקע באַגעגנט וואַנדערער פון ווייט;

זיי האָבן זיי, ווי פריינט, די סודות פון נאַטור פאַרטרויט,
און פועבלאָס, מישאָנס, ראַנטשאָס רחבות׳דיקע אויפגעבויט;
זיי האָבן גרונט-שטיינער פאַרלייגט
פאַר שטעט פון שטאָל און פון קאָנקריט,
און אונטער זייערע געניטע, שטאַרקע הענט,
האָט מדבר-זאַמד ווי אַ גן-עדן זיך צעבליט . . .
טאָ פאַרוואָס, מיין זונלאַנד, יאָגסטו זיי פון גרעניצן ווי שונאים?
און פליאַמעס מיאוסע פון ברודער-האַס פאַרברודיקן דיין פנים?!

אָ, קאַליפאָרניע, מיט הימלען בלויער נאָך ווי בלוי,
מיט זון אין יעדן קערן זאַמד!
מיר וועבן פעדים קרעפטיקע
אין דיין פיל-פאַרביקן געוואַנט:
מיר, היינטצייטיקע, געוואַגטע קינדער און קינדס-קינדער
פון דיין געוואַגטן ערשטלינג דור,
פאַרגרייטן שוין פאַר דיר
אַ נייעם ליכטיקן קאַיאָר —
מיר ווען דיינע פעלזן-בערג
מיט שוואַכקייט ניט פאַרשעמען —
מיר זיינען גרייט!
מיר זיינען דאָ . . . צו געבן און צו נעמען!
מיט דיינע שטיינערנע גיגאַנטן
מיר וועלן זיך פאַרגלייכן
און העכער, העכער, איבער שוואַרצע כמאַרעס
צו זון און זוניקייט דערגרייכן!

ני ט אַ ד י ע...

ניט אַדיע, חברים, אויף ווידערזען . . .
כ׳גיי ניט אַוועק — איך האַלט אין קומען,
כ׳נעם מיט געצייג, מיין וואָרט און פען,
אויף נייע פעלדער פלאַנצן וועל איך בלומען.

ניט אַדיע, חברים, אויף ווידערזען אין פרייד,
מיר וועלן רעדן פון דער וויים דורך טאַטן,
דער שווערסטער וועג ניט זיין וועט קיין צעשייד,
ווען ווערטער, פויגלען פרייע, פליען איבער שטאַטן.

מיין און אייער לעבן — שווערער האַמער
צו שמעטערן אויף צייט-קאָוואַדלע הייסן שטאָל . . .
אָן קייטן און אָן גראַטעס וועט זיין גראַמער
צו זינגען לידער פון פאַרשטורעמטן אַמאָל.

ניט אַדיע, חברים — אויף ווידערזען אין פרידן,
דעם מזרח און דעם מערב נעענטערט אונדזער צייט.
איר דאָרט, איך דאָ, שוין וואויל-געניטע שמידן,
וועלן האַמערן אין וועלט-גלי אונדזער גאָלדענע קייט.

אַזויפיל גרינס

אַזויפיל גרינס און קווייטן,
ווי ליאַלקעס חלום-שטיבער,
אַזויפיל פּאַלמע-פּעכער
בויגן זיך אַריבער
צו שיצן מיך פון זון —
נאָר מיר איז קאַלט . . .

אַזויפיל פּעדים-פּלאָנטערס
אין זון-ספּעקטער פון ראַסן,
אַזויפיל אַנדערשקייט און זיסער חן
אויף יעדן טריט און קער,
נאָר פּלאָנטער אויסגלייכן איז שווער.

אַזויפיל וויסטעניש און נאַקעטקייט אַרום,
אַזויפיל חורבות, אָן גרעזל און אָן בלום,
אַזויפיל דורשטיק׳ ערד,
וואָס וויל זיין גרין,
אַזויפיל קינדער זאַט מיט זון —
פאַרמאָגערט דין . . .

פרייט מיר ניט די פּראַכט פון פּאַלמען-בוימער,
די ליאַלקע-שטיבער מיט באַבלומטע לאָנען,
פרייט מיר ניט די זון, וואָס שטראַלט אָן מאָס —
אַזויפיל שפע, אַזויפיל פּראַכט פאַראַן . . . ס׳איז אַ פאַרדראָס!

װאונדערלאַנד

קאַליפאָרניע, װאונדערלאַנד,
פּאַלמעס טראָגן הױזן,
װען ס'שנײט און שטורעמט אומעטום,
בליען דאָרטן רױזן!

הײזלעך װי אין מעשה לאַנד —
זוניקע קאָלירן,
צװײגלעך שפּראָצן פון די װענט
פון פענסטער און פון טירן.

נאַכט איז קיל, טאָג אין היים,
ס'ברענען אַזש די דעכער,
שטײען פּאַלמעס איבער זײ,
בלאָזן מיט די פעכער.

קומט צו גאַסט אַ װינטעלע,
פרײט זיך לאָנקע גרינע,
טאַנצט די פּאַלמע אויף איין פוס
װי אַ באַלערינע.

מדבר

מדבר, מדבר — לויטער גאָלד,
ער האָט פשוט וואַסער האָלט,
נאָר ער ליגט פון דורשט פאַרשמאַכט,
קוויקט זיך בלויז מיט טוי פון נאַכט.

אין די דערפער, אין די שטעט
טרינקט זיך מדבר אָן צו זעט:
שפּריצערס רעגענען אויף לאָנען
פון צעפּראַלטע וואַסער־קראַנען.

שענקט ער ווײַנטרויבן, מאַראַנצן,
שענקט ער גראָזן, גרינס און פלאַנצן,
ראָזשינקעס, פערסימאָס, נים,
פייגן, צוקער־זים!

נאָר גוט איז ווען די רעגנס קומען —
מדבר ווערט אַ לאַנד פון בלומען,
פורפור ראָז אין גאָלדענער ראַם —
כוואַליעס בליען אין מדבר־ים.

מדבר, מדבר — זוניק־גאָלד —
אוי, האָט מדבר וואַסער האָלט!
און ווען ס׳רעגנט טאָג און נאַכט,
הערט מען ווייט ווי מדבר לאַכט.

גריפיט פּאַרק

ס׳איז שטיל בייטאָג אין גריפיט טאָל.
איך הער זיך צו צום ווידער־קול:
עס פאַלט אַ בלאַט מיט טעמפּן קלאַנג,
עס גריסט אַ פויגל מיט געזאַנג.

הינטער בערג, דער שטאָט־גערודער,
איבער זיי פּילאָט ביים רודער,
כוואַליען זאַנפט פאַרוועבטע קלאַנגען
ווי אין פעלד צעוויגטע זאַנגען.

ווי וועכטער רינגלען אום דעם פּאַרק
בערג באַגרינט ביז סאַמע קאַרק,
זון און שאָטן אין שפּיל־געיעג
טאַנצן אויף פאַרבענקטן שטעג.

פון לופט פאַרשיכורט כ׳ליג אַזוי
מיט פּנים צו דעם הימל־בלוי —
אין מיטן טאָג, אין מיטן וואָך,
אַנטלאָפן פון דעם גרויען יאָך.

איך הער ווי ס׳אָטעמט פרישער גראָז,
אין האַרבסט־געבלעטער ווינטל־בלאָז,
אין שטיל געקלאַנג פון גריפיט טאָל
זינגט בראשית ליד פון דעם אַמאָל.

אָט באַלד, אָט באַלד — דער טאָג איז אוים,
פאַרלאָזן כ׳וועל דעם גרינעם שוים —
דערפרישט כ׳וועל ווידער שלעפּן יאָך
פון נודנער, מידער אַרבעטס־וואָך.

האַרבסט־געזאַנג

כ׳האָב ליב די פויגעלעך, וואָס זינגען אין אָקטאָבער,
די בלימעלעך פון האַרבסט, וואָס פוצן אוים מיין בייט,
די גראָזן מוטיקע, וואָס האָבן איצט צעגרינט זיך,
דעם רויזן־קוסט, וואָס קנאָספּעט אויסער צייט!

כ׳האָב ליב צעזונטע טעג, וואָס מיינען אַז ס׳איז פרילינג,
די ווינטעלעך, וואָס גלעטן אוים מיין הויט ווי פעטלען פון אַ קוויט,
דעם בוים און פרוכט — ביז איצט פאַרקניפּטער צווילינג,
וואָס ווערן פון דער צייט ווי מאַמע־קינד צעשיידט.

כ׳האָב ליב די קינדערלעך, וואָס טאַנצן אין געבלעטער
און הערן זיסן ליד אין קרעכץ פון אויסגעלעבטע טעג,
די וויוועריקעס, וואָס גרייטן זיך מיט ניס אויף שפּעטער,
ווען ווינטער־שטורעמס וועלן אָפּצאַמען פאַר זיי דעם וועג.

נאָר מער פון אַלץ, כ׳האָב ליב אין האַרבסט דעם מענטשן,
וואָס פרילינגט יעדע שעה און טאָג פון יאָר,
אים בין איך שטענדיק גרייט צו בענטשן —
ער וואַרעמט אוים אין זיך דעם חלום פון אַ דור!

כ׳האָב ליב אָקטאָבער פויגעלעך וואָס שיינקען מיר אַ ניגון,
די בלימעלעך, דעם רויזן־קוסט, די בעכער זונען־שיין —
נאָר ס׳קוועלט אין האַרצן אַן דער גרעסטער פאַרגעניגן,
ווען כ׳קען מיט מענטשן, אייביק־פרילינגדיקן, זיין!

רעגנס קומען

רעגנס קומען. כמאַרעס אָנגעלאָדענע שיפן,
פול מיט צויבער־קראַפט איז שפּע־האָרן,
ערד פאַרבענקטע, דורכגענעצט ביז טיפן,
געבן וועט איצט פרוכט און גרינסן, ברויט און קאָרן.

קומען רעגנס — דאַמבעס אויפגעפּראַלטע,
פּלאַצן כמאַרעס שווערע, דראָענדיקע, גרויע,
שמייכלט זון אַ יום־טובֿ׳דיק צעשטראַלטע
און פּוצט גלייך מיט ניי־גאָלד אויס די הימלען בלויע.

אויסגעצוואָגן שפּילט די טיף פון הימל,
וואו ניט וואו אַ זשמעניע וואָלקן־וואָל;
זאַטקייט לויכט־אַרויס פון יעדן בלימל,
גרינקייט זינגט־אַרויס פון באַרג און טאָל.

אָקאָרשט האָט אַ ווינט געבייטשט, געשמיסן,
בוימער האָבן זיך, ווי גראָז, צו ערד געבויגן,
רעגן־פלייץ האָט ערד מיט ציין געריסן,
וואַסער־פלאַכטעס אויסגעשפּרייט פאַר אויגן . . .

איצט — דועט פון זון און רעגן. שפּיגל - גאַסן,
בלעטלעך אָטעמען, ווי ניי־געבוירענע, פריי און זיס,
אָוונט־ליכטער שלענגלען זיך אין בונטע פאַסן
אונטער פריידיק־שפּאַנענדיקע, זינגענדיקע פיס.

עס שמעקט די ערד

עס שמעקט די ערד מיט מדבר און מיט בלומען,
זי גאַרט, אַ דורשטיקע, נאָך מי און שוויים;
נאָך גאָלד און זון איז מענטש צו איר געקומען
און שטעט פאַרפלאַנצט אין איר פאַרבענקטן שוים.

צומאָל, אַ דאַנקבאַרע, זי שפּאַרט מיט גרינס צו הויכן,
צומאָל, ווי בייזע שטיף־מאַמע, אַ ביסל גראָז זי שפּאָרט.
די זקנים־בערג אירע צו סאַמע וואָלקנס גרייכן,
נאָר פּאַר בויער, אירע טרייסטע זין, דאָ סטאַיעט ניט קיין אָרט!

גרין־צעבליטע גערטנער און זון־צעדאַרטע לאַטעס,
ווי אַ קעניגין אַראָפּגעזעצטע — אַ פּאַלמע שטאָלץ־באַקרוינט —
אַ באָבע־פּאַלמע אין גרוי־צעפּליקטע שמאַטעס
דערקענט ניט אַלטע גאַס, דערקענט ניט מענטש און . . . שטוינט.

פּאַלאַצן, הייזער . . . און שטיבלעך הינער־שטאַלן,
פּאַנטאַנען, רויזן־קוסטעס . . . און שטויביק מדבר־זאַמד!
אַ זעט־געבענטשטעס לאַנד, אַ ים פון פּרוכפּער־שטראַלן . . .
נאָר וואו? אָ, וואו איז פּירנדיקע האַנט?!

זים שמעקט די ערד מיט מדבר און מיט בליטן,
ברייט־האַרציק צאָלט זי אָפּ מיט פּרוכט פּאַר מי און שוויים;
אָן ערד אַזאַ איז ווערט, ווי אויג אין קאָפּ פּאַרהיטן,
און זי פּאַר היים מאַכן פון די וואָס האָדעווען זי אוים.

נ י י ע ר ט אָ ג

צוזאַמען מיט דער זון, כ'בין אויפגעשטאַנען שטיל,
צוזאַמען מיט די קילע, ציטערדיקע טויען,
כ'בין טייל געוואָרן פון אַלטער ליכט-און-שאָטן-שפּיל,
ווען ס'פּיקט זיך יונגער טאָג אַרויס פון שאָלעכץ גרויען.

מיט פיס, מיט נאַקעטע, כ'האָב פייכטן גראָז פאַרשאַרט;
זיך צוגעהאָרכט ווי פויגלען פלייסיקע די פליגלען שפּרייטן,
און ווען ס'האָט עכאָ מיר אַ גרוס פון טריט געבראַכט,
כ'האָב קול מיינעם דורך אים אַרויסגעשיקט צו ווייטן.

אויף באַרג-רוקן פאַרכישופטן האָט זון זיך אָנגעשפּאַרט
און נאַכט-קליידער ווי רייפע פּעטאַלן אין רוים געלאָזן פאַלן,
דער יונגער טאָג האָט פּעטאַלן מיט נעפּל-וואָל צונויפגעשאַרט,
נאָך טויען-זאַפט אַרויסגעשיקט אַ מחנה שטראַלן.

איך האָב אויף גרינעם גראָז זיך אויסגעצויגן,
געזען ווי לויטערקייט, ווי ווייַן פון לאָגלען, רינט —
און ס'האָט זיך לייב מיינס מיט זון צו זאַטקייט אָנגעזויגן,
איך האָב געזען, ווי טאָג אויף שפּינדל אייביקן זיין פאָדעם שפּינט!

אַ מעשה מיט אַ פּאַסטוכל

זיצט אַ באַרג — אַן אַלטע באָבע
אין אַ ברייטער קרינאָלינע
און אַרום איר יונגע בערגלעך
שפּילן זיך אין העמדלעך גרינע.

מרוקעט באָבע זיי אַ ניגון
מיט אַ מעשה פון פאַרצייטן,
פון אַ סטאַדע ספּריטנע ציגן,
פון אַ פּאַסטוך אַ פאַרשייטן;

„ס'האָט אַ פּאַסטוכל פון טאָלן
ליב געהאַט די בלויע הויכן,
פלעגט ער בערג מיט קרייד אויסמאָלן
און אַזוי צו שפּיצן גרייכן.

ביי דעם באַרג צופוסנס ליגן,
מיט אַ ביינקשאַפט הימלען מעסטן —
פלעגט ער מאָלן ווילדע ציגן,
פויגל פרייע, אָדלער-נעסטן.

פון מאָרגן-רויט ביז גרויען דעמער
פייפלט עס ווי טויזנט פלייטן —
ס'פּאַסטוכל מיט קי און לעמער,
וואַנדערט פון איין טאָל צום צווייטן.

ווינטלעך מילדע — עכאָ-קלאַנגען
איבער קעפּ פון בערג צעשפּרייטן,
היימיש-ליבע באַרג-געזאַנגען
פון דעם פּאַסטוכל פאַרשייטן.

„איינמאָל איז גאָר שטיל געוואָרן,
צווישן בערג און טאָלן גרינע" —
טוט אַ זיפֿץ די אַלטע באָבע
אין דער פֿעלזן-קרינאַלינע.

„צווישן בערג און טיפֿע שפּאַלטן
אין אַ נעפּלדיקער נאַכט,
האָט אַ באַרג-לייב זיך באַהאַלטן
און צו אַלץ אַ סוף געמאַכט:

סטאַדע און פּאַסטוכל אויפֿגעגעסן,
ניט פֿאַרצוקט בלויז די געמעלן:
אויף באַרג-שפּיץ איז נאָך אַלץ געזעסן
דאָס פּאַסטוכל פֿון ציגן און גאַזעלן".

ל י ד

כ׳האָב אין מדבר דעם אומרו פון זאַמדן פאַרנומען,
דאָס ליד פון צעהוליעטע ווינטן דערהערט,
דער פורפורנער ים פון צעכוואַליעטע בלומען
פאַר׳ניינט האָט דעם בלבול אויף מדבר־ערד!

מדבר אין פרילינג — אַ טרייסט אין לעבן
אויף מיילן און מיילן אַ רירעוודיקע וועלט.
דיונע־בערג טאַנצן, זאַמד־פליינען שוועבן,
הימל אויף באַרג־קייט — אַ וואונדער־געצעלט.

פאַר׳עקשנ׳טע קאקטוס־פלאַנצן אין שטאָלצע סאָלוטן
מיט שטעכיקע אָרעמס קעגן שונא גרייט,
און ברואים פון וויסטע אין זאַמדיקע גלוטן
ראַנגלען זיך, מערן זיך — לייקענען טויט.

אין מדבר כ׳האָב זין פון געראַנגל באַגריפן —
ווי טיף ס׳מוז דער וואָרצל פון לעבן דערגיין!
אין זאַמדן, פון ווינטן ווי פיילן געשליפן,
קענען שטאַרקע, בלויז שטאַרקע באַשטיין.

פרימאָרגן בײַם ים

פאַראַנקערט אין אויסגוס שיפלעך און בײַכיקע יאַכטעס,
ווי מידע מאַמעס, אויף רואיקע כוואַליעס זיי ליגן.
גרוי־ווײַכע שאָטנס — שפּיזיקע מאַסטן אויף וואַכטעס,
זעגלען פאַרוויקלטע שלאָפן, ווי קינדער אין וויגן.

מאָרגן־ים — דימענט מיט פּליסיקן ליכט אין פּאַצעטן,
טראָפּפעלעך — שפּיגלען צעוויגטע פון ווינטיקן טאַנץ
אויף גאָלד־גרינער פלאַך צווײ טונקעלע שווים־סילועטן —
זיי שנײַדן מיט לײַבער ווי מעסער דעם זוניקן גלאַנץ.

זיגזאַגן — גירליאַנדעס פון פריש־גרינע ים׳יקע פלאַנצן,
אַ זכר פון נאַכטיקן צופלוס, וואָס איז ערשט אַוועק,
געזעטיקטע זאַמדן בײַם ראַנד ווי אײדל־שטיין גלאַנצן
און ס׳לויכטן געשטעמפּלטע טריט אויף געצוואַגענעם ברעג.

בין השמשות אין האַפּן

האַפּן . . . צאַפּלדיקע רעגונג:
דורך שלייער פון וואַסער-זייד
אַטעם פון אומרו.
שטילערהייד, צו מוטנע גרונטן, קריכן
זון-און-שאָטן שלאַנגען
פון שיפן,
פון מאַסטן,
פון נעצן,
פון שטריק-געוועבן:
פאַרב אין געמיש,
צייט אין פלוס,
אָפּגלאַנץ און לעבן — פאַרקניפּט!

באַבערדיקטע זיילן,
זיידעס, ביז קני אין די כוואַליעס,
טראָגן אויף אַלטע, געבויגענע רוקנס
ווערפטן און הייזער,
פישער און שיפער.
אויף ברעטער צעווייקטע פון ים׳יקע שפּריצן,
קינדערלעך זיצן,
מיט ווענטקעס פאַרצויגן,
מיט אָטעם פאַרטאַיעט,
מיט נייגיר אין אויגן . . .

מאָלער, מיט פּענזל אויף לייוונט,
פאַנגט אָרגיע פון פאַרבן —
שטראַלן שטאַרבן
ווערן אוים אין בין השמשות פּראַכט . . .
נ אַ כ ט !

שאָטן און שיף — סיאַמער צווילינג —
ניט אָפּצורייסן,
ניט אָפּצוטיילן . . .
האַפן — צאַפּלדיקע רעגונג —
מענטש — ים — צייט
באַוועגונג אין באַוועגונג אין באַוועגונג:
באַלאַנס, האַרמאָניע,
גאָלד פון טאָג
און בלוי פון נאַכט אויף אומרו פון ים'ען —
צוזאַמען!
בין השמשות סימפאָניע —
סוף און אָנהויב,
פּויק און פלייט,
גלאָק און האַרפע . . .
זיין, פאַרגיין און ווידער־זיין —
גרעסטער חן פון לעבן!

— — — — — — — — —

דורך ריפלדיקן וואַסער־זייד
אָטעם פון טיפן,
פולם פון כוואַליעדיקן שטוים
צום האַפן!

„חנה׳לעס אויגעלעך״

„חנה׳לעס אויגעלעך״ *) ווינקען שטילערהייט . . .
שמייכל איך, ריים אַרויס איינע פונם בייט.
שיין איז „חנה׳לעס אויגעלע״, בונט און מלא חן —
שטעק איך זי אין לאַץ אַריין און לאָז זיך ווייטער גיין.

אַ בלום אין לאַץ! ווער איז מיר גלייך!
אַ שמייכל בליענדיקער — סאַמעט־ווייך.
זינגען ריטמיש מיינע טריט,
פרייד האָט זיך אין האַרץ צעבליט.

אַ רייפע רויז מיט טוי פון נאַכט
פאַר מיר האָט פעטעלעך אויפגעמאַכט —
מיט טרויב פון צער, מיט בייַנקשאַפט טרער
זי בעט מיך: „ריים מיך . . . כ׳קען ניט מער״.

איך ריר מיט צאַרטקייט אָן די רויז,
בלויז דערנער שטעקן שאַרף אַרויס —
פון ריר די פעטעלעך צעשפּרייט
איצט ליגן טויטע אויפן בייט . . .

פעטעלעך טויט . . . די רויז וועט לעבן,
ווייל זי האָט זוימען דעם בייט געגעבן!
מיין „חנה׳לעס אויגעלע״ אין לאַץ פאַרשטעקט,
האָט גרויס רחמנות אין מיר דערוועקט!

*) די בלימעלעך הייסן אין ענגליש „פענזיס״.

מדבר־ווינט

צוויי שלאַנקע פּאַלמעס ביי מיין פענסטער
טומלען מיט די גרינע פעכער,
פון הינטער בערג איז גאַסט געקומען
און צעטאַנצט זיך איבער דעכער.

מדבר־ווינט — אַ האַנט אַ צאַרטע,
גלעט און רואיקט, פרישט, צעוויגט —
אויף פּאַלמע־בלעטער סטרונעס הארטע
שפּילט ער גרוסן . . . שפּילט און קוויקט.

ביי מיין פענסטער וועכטער הויכע
וואַרטן כ׳זאָל דעם גאַסט פאַרבעטן —
ס׳זאָל דער אָטעם זיינער ווייכער
מיך דערפרישן, מיך צעגלעטן.

כ׳פּראַל אויף פענסטער, עפן טירן
נאָר דער ווינט איז . . . עט . . . אין הויכן,
אַוועק איז ער מלחמה פירן
מיט די נעפּלדיקע רויכן.

מדבר־ווינט וויל מענטש דערקוויקן,
דערפרישן וויל ער גראָז און בלימל,
ער וויל „סמאָג״־פאַרהאַנג צעפּליקן
און באַפרייען זון אין הימל.

פון אַלע געסט איז ווינט דער שענסטער,
פון אַלע אורחים דער באַליבטער —
זינגען פּאַלמעס ביי מיין פענסטער
אין דער גרויקייט, דער פאַרטריבטער.

כ׳הער צעפּליקטע וואָלקנס וויינען,
פּאַלמעס קעפּ מיט דאַנק פאַרנויגן —
ס׳טאַנצן פרישע פּאַלמע־קרוינען
פריילעך, ליכטיק ווערט אין אויגן.

לאָס אַנדזשעלעס

לאָס אַנדזשעלעס!
אַן איבערגעוואקסענער דאָרף,
וואָס וויל אַ גרויס-שטאָט ווערן!
אַ פויערשער פראַנט שפּאַנט
מיט צילינדער-הוט,
מיט באָרוועסע פיאַטעס,
מיט זון אין די אויגן צו שטערן . . .
ער לייגט קאָלירטע לאַטעס
איבער גאָלד פון מדבר
איבער ברעג-ראַנד פון פּאַסיפיק.
הייזער אין פּאַסטעל קאָלירן,
לאנען בליען, שימערירן
פון שפּריצער טראָפּעלעך מיט זון געזויגן,
יעדערער אַ רעגנבויגן.
לאָס אַנדזשעלעס שפּאַנט מיט חוצפּה׳דיקע טריט,
פרעכער גיגאַנט —
טייטלט מיט פינגער פון קאָנקריט און שטאָל
צו הויכן איבער קעפּ
און רופט צו בערג זיינע —
די טרעפּ צו זון.

בערג! שטומע, זעלבסטצופרידענע,
ווי פעטע בודאָס זיצן זיי
מיט געקרייצטע פיס
אויף רוקנס פון פאַרוואָרצלטן גראַניט
און גלויבן ניט . . .
זיי שמייכלען אין די קלוגע גרינע בערד

און ציילן ריזן־טריט
פון יונגן כוואַט:
ער שפּאַנט, אַ גלויביקער, אויף זיי
איבער אַ כלה׳דיק צעבליטער מדבר־ערד,
איבער אַ פעלזיקן געבערג,
וואָס עכאָט פריידיק ליד
פון גראָב־מאַשין און לאמען . . .
לאָם אַנדזשעלעס, דער חוצפּה׳דיקער פויער־פראַנט
קריצט אוים אויף מאַפּע פונם לאַנד
אין גאָלד פון זון און זאַמד
זיין נאָמען.

אַן אַלטער דעמב

(צו גינא מעדעם)

דער אַלטער דעמב
וויל זיין רוקן ניט בויגן,
דער חשוב'ער ריז
אַ חיות פֿאַר אויגן.

ער קוקט אויף די זוימען
פֿאַרזייטע אין באָדן
און פֿרייט זיך — זיי זיינען
מיט לעבן געלאָדן.

דאָרט וואו אַ דעמב
האָט געיוגנט, געבליט,
שפּראָצן דעמבעלעך שטאַרקע
מיט קרעפֿטיקן צוויט.

שטורעם וועט בלי־שטויב
אין ווייטן צעווייען
דער דעמב וועט עס זען,
דער דעמב וועט זיך פֿרייען.

מיט שטאָלצן קאָפּ
וועט ער יונגע באַגריסן;
אין קייט פֿון וואוקס
אַ געלענק אַריינשליסן.

אַ מיידל, אַ בחור, אַ רויז

אַ מיידל, אַ בחור, אַ רויז —
קעמערלעך פון זעלביקן באַשאַף:
קונסט און קינסטלער,
בוים און פּרי,
קוואַל און באָדן,
בעכער און וויין
אין ציקל פון זיין!

דער רויזן־קוסט
ווייס ניט פון פאַלשער חרפּה —
זיין בלום — זיין מוטערלייב —
ווי אַ צירונג הויבט ער אויף
דער זון אַנטקעגן . . .
אַ בעכער פון יונגע פּעטאַל־גלידער,
מיט שאַרפן, דופּטיקן באַגער
נאָך פאַרונג,
נאָך באַהעפט . . .

אַ בחור, אַ מיידל —
קרוין פון באַשאַף
זוכן שאָטן,
לבנה־שיין,
זוכן שוץ ביי דער נאַכט:
אין סודות־שלייערן יונגט־פּראַכט,
אין נעפּלען זייער ליבשאַפט גאַרט,
אין צוואַנג פון אָפּהאַלט — באַריר,
אין פּענטעם שרעק —
פאַלשע, אויסגעטראַכטע שרעק!

טעמפּ ווערט דראַנג,
טונקל המשך־פּונק
אין הונגער טויאיקן פון אויגן,
צוים אויף פּלאַטער פון ליפּן,
אויף רעגונג פון לייבער,
אויף ציטער פון הערצער,
ווען אורקוואַל ברעכט דעם באָדן,
געזעטיקט מיט פרייד !

אַ מיידל, אַ בחור, אַ רויז —
דאָסזעלבע און אַנדערש,
אין ציקל פון אייביקן איבער־באַשאַף
בעכער און ווייַן
בוים און פּרי,
קונסט און קינסטלער . . .
און **מענטש** — די קרוין פון לעבן,
געפאַנגען פון אויסגעטראַכטער מורא,
וויל אויסלייזן די פרייד פון ליבשאַפט
און זי טראָגן אָפן ווי אַ רויז
אַנטקעגן שיין פון זון,
אַנטקעגן בלוי פון הימל !

מיינע בערג

מיך וועקן אויף פויגלשע כאָרן
פונקט ווי אַ וועק-זייגער קלונג,
כ׳צי פאַנאַנדער די פענסטער-שטאָרן
און דערפיל זיך ווי טאָג פריש און יונג.

כ׳רייב אוים פון די אויגן דאָס שלאָפן
און פאַרגין זיך אַ שטיקל געגוס,
צו די האַליוואוד בערג אינם צפון
כ׳זינג אוים מיין טעגלעכן גרוס.

כ׳האָב זיי ליב אין דעם פריען באַגינען,
כ׳האָב ליב זייער אויסטערליש חן,
אין זיי כ׳וויל אָן אָנשפאַר געפינען,
אַן אָנרעג פאַר וואָכיקן זיין.

שפּיצן, שפּאַלטן — עם מיניען דעטאַלן
ווי אויף לייוונט פון קינסטלער-געמעל,
עם פאַלן אָפּ נעפּל-וואואַלן
און זיי לויכטן אין מאָרגיקן העל.

ס׳פּאַסירט, כ׳קען די בערג ניט געפינען:
סילועטן אין אומעט געבויגן
שטייען פרעמדע אין כמאַרנעם באַגינען
מיט טשאַדרעס אויף פנים פאַרצויגן.

עם טרעפט כ׳שטיי ביים פענסטער פאַרטראַכט,
פון מידקייט דער קאָפּ נעמט זיך בויגן
פיל איך בערג איינגעטוליעט אין נאַכט
פינטלען פריינטלעך צו מיר מיט די אויגן.

יעדן טאָג, ווען כ׳צעעפן די שטאָרן,
שמייכלען בערג מיר אַנטקעגן פון צפון
דאַנק איך האַרציק — די פויגלשע כאָרן,
וואָס לאָזן צו לאַנג מיר ניט שלאָפן.

בלעטער-גאָלד

אַ שטיקל האַרבסטיקער ניי-ענגלאַנד אויף מיין גאַסן-ראָג,
עס רעגנט גאָלד אויף גרויען אַספאַלט שטיין,
אויף בעריאָזע-בוים זיין קרוין — אַ טויטע וואָג,
אַנטבלויזן וויל ער פאַר דער זון זיין אויסגעמאַטערטן געביין.

איז האַרבסטיק-פרייַלעך איצט אַרום מיין הויז,
ווי ברידער שטייען פאַלמע, בעריאָזע, נאָדל-בוים און דעמב,
קאָלירטע קרוכלעקייט, אַ לויב-געזאַנג שפּילט אויס
דער זונלאַנד-ערד וואו קיינער איז ניט פרעמד.

פאַלן, פאַלן בעריאָזע בלעטלעך אַרום שטאַמען,
טוליען זיך צום „אייביק-גרין", צום רויזן-קוסט וואָס בליט —
אָפּגעריסענע זיי נורען זיך אַריין אין ערד — דער מאַמען,
ביז בונטער שטויב ווערט איינס מיט איר אונטער געאיילטע טריט.

ווידער לעבן אויף שוין לאַנג פאַרגעסענע אימאַזשן —
בלעטער גאָלד אויף וועג און שטעג צעשפּרייט —
אַ קאַנווע אויסגעמאָלענע, מיט האַרבסטיקע פּייזאַזשן,
צעפלאַמטע בערג און וועלדער — נאָסטאַלגיע און פרייד.

אַנטשוויגן איז איר פּען

אין אָנדענק פון דער דיכטערין שפרה ווייס

אַנטשוויגן איז איר שעפערישע פּען,
איר קול וועט מער צווישן אונדז ניט קלינגען.
ווייל זי האָט מיט איר האַרץ געזען,
וועט ליד אירס ניט אויפהערן צו זינגען.

אין בלעטער איינגעראַמט פאַרבלייבט דאָס וואָרט
— ניטאָ דער קרוג — געזיכערט איז דער ווײַן:
ווייל ווער ס׳האָט ליבשאַפט פאַר דער וועלט געשפּאָרט,
וועט פונם לעבן ניט פאַרגיין.

ניטאָ שוין מער?! און דאָך פאַראַן —
מיר נעמען מיט אין וועג איר שעפערישע פרייד.
איר ליד וועט טעמפּאָ געבן אונדזער שפּאַן,
און שטאַרקן וועט אונדז ווײַן פון אירע רייד.

אַנטשוויגן איז איר שעפערישע פּען,
איר קול וועט מער ניט פאָדערן, ניט מאָנען —
נאָר זי האָט מאָרגנ׳ס אָנהויב שוין געזען:
די שלום-ברידערונג פון פעלקער-פאָנען.

לאַפּאַיעט פּאַרק

דעם פרילינג קען מען נאָך אין פּאַרק ניט זען,
נאָר פילן קען מען אים ווי בליק פון אַ געליבטן —
ס'איז עפּעס דאָ אין פּאַרק געשען —
גראָזן חוזקן פון הימל כמאַרעדיק־באַטריבטן.

די גוטע ערד מיט איבערפילטע בריסט
זויגט מינדסטן גרעזעלע שוין אָן מיט פרייד,
דורך נאָפּל־וואָרצלען אין בוים זי לעבן גיסט,
אַ פריידיק־שטילע גרייט זי צו איר פרילינג־קלייד.

ווילד־בלימעלעך, די נאָמענלאָזע העלדן פונם גאָרטן,
צירן שטיל־באַשיידענע, דעם סאַמעט־גרינעם פעלד,
עס הויבט איר קעפּל אויף אַ קווייטל דאָ און דאָרטן,
אַ ברוגז'ע וואָס בוים האָט זון פון איר פאַרשטעלט.

אין מיטן שטאָט אָאַזע גרינט — פּאַרק לאַפּאַיעט,
ער איז אַצינד אין בלויען טיול־שלייער פאַרהילט,
אַ ווינטעלע, ווי קינדער־אָטעם, טוט אַ גלעט,
אויף פעדים־צווייגעלעך גלייך, ווי אויף סטרונעס שפּילט.

באַטיק פון בין־השמשות אין פּורפּור־רויט־גאָלד־גרין,
פּראַכט פון רעגנבויגן געשטרייפט פון לעצטן שטראַל.
בלעטלעך, שטענגעלעך, ווי זיידן־שפּיצן דין,
פלעכטן, קייטלען אויס אין רוים אַ פיינע שפּאַנישע שאַל.

טייטל־פּאַלמע שושקעט זיך מיט נאָדל־בוים,
צעדערבוים פאַרטרויט אַ סוד דעם אָליוו־צווילינג —
זאָל עס זיין זיי הערן שוין אין רוים
פליגל־פּאָך פון קומענדיקן פרילינג?

אויף באַל פעלד שפּילער־יונגען ביז גאַרטל אויסגעטאָן,
געקומען שטאַרקן מוסקולן פאַר מאָרגנדיקן טאָג,
אַרום אויף ביינקלעך מענטשן קוקן אָן,
באַגלייטן פויגל־פּלי פון באַל ביי יעדן שלאָג.

אַן אַלטיטשקער, באַגייסטערט, שפּרינגט ביי יעדן גאַנג,
ער איז אַמאָל אַליין געווען דער קעניג פונם פעלד,
ער דיריגירט די שפּיל ווי ס׳וואָלט געווען געזאַנג,
און וואָלט זיך גערן איצט אַליין אין שפּיל געשטעלט.

די הימל פאַרב־סימפאָניע פאַרגייט אין נאַכטיק־גרוי,
אויף ביינקלעך און אויף שטעגן, טונקעלע סילועטן.
פּאַרק לאַפּאַיעט, באַפּערלטער מיט פרישן טוי,
האָט אַלע געסט זיינע אויף מאָרגן שוין פאַרבעטן.

דעם פרילינג קען מען נאָך אַצינד ניט זען,
נאָר פילן קען מען אים אין יעדן גליד,
ס׳איז עפּעס מיט מיין היימישן פּאַרק געשען,
ער האָט אין מיר צעשפּילט אַ פריידיק פרילינג ליד.

אַן אייגענע היים

אַן אייגענע היים אין אַ פֿיינטלעכער וועלט,
ווייס־באַטישטעכטע טישן צעשטעלט,
ליכטיקע, היימישע זיצן דאָ פֿריינט
און גרייטן דעם מאָרגן צו היינט!

אַ „שוועסטער" זינגט לידער,
אַ „ברודער" באַגלייט,
דאָ קומט מען צוזאַמען
אין טרויער, אין פֿרייד.

מען לייגט דאָ אַ חתימה
צו פֿאָדערן רעכט,
מען גיט אָפּ אַ שטימע
צו גוט־מאַכן שלעכט.

מען טיילט זיך מיט וויסן,
מיט ווערטער פֿון מוט —
צוזאַמען געניסן
איז צענפֿאַך גוט.

מען פֿייערט געבורטסטעג,
מען נעמט אויף אַ פֿריינט
אויף באַרג־אויפֿיקן וועג
דורך נעפּלען פֿון היינט.

אַן אייגענע היים — ציכטיק, העל,
מיט טירן צעעפֿנטע ברייט,
צוזאַמען איז מוטיק דער שטעל,
צוזאַמען איז קאַמף אַ פֿרייד.

פ ר י ל י נ ג

אין זונלאַנד קומט פרילינג מיט פּוכיקע פּיס,
באַרירט קוים מיט איידעלע שפּיצן פון פינגער,
ווילד־בלימעלעך, גראָזן מיט זונגאָלד צעגליט —
ס'איז אַלץ אַזוי אַנדערש, צאַרטער און יינגער!

עס כוואַליעט מיט לעבן און ליבע אַרום,
עס זשומען די בינען, די פויגל זיך פּאָרן,
מיט האָניק און בלי־שטויב איז שווער יעדע בלום —
דער פּאַרק איז גן־עדן פון ליבע געוואָרן . . .

דער קאַטשור, פאַרפּוצטער, האָט קאַטשקע גענומען,
דער זשוק האָט זיין כלה אין פריש־גראָז באַגלייט,
צו זי־טויב איז חתן פאַרליבטער געקומען —
מיט שנעבעלעך זיינען זיי קושן זיך גרייט.

אַ פּאָרל מיט פרילינג אין אָדערן יונגע
פרעגן ביים בלימל: „צי ליבסטו, צי ניט״?
זייער זאַפטיק געלעכטער אין לופט איז צעקלונגען,
פון ליבע־שפּיל אויגן, ווי קווייטן, צעבליט.

אַ פּוטער־שאָל שמייכלט, אַ מאַי־גלעקל רופט,
איבער שטריקל די קינדערלעך שפּרינגען צעהיצט:
ס'האָט פרילינג אַן „עפּעס״ פאַרמישט אין דער לופט,
וואָס האָט אויג און אויער צום לעבן פאַרשפּיצט.

פרילינג־פרימאָרגן, דער פּאַרק אָטעמט קוים,
אין האַרצן אַ פרייד־ליד הויבט אָן זיך צו וועבן —
יעדעס גראָז־שטענגל, ווערימל, צווייגל פון בוים
זאָגט עדות, אַז פרילינג איז ליבע צום לעבן!

קינדער לעבן

אַ מיידעלע אין דאָרף

מיידעלע איז אין דאָרף געקומען,
האָבן זיך פאַר איר פאַרנויגט די בלומען
אין היטעלעך בונטע, קליידעלעך גרינע
אויף איין פיסל יעדערע, ווי אַ באַלערינע.

זעט זי, בלוי־גלעקעלעך,* פיאַלקעס, פאַרגעס־מיך־ניט,
„דעם האָלענדערס הויזן" ** פון לעצטן שניט —
שטייט זי דערמאָלט אין גרינער וועלט,
וויל אויספוצן יעדן שפּראָצעלע אין פעלד.

טייכעלע פלוידערט, ראָבין זינגט.
פישעלע שטיפער פון כוואַליעלעך שפּרינגט,
ווייַנענדיקע ווערבע האָט צעלאָזט גרינע האָר
און שפּיגלט זיך ווי אַ כלה אין וואַסערל קלאָר.

ניי־געבוירענע גרעזעלעך שמייכלען צום הימל,
נעמען מיט ליבשאַפט אַרום יעדעס בלימל.
מיט פּאַרסיטיא־גאָלד און מאַגנאָליא־רויט
איז פרילינג־טעפּיך אויסגענייט.

מיידעלע פלאַקערט פון בלימל צו גרעזל,
בעקלעך צעפלאַמט, פאַרשוויסיקט דאָס נעזל —
אַ גאַנצן בוקעט זי האָט אין איר שוים —
אירע הענטלעך צו קליין ,אירע אייגעלעך גרוים !

זי האָט, דוכט זיך, בלימעלעך גענוג אָנגעקליבן,
נאָר מער זיינען פאַרט אויפן פעלד פאַרבליבן.
בלימל צו בלימל, בלעטל צו בלאַט
ס'מיידעלע איז מיט שיינקייט זאַט.

טייכעלע רופט. טייכעלע בעט:
„גיב מיר אַ בלימל פון שײנעם בוקעט,
כ׳וועל צום ים, פון טייכן די מוטער,
אַ מתנה ברייננען פון אַ מיידעלע אַ גוטער״.

טייכעלע שטראָמט, טייכעלע לאַכט.
מיידעלע האָט זיך שטיל פאַרטראַכט —
גרעזל נאָך גרעזל, פעטאל נאָך פעטאל
צופט מיידעלע פון שײנעם בוקעטל.

טייכעלע פליושקעט. טייכעלע זינגט.
מיידעלע אויף איין פיסעלע שפּרינגט.
זי — אַ שפּראָצעלע אין פרילינג־וועלט
ברײנגט מאַמען בלימעלעך פון גרינעם פעלד.

מיידעלע איז אין שטאָט געקומען,
אין איר אָטעם, דופט פון בלומען
אין די אויגן, גרין פון פעלד
פרייד פון בליענדיקער וועלט.

---

* בלוי־גלעקלעך — „בלו בעלס״.
** „דעס האָלענדערס הויזן״ — „דאָטשמענס ברישעס״.

איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם

שנייעלע איז קליין,
קומט קיינמאָל ניט אַליין,
שנייעלע איז שוואַך,
קומט עס מיט שנייעלעך אַ סך.

פאַלן שנייעלעך צוזאַמען,
זעצן זיך אויף דעכער און צאַמען,
קלעפּן אוים קליידער פאַר בוימער און צווייגן
ווינקען איינס צום צווייטן און שווייגן.

זיי טוליען זיך שטילער איינער צום צווייטן,
שרעקן זיך פאַר דעם ווינטל פאַרשייטן,
נאָר גוט איז שנייעלע קליינעם —
איינער פאַר אַלע — אַלע פאַר איינעם.

ווינטל-שטיפער לאָזט לאַנג ניט זיצן —
ער טרייבט זיי שטריקן ווייסע מיצן,
פוצט אוים מיט זיי די העכסטע סלופּעס,
טוט זיי אָן אויף ברוכוואַרג קופּעס.

ווינטל יאָגט שנייעלעך איבער וועלט,
ברייננגט זיי אין וואַלד, שיט זיי אויף פעלד
איבער וועגן, איבער בייטן
מוזן זיי ווייסע דעקעם שפּרייטן . . .

אַלץ מיט שניי איז שוין פאַרשאָטן,
טרייבער-ווינטל איז אַפּגעטראָטן.
אין בלוי-קאַלטן לבנה-גלאַנץ
רוען שנייעלעך נאָכן ווילדן טאַנץ.

אַ שנירעלע פערל

אַ שנירעלע פערל, ווייסער ווי שניי,
האָט טאַטע דער מאַמען געבראַכט —
אַ סוד, גאָר אַ גרויסן, האָבן זיי —
ער קושט זי, ער קושט מיך און לאַכט . . .

צו מאַמען ער רעדט אַזוי ליבלעך־שטיל,
ער טוט איר די פערעלעך אָן . . .
איך שפּיל זיך מיט ליאַלקעלע אויפן דיל
און קוועל פון זיי ביידן אָן.

צום שפּיגל גייט מאַמע אַ קוק טאָן אויף זיך,
טרעט טאַטע ניט אָפּ פון איר.
לויף איך, אַ בייזע, אַריין אין קיך
און פּאַרהאַק אויף צו להכעיס די טיר . . .

זיי רעדן — איך קען אַ וואָרט ניט פאַרשטיין,
זיי לאַכן — איך ווייס ניט פון וואָס,
און אַלע מאָל בלייב איך איינע אַליין —
טראָג איך אויף זיי אַ פאַרדראָס!

אָט וועל איך באַלד זיי דערמאָנען אָן זיך!
איך ווייס שוין — עס העלפט אַלעמאָל —
הויב איך אָן טופּען אָן דיל מיט די שיך
און לאָז אָפּ דאָס וואַסער פון קראַן.

זיי קומען! צעפינקלטע ביידע מיט פרייד,
די מאַמע רעדט צוקער זיס,
פאַרדריסט מיך נאָך מער . . . שלעפּ איך איר קלייד
און טו שניר פערל אַ ריס . . .

אוי פֿערעלעך! פֿייגל דערשראָקענע פֿליען,
אַ האָגל, אַ ווייסער, פֿאַלט דאָ אין קיך.
טאַטע־מאַמעס אויגן מיט גוטסקייט מיך בריען
און שטיפֿעריש רופֿן מיט פֿינגער צו זיך.

שטיי איך און ווייס ניט מיט זיך וואָס צו טאָן,
פֿאַרשעמט, זוך איך פֿערל אַרום מיט די אויגן . . .
בויגן זיך ביידע שמייכלענדיק אָן
מיט אָפֿענע אָרעמס צו מיר אויסגעצויגן.

„וואָס אַזוי ברוגז?! וואָס איז געשען?!
לאָמיר אויפֿקלייבן פֿערעלעך . . . ריר זיך, געשווינד!
דעם שענסטן פֿערל וואָס מיר קענען זען
ביסטו, שלעכטע מיידעלע, נאַרישעס קינד!"

אויפֿן דיל קריכן דריי — טאַטע־מאַמע און איך,
אונדזערע אויגן ווי לעמפּלעך צעצונדן,
פֿול מיט ליבשאַפֿט, מיט שטיפֿערשער פֿרייד איז די קיך,
נאָר מיין כעס? ער איז ערגעץ פֿאַרשוואונדן!

ס׳זינגט דער רעגן

הער נאָר, הער נאָר, ס׳זינגט דער רעגן,
ס׳קלאפּט אין פּייקלעך פרישער גוס,
נאָס און גלאַנציק אַלע וועגן,
יעדער טראָפּן ברענגט אַ גרוס.

וואָלקנס לויפן, וואָלקנס יאָגן,
שיפן — פול מיט רעגן־זאַפט,
ביימער, בלומען אויסגעצוואָגן,
וואָרצלען זויגן נייע קראַפט.

ווערן גראָזן ניי אין רעגן,
אויסגעוואַשן יעדעס בלאַט,
ליכטער־טאַנצן אום אויף וועגן
ווי די שפּיגלען גלאַנציק־גלאַט.

אין די רינעס שטרעמלעך שטיפן,
ערגעץ איילן זיי זיך שנעל,
אפשר ווייט צו קלאָרע טיפן,
אפשר וואו די זון שיינט העל.

לייבעלע שטיפער

אויף קאַלענדאַר אַ רויטע ציפער
מיינט — מען דאַרף ניט גיין אין שול —
רייסט בלעטעלעך לייבל שטיפער
און קעפּל איז מיט קונצן פול!

פון בלעטלעך מאַכט ער שיפן,
שלום-טייבעלעך שיקט ער אין לופט,
ער ווערט ניט מיד פון שפּיל און שטיפן.
נאָר מאַמע!... זי שטערט... זי רופט...

אָבער לייבל'ס ליבסטע ציפער
איז דער רויטער **פערטער** יול —
פאַרגעסן האָט דער קליינער שטיפער
לערנען, ביכער, יאָך פון שול:

פייער-ווערק ליגן אים אין קעפּל,
אויף קאַרוסעל אַ לאַנגער פאָר,
אַ סיראָפּ-איינגעטונקטער עפּל,
אַ שווים אין וואַסער קיל און קלאָר.

פון שול ווייס לייבל זייער גוט,
אַז ס'איז דער שענסטער טאָג פון טעג!
דער **פערטער** — טאָג פון גרויסן מוט
האָט לאַנד געפירט אויף פרייען וועג!

רייסט בלעטעלעך לייבל שטיפער...
אָט... איז ער שוין נאָענט צו איר —
אַרומגעשטעלט מיט שוואַרצע ציפער
אויף בלעטל יול אַ **רויטער** 4!

אין נעסטעלע טוליען זיך דריי

מאַמע-פויגעלע האָט פוכעלעך געבראַכט,
טאַטע צווייגעלעך צוגעגעבן,
פון אייעלעך ראַבינקע טאָג און נאַכט
האָט מאַמע אויסגעבריט ניי-לעבן.

דריי פויגעלעך פון שאָלעכץ אַרויס,
דריי פיסקעלעך האָט מאַמע דערזען:
„אָט פלי איך נאָך ווערעמלעך אַרויס . . .
טשיר . . . טשיר, טאַטע, ס'איז געשען!"

טאַטע קינדערלעך באַטראַכט:
„טשיר . . . טשיר . . . ליבינקע, בריליאַנטן"
און פאַר משפחה ביז שפּעט ביינאַכט
זינגט ער די שענסטע קוראַנטן.

ער פליט אויף גיך אַרויס אין פעלד
פאַר עופה'לעך זוכן עסן,
מאַמע האָט זיך אויפן פאַרקאַן געשטעלט
און אָן אירע פויגעלעך פאַרגעסן:

„אוי, טשיר . . . טשיר . . . ווײ — ס'איז דאָך נאַכט!
ווי גיך דער טאָג איז פאַרביי . . .
געזעסן אין נעסטל פאַרשפּאַרט,
פאַרביינקט זיך נאָך דרויסן- פריי!"

אַ יינגעלע האָט פויגעלעך דערזען,
ער האָט זיי אין די הענט גענומען
און איידער וואָס, איידער ווען
זיינען צוויי פון זיי אומגעקומען . . .

פֿאַרבליבן איין פֿויגעלע בלויז,
איין עופֿה׳לע אין נעסטל אַליין,
שטעקט זי איר קעפּל אַרויס
און טשירפּעט אַ ביטער געוויין.

איז מאַמע צום נעסט צוגעפֿלויגן —
אַן אומגליק, אַן אומגליק געשען,
זי האָט ניט געגלויבט אירע אויגן
ווען זי האָט ס׳עלנטע פֿויגעלע דערזען . . .

אַהיים פֿליט טאַטע פֿאַרשייט
מיט פֿריילעכן, גליקלעכן טריל,
דערהערט אַ געוויין פֿון דער ווייט
איז האַרץ זיינס געבליבן שטיין שטיל . . .

אין נעסטל אויף שאָלעכצלעך גרוי
זיצט איינזאַם זיין פּיצעלע קינד,
די מאַמע פֿאַרזונקען אין טרויער
צעזייט איר געוויין מיטן ווינט.

אין דרויסן איז זוניק, פֿריי,
טאַטע טרילערט אַ טרייסט שטילערהייד,
אין נעסטעלע טוליען זיך דריי,
זיי ציטערן ווערן צעשיידט.

ווען כ׳וואָלט אַ פלאַטערל געווען . . .

ווען כ׳וואָלט אַ פלאַטערל געווען,
כ׳וואָלט צו דיר נאָך האָניק קומען
ווייל דו ביסט זיסער פון די גראָזן,
ווייל דו ביסט זאַפטיקער פון בלומען!

ווען כ׳וואָלט אַ פלאַטערל געווען,
כ׳וואָלט זאַפט פון רויזן און טוליפּן
אין פּעטאל-בעכערלעך געבראַכט
צו דיינע מאָנענדיקע ליפּן.

כ׳וואָלט וווייך צו דיר אַריינגעפלויגן,
מיט סאַמעט-פליגעלעך דיך צעגלעט,
מיט קוש פאַרזיגלט דיינע אויגן
און וואַך געשטאַנען ביי דיין בעט.

דיין אָטעם כ׳וואָלט אַריינגעזויגן,
דיין יעדן ריר אַריינגעזאַפּט,
באַגליקט כ׳וואָלט שטיל אַוועקגעפלויגן,
נאָך איידער דו האָסט אויפגעוואַכט.

כ׳וויל אַ פויגל־יינגל ווערן

ווי אַ קעצל מיאוקע איך,
ווי אַ הירשל לויף איך גיך,
לויף ווי פערדל אין גאַלאָפּ,
אָבער פליען קען איך קוים,
ביז קלענסטן צווייג פון קלענסטן בוים.

ווי אַ פישל שווים איך אום,
כ׳וואַקס פון זון ווי אַ בלום.
ווי אַ הענדל כ׳טו אַ קריי,
ווי אַ קו איך קיי און קיי.
נאָר פאַרוואָס קען ווייפערוויל
פליען ווען און וואו ער וויל?

וועל איך מאַכן פליגלען צוויי,
אָנבינדן אַן רוקן זיי,
פון אַ קענדל געזאָלין
מאַכן אַ קליינע פלי־מאַשין —
כ׳וועל אַ פויגל־יינגל ווערן
און וואַנדערן צווישן שטערן.

רעגן בײם ים

צו ים׳יקער ברוסט פֿאַלן צו טראָפּנס רעגן,
ווי קינדער צו מאַמען נאָך לאַנגן צעשיידן,
עס קומט יעדן טראָפּן די מאַמע אַנטקעגן,
זי קושט אים און נעמט אים צוריק אויף אין פֿריידן.

דער ים ווייס ווי ס׳ציט זיינע קינדער צו הויכן,
ער ווייס ווי זיי לעכצן נאָך טיפֿקייט פֿון קוואַלן,
ער ווייס . . . ווען ס׳צעוויקלען זיך כמאַרעס ווי רויכן,
זיי וועלן ווי פּערל אין שוים זיינעם פֿאַלן.

פֿון אַלט-גרויע טייכן, פֿון אָזערעס גלאַטע,
פֿון באַרגיקע שטראָמען דורך פֿעלזיקע שפּאַלטן,
צוריק קומען טראָפּנס מיט וואַנדערלוסט זאַטע
און ס׳קען זיי קיין כוח אין וועלט ניט פֿאַרהאַלטן.

דערפֿאַר איז דער ים אַזוי פֿריילעך אין רעגן,
אין רעדל-טאַנץ טראָפּעלעך האַלדזן איין-אַנדער,
עס יובל׳ען די זעמדלעך, די שטיינדלעך אויף ברעגן,
די כוואַליעס באַזינגען די נסים פֿון וואַנדער.

ניסעלע שפּילט מיט שניי

ניסעלע האָט קיינמאָל קיין שניי ניט געזען,
ניסעלע האָט קיינמאָל קיין שניי-מענטשל געמאַכט.
האָט מאַמע פאַר אַ שטיפעריי
שניי אין אייז-קעסטל געמאַכט.

ניסעלע האָט קרוכלען שניי געקלעפּט,
מיט פינגערלעך דעם שניי געפּילט,
און נאָך קיינמאָל, זינט ער לעבט
האָט ער זיך אַזוי שיין געשפּילט.

אַ מענטשעלע מיט אויגן-קוילן
ער האָט פון מאַמעס שניי געמאַכט —
אַזאַ פוכקן שניי, אַ וואוילן
האָט מאַמע בלויז פאַר אים פאַרטראַכט.

ווייס שוין ניסעלע ווי שניי זעט אויס,
עס געפעלט אים נייע שפּיל,
נאָר פון הענטעלעך אַרויס
טריפט אַ „רעגן" אויפן דיל!

וואָס איז דאָס? פרעגט ער דער מאַמען.
„דאָס איז קאַליפאָרניער שניי . . .
אין קאַלטן לאַנד ער פרירט צוזאַמען
און ליגט אַ לאַנגע צייט אַזוי".

ביידע לאַכן ווי צוויי קינדער,
מאַמע ווישט די נאַסקייט אויס —
ניסעלע האָט געזען אַ וואונדער —
שניי געמאַכט אין אייגן הויז!

וואַסער אַ פולע שיסעלע
געבליבן איז פון מאַמעס שניי,
דערפרייט האָט מאַמע ניסעלען
מיט קלוגער שטיפעריי.

„די גרויסע שוועסטער"

מאַמע איז פון שפּיטאָל געקומען
מיט אַ ברודערל אַ קליינעם,
האָבן פריינט געבראַכט איר בלומען
און באַוואונדערט יינגעלע שיינעם.

מאַמע האָט דאָס קינד געטוליעט,
זויגן אים פון ברוסט געגעבן,
מען האָט געלאַכט, מען האָט געהוליעט,
געטרונקען ווייַן צום נייעם לעבן.

ס'האָבן אַלע גאָר פאַרגעסן
אָן שוועסטערל פון יינגעלע קליין —
איז זי אין ווינקעלע געזעסן
און זיך געשפּילט מיט זיך אַליין.

געזעסן איז זי איינגעבויגן,
פאַרלאָזט, פאַרגעסן און פאַרשעמט . . .
גרויסער אומעט אין די אויגן,
דאָס הערצעלע פון צער פאַרקלעמט.

פלוצלונג איז זי אויפגעשפּרונגען,
האָט עופה'לע אַ שלעפּ געגעבן,
ס'האָט בייז איר קעלכעלע געקלונגען:
„כ'וועל מיין מאַמע דיר ניט געבן".

„ס'איז מיין מאַמע . . . מיינע . . . מיינע . . .
„כ'האָב אייך אַלע, אַלע פיינט".
„געוויס, מיין טאָכטער, דיינע און זיינע
און דו ווערסט „גרויסע שוועסטער" היינט!"

גרויסע שוועסטער האָט ברודערל באַטראַכט,
אָנגערירט זיינע הענטעלעך דינע,
דורך טרערן האָט זי זיך צעלאַכט:
„זע נאָר, מאַמע, ער מאַכט אַ מינע!"

צום האַרץ האָט מאַמע זי געצויגן,
מיט ליפּן אויסגעגלעט איר שטערן.
פון גרויסע אומעטיקע אויגן
האָט מאַמע אויסגעקושט די טרערן.

אַ טאַנץ

איינס און צוויי, איינס און צוויי
אויפן קנאַפּל זיך אַ דריי,
דריי און פיר, דריי און פיר,
טו דיין שכן שטיל אַ ריר.

איינס און צוויי, איינס און צוויי
רונד אַרום זיך טו אַ דריי,
דריי און פיר, דריי און פיר,
נעם דיין שותף, טאַנץ מיט איר.

איינס און צוויי, איינס און צוויי
הויב די הענטלעך אויף אַזוי
דריי און פיר, דריי און פיר,
גיי מיט שותף אַ שפּאַציר . . .

איינס און צוויי, איינס און צוויי
איצט פאַרנויג זיך אָט אַזוי,
דריי און פיר, דריי און פיר:
„דאַנק, מיין שותף, דאַנק צו דיר".

זייף - בלעזלעך

וואַסער, זייף, אַ שטיקעלע,
אַ טרייבעלע, אַ גלעזל,
פּוף, פּוף, פּוף —
עס שוועבט אַרויף
בונטער זייפן-בלעזל.

פלעכטן זיך,
וועבן זיך,
בלעזעלעך-גירליאַנדן,
פינקלען זיך,
שפּילן זיך
לויטערע בריליאַנטן.

אָ, ווי הויך,
אָ, ווי ווייט
בלעזל איז פאַרפלויגן,
צינדן זיך,
פלעמלען זיך
פייערלעך אין אויגן.

רעגנבויגן-בלעזעלעך
טאַנצנדיקע קרעלן
אויפן דיל
פאַלן שטיל
שפּרינגען קינדער, קוועלן.

יאָגן זיך,
וויגן זיך,
בונטע, שטילע טויבן;
טוליען זיך,
קלעפּן זיך
בלעזעלעך ווי טרויבן.

פוף, פוף, פוף —
קרעכצט און זיפצט
טרייבעלע אין גלעזל . . .
פוף, פוף, פוף —
שטיל גייט אוים
ס׳לעצטע זייפן-בלעזל.

פ ר י י ר י ק י ע ל ע

אויף דער פרייער פריירי
שטייט אַ סטאַדע קי,
שלינגען גרינע גרעזעלעך
פול מיט געלן בלי.

אייטערס שווער און גרייט
מיט פרישן זיסן זאַפט,
פריירי ווייט און ברייט
פילט זיי אָן מיט קראַפט.

וועט זיין קעז און פוטער,
מילך אַ פולער קרוג
און אַלץ ווייל בונטע קיעלעך
זיינען אַזוי קלוג.

טשאַרלי דער קאַנאַריק

טשאַרלי דער קאַנאַריק
אין געלער פעדער-קלייד,
שפּרינגט אַרום אין שטייגל,
טרילערט ווי אַ פּלייט.

אַ לידל פאַרן עסן,
אַ טריל ביים שלאָפן גיין,
און אָפטמאָל קלינגט זיין ניגון,
ווי אַ שטיל געוויין.

איז דאָס שטייגל אָפן
פליט ער ניט אַרוים,
אויף אַ פאַלשן צווייג
לעבט ער זיין לעבן אוים.

טשאַרלי דער קאַנאַריק
מיט דרעטעלעך פאַרשטעלט,
פאַרגעסן האָט שוין חיות
פון גראַמער, פרייער וועלט.

דאָס לעמפּל אינם צימער —
זיין זון און זיינע שטערן,
צו זיי זינגט דער קאַנאַריק
זיין ליד פון פרייד און טרערן.

טשאַרלי האָט פאַרגעסן
הימל גאָלד און בלוי:
ער האָט אַ היים און עסן
זיין מאַמע — גוטע פרוי.

פאַר טשאַרלי, דעם קאַנאַריק,
איז פריי דאָס גאַנצע הויז:
זיין שטייגל-טיר איז אָפן,
נאָר ער פליט ניט אַרויס.

די פרוי האַלט שטייגל ריין,
זי גלעט אים, רעדט גאָר שטיל,
ווי ער, זי איז אַליין,
שיינקט ער איר זיין טריל.

איטלעכן פרימאָרגן
ער וועקט זי מיט זיין ליד,
ער לינדערט אירע זאָרגן,
ווען זי איז קראַנק און מיד.

— — — — — — — —

בלויז ווען פרילינג קומט,
ווערט אומרואיק קאַנאַריק:
ווען דרויסן לעבט און בלומט
ער בענקט נאָך פאָרונג, גליק!

קאַרשן צייט

אינם סאַד די בוימער קוועלן,
גרינע קליידער, רויטע קרעלן,
קאַרשן־שניט, קאַרשן־צייט,
קומען געסט פון נאָענט און ווייט.

קעסטלעך, לייטערס, קערב און שיסל —
פליק אַ סך, רייס אַ ביסל,
עס נאָר וויפיל ס'גייט אַריין,
קאָך און פּרעגל, שטעל איין ווײַן.

הענטלעך קלעפּיק, פּיסקלעך רויט,
סאַד — גן־עדן פול מיט פרייד —
ווער עס שטייגט, ווער עס פאַלט,
צורה'קעס אויסגעשמירט, צעשטראַלט!

צווייג אַרויף, צווייג אַראָפּ,
פול מיט קאַרשן אין אַ טאָפּ,
אַ געדעטעניש אַזאַ זיסע,
איז אַ מצווה צו געניסן!

דאָ און דאָרט אַ קאַרש פאַרבליבן,
רעכט אויף איר! צו הויך זיך פאַרקליבן!
שטיל ווערט בישלעכוויי אין סאַד —
ס'פאָרן געסט צוריק אין שטאָט.

זומער גייט, זומער קומט,
פרילינג קאַרשן־סאַד צעבלומט,
טרינקען בליטן ליכט און זון
ווערן קאַרשעלעך דערפון.

צוויי קינדער *

צוויי קינדער צווישן טורמע־ווענט,
ווארטן האַלטנדיק די הענט . . .
ס׳האָט עמיצער די טיר פאַרמאַכט,
ס׳האָט עמיצער די טיר באַוואַכט . . .

ליבלעך, ווי ס׳וואָלט גאָר ניט זיין,
קומען עלטערן אַריין.
די מאַמע קושט די אויגלעך אוים,
דער טאַטע פרעגט די קינדער אוים.

עס טאָרן קינדער ניט דערשפירן
די טריט פון טויט הינטער די טירן . . .
צום טאַטן מאַמע קוקט אַריבער,
די אויגן בעטן: „שטאַרק זיך, ליבער״.

די קינדערלעך פון אַלץ דערציילן,
נאָר טאַטע־מאַמע רגעס ציילן . . .
אַ קול זאָגט אָן: „גענוג . . . ס׳איז שפּעט״.
אַ דרוק, אַ קוש, אַ לעצטער גלעט.

צום טיר באַגלייטן זיי די קינדער —
„פון אייערטוועגן געשען וועט וואונדער . . .
די וועלט וועט אונדזער ריינעם לעבן
אייך, קינדער, אַ מתנה געבן!״

די טיר פאַרהאַקט . . . שטום די ווענט . . .
צוויי קינדער פאַכען מיט די הענט . . .
צוויי איינזאַמע ביים טורמע־טויער
הערצלעך — איבערפולט מיט טרויער.

* לעצטער באַזוך פון די ראָזענבערג קינדער ביי זייערע עלטערן.

אַ קליין יינגעלע בײַם ים

אַ קליין יינגעלע בײַם גרויסן אָקעאַן —
צו יונגע פּיסעלעך עס קניען כוואַליעס אַלטע
אין קליינעם מענטשעלע איז קראַפט פאַראַן
וואָס וועט די מאַכט פון ים אויף ברעקעלעך צעשפּאַלטן.

אַ שוואַך יינגעלע שפּילט זיך מיט גאָלד פון זאַמד,
מיט פעלז־געביין פון וואַסער־מיל צעמאָלן,
חלומות פורעמט ער מיט קליינער קינדער־האַנט
הייזער, בריקן, פעלזן־בערג און טאָלן.

אַמאָל, ווען ס׳יינגעלע וועט זיין אַ מאַן
און ס׳וועט זיך אים נאָך ברעגן זאַמדיקע פאַרבענקען,
וועלן די זעלבע כוואַליעס פונם אַלטן אָקעאַן
ווי נאָענטע גוטע פריינט זיין מידן טראָט באַשווינקען.

נ י י - י אָ ר

רויטע ליכט און גרינע קראַנצן
אַרום בוים די קינדער טאַנצן,
טויטע צווייגן, פאַלשער שניי,
ס'וואַקסן פּעקעלעך אויף זיי.

בליען לעמפּלעך — בונטע בלומען,
האַלבע נאַכט — וועט ניי־יאָר קומען.
קינדער — בינען, פרייד אין אויגן
וועלן קלייבן „פרוכט” פון צווייגן.

קאַלט. אין דרויסן קינדער פרירן.
ביי די פענסטער, ביי די טירן.
ס'וואָלט אַזאַ באַפּוצטער בוים
זיך געפּאַסט פאַר זייער היים . . .

ס'ווינקען פּעקעלעך פון צווייגן —
אויגלעך לויכטן, ליפּלעך שווייגן . . .
גרינע קראַנצן, ניי־יאָר ליכטער
פאַרבן בלאַסינקע געזיכטער.

א י נ ס ש נ י י

אין דעם יונגן, פרישן שניי,
שטייט אַ מיידעלע פון צוויי,
איינגעטוליעט, אַרומגעבונדן,
בעקעלעך פון פראָסט צעצונדן.

זון אויף שניי, זון אויף קינד
און מיט ביידן שפילט דער ווינט ;
אויפן קלאָרן שניי אַ שאָטן,
פונקט אין מיידעלע געראָטן.

שאַרט זי שניי אַ פולן הויפן,
כאַפּט עס ווינט און נעמט אַנטלויפן,
אין דער לופטן זילבער־שטויב,
יעדעס שנייעלע — אַ טויב.

עס שפרינגט אַרום אַ וואָראָביי,
שטעמפּלט טריטעלעך אין שניי,
אַ פאַרהונגערטער איז ער
און געפינען שפייז איז שווער . . .

מיידעלע און וואָראָביי —
ביידע שפרינגען אום אין שניי,
ס'פויגעלע זוכט אַ ברעקל ברויט,
ס'מיידעלע געפינט איר ווינטער־פרייד.

שטייט אַ יאָלקעלע אין וואַלד

שטייט אַ יאָלקעלע אין וואַלד
אומעטיק ביז גאָר,
העקער וועלן קומען באַלד —
ס׳גייט אַ נייער יאָר.

שאַצן וועט מען יעדן בוים
אַף דאָלאַר און אַף סענט,
און צווייגן וועלן ציטערן,
ווי בעטנדיקע הענט.

„אָ, הויב ניט אויף דיין האַק אומזיסט,
דער וואַלד איז דאָך מיין היים!
אַרום אַזוי פיל בלעטער — מיסט
זאָל גרינען כאָטש אַ בוים".

די האַק איז שאַרף, דער שטאַם איז דין
און ס׳קומט אַ נייער יאָר . . .
וויגט זיך שטיל אַ יאָלקע גרין
טרויעריק ביז גאָר!

אַ געשפּאַן

דער ברודער איז דער פערד,
די שוועסטער איז דער וואָגן,
אין שוים אַ הורבע ערד
צו זייער שטוב זיי טראָגן.

אַ שטוב די גרוים — אַ שפּאַן,
אַ גאָרטן מיט צוויי ביימן,
אַ בוים איז שוין פאַראַן,
איצט דאַרף מען פלאַנצן קוויטן.

דער ברודער איז אוים פערד,
די שוועסטער איז אוים וואָגן.
גענוג שוין שווארצע ערד
פאַר פלאַנצן אָנגעטראָגן.

די ביימן שוין פאַרזייט,
ס'איז פאַרטיק ליאַלקע הויז,
די שוועסטער פוצט איר ברודנע קלייד,
דער ברודער ווישט זיין שוויים.

משה רבינו׳ס קיעלע

אין אַ קילער בעטעלע,
אויף אַ גרינעם בלעטעלע
האָט משה רבינו׳ס קיעלע אויפגעוואַכט
און וואָס צו טאָן געטראַכט.

אין אַ זומער-קליידעלע,
ווי אַן אויסגעפוצטע מיידעלע,
פון רויט מיט שווארצן מאָן
ליגט זי גרייט און אָנגעטאָן.

הוידעט איר אַ מילדער ווינט
ווי זיין אייגן קינד —
פלוצלונג פוף . . . געטאָן אַ בלאָז,
און ס׳קיעלע ליגט שוין אויפן גראָז!

משה רבינו׳ס קיעלע לאַכט —
אַט האָט זי זיך דערטראַכט:
אונטער דעמב אין שאָטן קילן,
וועט זי זיך מיט קינדער שפּילן!

אַט געטראַכט און אַט געטאָן,
פלאַטערט רויט מיט פינטלעך מאָן —
משה רבינו׳ס קיעלע — אַן אַרבעסל גרויס
זיצט שוין ביי מיידעלע אין שויס.

— אוי, מאַמע . . . מאַמע . . . זע, אַ חיה!
— ס׳איז משה רבינו׳ס קיעלע, מיין טרייע.
— אוי, אַט גיט זי מיר אַ בים!
— שרעק זיך ניט, מיין צוקער-זים.

אויף מאַמעס אויסגעשטרעקטער האַנט
רויטע קיעלע רואיק שפּאַנט,
גלויבט דאָס מיידעלע, אַז זי איז גוט
קריגט דאָס מיידעלע מער מוט . . .

ווי אַ שפּילקעלע אַ שיינע
שטייט משה רבינו׳ס קיעלע קליינע
אויף דער בלויער קליידעלע
פון האַלב-דערשראָקענער מיידעלע.

פליגעלעך שוואַרצע, דין ווי זייד —
שלייפלעך אויף איר רויטער קלייד
אויף פיסעלעך לאַקירטע שיך —
קוקן קינדער — וואונדערן זיך:

אַ קיעלע וואָס פליט און גייט ?!
אַ קיעלע אין אַ רויטער קלייד ?!
פון אַלע זייטן מען קוועטשט, מען טאַפּט,
וואו האָט משה רבינו אַזאַ קיעלע געכאַפּט ?

דער אַ ריר און דער אַ גלעט,
זון פאַרגאַנגען — ס׳איז שוין שפּעט,
מיד איז קיעלע פון משה רבינו,
מיד זיינען אירע חבר׳טעם קליינע.

פליגעלעך פון זייד — אַ שפּרייט, אַ פּאַך . . .
פאַרדראָסיק קוקן קינדער נאָך . . .
משה רבינו׳ס קיעלע רוט אויף איר בעטעלע,
אַ פּריש-באַטויטע בלעטעלע.

חלומ׳ען וועט זי פון גוטע מיידעלעך,
אין קאָלירטע זומער-קליידעלעך,
און דאָס מיידעלע און חבר׳טעם קליינע
וועלן אין שלאָף אַרומפליען ווי קיעלעך שיינע.

מיין הינטעלע טרילבע

מיין הינטעלע טרילבע
פילט עפּעס ניט גוט
ער ליגט אויף געלעגער
פאַראומערט, אָן מוט.

כ'וועל היינט מיט מיין הינטעל
אין האָספּיטאַל גיין,
אפשר טוט מיין טרילבעלען
ווי זיינע ציין?

נאָר אָט האָט מיין הינטל
אַ ביינדל דערזען —
און ס'איז פּלוצלונג אַ וואונדער
מיט טרילבען געשען —

אַ שפּרונג און אַ גריזשע
דעם זאַפּטיקן ביין,
און ס'קנאַקן ווי אייזן
מיין טרילבעלעס ציין.

נ ע נ ס י

נענסי, עס!
נענסי, טרינק!
נענסי, שלאָפן גיין! —
וואָס די מאַמע וויל פון איר
קען נענסי ניט פאַרשטיין . . .

טו אָן שיך!
וואַש זיך איין!
גיכער, טו זיך אָן! —
נענסי הערט אַ וואָרט ניט מער,
זי איז איצט שטאַרק פאַרטאָן.

וואו איז נענסי?
וואָס טוט זי? —
זי וואַשט איר קאַץ אין הויף —
שמייכלט מאַמע:
„נענסי, האָניק,
קום אין הויז אַרויף.

אַ וויג־ליד

מיין איניקל דזשעקעלען

טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ . . .
אַ לידעלע אַזאַ . . .
כ׳האָב דאָס לידעלע אַליין פאַרטראַכט,
פון פויגעלע, וואָס זינגט,
פון העזעלע, וואָס שפרינגט,
פון שוועסטערקע, וואָס רעדט נאָך ניט,
נאָר לאַכט און לאַכט און לאַכט!

טראַלאַ־טרילאַטריל . . .
שטיל זאָל ווערן, שטיל,
שלאָף, מיין קעצעלע, ביסט זייער מיד!
שלאָפן דאַרף מען . . . שלאָפן גיין!
ס׳נעמט די זון, די זון פאַרגיין.
מאָרגן וועל איך דיין וועגעלע פירן,
מיר׳ן שפּילן און שפּאַצירן
און צוזאַמען זינגען, זינגען מיין ליד!

דאָנעלע

דאָנעלע, קליין דאָנעלע
האָט רעטעכלעך פאַרזייט,
האָט רעטעכלעך פאַרזייט.

באַלד וועלן די רעטעכלעך
צום עסן ווערן גרייט,
צום עסן ווערן גרייט.

דאָנעלע וועט אויסרייסן
די רעטעכלעך פון בייט,
די רעטעכלעך פון בייט

און וועט זיי עסן גאָר געשמאַק
מיט סמעטענע און ברויט,
מיט סמעטענע און ברויט.

אַ פולע שיסעלע רעטעכלעך,
רעדעלעך רויט און ווייס,
רעדעלעך רויט און ווייס

וועט עסן דאָנעלע רעטעכלעך
און וואַקסן שלאַנק און גרויס
און וואַקסן שלאַנק און גרויס!

מאַי־זשוק

מאַי זשוק, מאַי זשוק,
קום אַרויס און טו אַ קוק,
פרילינג קומט אָן פון דער ווייט
מיט גרינעם קאָפ צעוויים, פאַרשייט.

מאַי זשוק, מאַי זשוק,
קום אַרויס און גיב אַ קוק —
אין די צווייגן זאַפט אַ קוואַל,
קנאָספן, בלעטלעך איבעראַל,
לוזשקעס דאַ און שטרעמלעך דאָרט
און מיר באַקן בלאָטע־טאָרט.

מאַי זשוק, מאַי זשוק,
קום אַרויס און גיב אַ קוק —
ס'איז אַ קאַרניוואַל אין וועלט
בלי אויף בוים און גרין אויף פעלד —
כאַפ דיין שוואַרצן פראַק און שיך
און קום אַרויס צו אונדז אויף גיך.

דערציילונגען פֿאַר קליין און גרויס

„פּראָפעסאָר" דזשאַני און זיין טשערעפּאַכע

דזשאַניס בעסטער צייט־פאַרטרייב איז אַרומגיין אין פּאַרק ביים טייכל און זוכן און פאָרשן. ער האָט ליב גראָזן און בלומען, יונגע שפּראָצונגען פון בוימער און גרין־גרינע פּיכטע מאָכן, אָבער מער פון אַלץ האָט ער ליב לעבעדיקע באַשעפענישן.

אַ מוראַשקע, אַ בין איז ביי אים אַ גאַנצע מציאה; אַ זשאַבקעלע, אַ יאַש־טשערקע, אַ פליג צי אַ זשוק, אַ פלאַטערל צי אַ ווערימל — אויך ניט שלעכט, אָבער אַ טשערעפּאַכע, באַזונדערס דער גרעסערער מין, וואָס קוקט שוין טאַקע אויס ווי אַן אמתע חיה — דאָס איז דאָס סאַמע בעסטע — דאָס איז אַן אמתער אוצר . . .

דזשאַני ווייסט שוין אַ היפּש ביסל וועגן טשערעפּאַכעס, ער ווייסט אַז אפילו דאָ אַרום טייכל זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים — איז זיין גרעסטער פאַר־לאַנג צו כאַפּן עפּעס אַזאַ מין טשערעפּאַכע, מיט וועלכער ער זאָל זיך קענען אויסבאַרימען פאַר דער גאַנצער וועלט . . .

די קינדער רופן אים „פּראָפעסאָר דזשאַני", ווייל אַלעמאָל האָט ער אַרום זיך אַ רעדל, אַלעמאָל שטייט ער אינמיטן און מיט אַ טאָן פון אַ גרויסן ווייסער דערציילט ער די גרויסע נסים פון זיינע פאָרשונגען. דערביי האַלט ער אָפט איינע פון די באַשעפענישן אין האַנט אָדער אין אַ שוועבעלע־פּושקעלע צו באַווייזן, אַז ער מיינט עס.

דזשאַני איז שוין צען יאָר אַלט. ער האָט זייער ליב צו לייענען, און ביכלעך וועגן רעפּטילן, שלאַנגען־אַרטיקע, קריכנדיקע חיות האָט ער באַזונדערס ליב. אפילו זיין מאַמע, זיין טאַטע און די שוועסטערלעך רופט אים „פּראָפעסאָר" און האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר זיינע מיינונגען.

זומער־צייט איז דזשאַנין זייער גוט. די ברעגן אַרום טייכל, דאָס גרינע פעלד דערביי און די וואַלדיקע בערגלעך זיינען פול מיט לעבעדיקע באַשע־פענישן — מען קאָן טעג גאַנצע פאַרברענגען דאָרט, און אפילו אַן עסן פאַרגעסן.

איינמאָל אין אַ זומער־פאַרנאַכט האָבן די קינדער אין גאַס דערזען ווי דזשאַני קומט אַרויס פון פּאַרק, ער גייט אַזוי שטאָלץ מיט די הענט איבערן קאָפּ, ער האַלט עפּעס אַ געלבלעכע זאַך, וואָס צאַפּלט זיך און רייסט זיך פון אים.

„העי, חברה, קומט . . . קומט שנעל! זעט נאָר וואָס איך האָב דאָ . . . אַ טוירטל, אַ פּאַרשוין, אַ גיגאַנט . . . אַ דימענט . . .״

די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. מען האָט זיך גענומען שפּאַרן, שטויסן, יעדערער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו זען דעם וואונדער. די קלענערע קינדער האָבן זיך אַרונטערגעזעצט אויף די קני און אַריינגעקוקט צווישן די פיס פון די עלטערע כדי כאָטש עפּעס צו זען.

„שטיל זאָל זיין״, האָט דזשאַני אַ זאָג געטאָן מיט ווירדע, „איר וועט נאָך דערשרעקן מיין טשערעפּאַכע און זי וועט זיך אַרויסרייסן פון מיינע הענט . . . איר זעט אירע אויגן? זי איז שוין דערשראָקן . . . כ׳האָב אפשר דריי שעה זי נאָכגעיאָגט . . . ניין, איך שפּאַס בלויז, אַ טשערעפּאַכע קריכט פּאַמעלעך, מען דאַרף זי ניט יאָגן . . . איך מיין, זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון מיר אין לעכער, הינטער שטיינער אפילו. אין וואָסער אַריינגעקראָכן עטלעכע מאָל . . . געמיינט, כ׳וועל שוין דאַרפן אויפגעבן . . . כ׳האָב זיך שטיל אויסגעצויגן. אפילו ניט געאָטעמט, און פּלוצלונג: צאַפּ . . . כ׳האָב זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דעם הינטער־פיסל און אָט איז זי! . . . וואָס זאָגט איר עפּעס? געזען אַמאָל אַזאַ גרויס? געזען אַמאָל אַזאַ רוקן . . . רוקט זיך אָפּ, וועל איך אייך ווייזן . . . גוט . . . נאָך אַביסל . . .״

אַלע האָבן זיך אַ רוק געטאָן. דער קרייז איז געוואָרן גרעסער. מיט גרויסע, נייגעריקע אויגן האָבן די קינדער באַטראַכט די פּעטע, געלבלעך־גרינע טשערעפּאַכע. מיט שרעק אין האַרצן האָבן זיי אפילו אָנגערירט איר האַרטן רוקן . . . די טשערעפּאַכע, ווי ניט איר מיינט מען עס, האָט פּאַמעלעך אַרויס־גערוקט איר לענגלעכן קאָפּ מיט די צוויי שוואַרצע, שאַרפע אויגן, זי האָט ניט־איילנדיק אַרויסגעשטעקט אירע פיס פון אונטער איר ביינערנעם פּאַנצער און גענומען קריכן. עס איז איר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז זי איז דער שטערן (סטאַר) אין דער שפּיל, אַז אַלעמענס אויגן זיינע אויף איר אָנגעשטעלט . . .

„איר זעט, זי איז באַדעקט מיט שופּן כמעט אַזוי ווי אַ שלאַנג, אָבער אַ טשערעפּאַכע בייסט ניט ווי אַ שלאַנג . . . זי כאַפּט אַמאָל אַריין אַ פינגער אויב מען דערגייט איר צופיל די יאָרן . . . היט זיך . . .״. דזשאַני האָט זי אַריינגענומען איןביידע הענט, זי איבערגעדרייט מיטן רוקן אַראָפּ:

„איך רוף זי דאָטי, ווייל זי האָט שוואַרצע פּינטעלעך אויפן געלן רוקן („דאָט״ מיינט אַ פּינטל). איר זעט ווי איר רוקן האָט דריי טיילן . . . זיי הענגען ווי טירלעך אויף זאַווּעסקעס. מען רופט זי די קעסל־טשערעפּאַכע, אָדער טאָרטויז״.

„כאַ־כאַ־כאַ, טאַרטויז מיינט טוירטל־הויז״, דערהערט זיך דאָס דינינקע שטי־מעלע פון קליינעם בעני.

„שוייג . . . לאָז דזשאַנין רעדן״.

„יאָ, זי איז זייער קלוג . . . אָט זעט“.

דזשאַני האָט דאַטין אָוועקגעשטעלט אויף דער ערד. מיט אַ געניטער האַנט האָט ער זי אַ קער געטאָן אויפן רוקן. פאַר אַ ווײלע איז דאַטי געבליבן ליגן. דער קאָפּ, די פיס, דער עק אײנגעפּאַקט אין איר בײנערנער הויז . . . כאַטש שפּיל באַל מיט איר, אַזוי רונד איז זי . . . נאָר באַלד האָט זי זיך גענומען ביסלעכווײז בויגן אַן אַ זײט, אַרויסגעשטעקט איין פיסל, זיך אַ קלאַמער געטאָן אַן דער ערד און זיך איבערגעקוליעט.

„אַהאַ . . . דאַטי מאַכט אַ „סאָמערסאַלט“ . . . זע . . . זע . . . זע נאָר“.

„טו עס נאָכאַמאָל, דזשאַני, זײ אַזוי גוט“.

עטלעכע מאָל האָט דזשאַני דורכגעפירט דעם קונץ.

„יאָ, אמת, דאַטי איז טאַקע זײער קלוג“, זאָגט נענסי.

„אָ, מײַן דאַטי איז ניט פון די גאָר גרויסע טשערעפּאַכעס . . . איר ווייסט, אין ים . . . ווייט, ווייט אין גרויסן ים, איז דאָ אַ טשערעפּאַכע, וואָס וועגט אפשר טויזנט פונט . . . אפשר 500 פונט. מען עסט זיי. טשערעפּאַכע־פישער פאָרן אַרויס אין ים און כאַפּן זיי אין נעצן. די גאָר גרויסע זײַנען אַזוי שווער, אַז זיי קאָנען זיך ניט איבערקערן . . . נאָו סער . . . זיי בלייבן ליגן אויף זייער רוקן, און קאָנען זיך ניט אַ ריר טאָן. די טשערעפּאַכעס־פישער ווייסן איר שוואַכקייט . . . נעמען זיי די טשערעפּאַכעס און קערן זיי איבער אויפן רוקן, לייגן זיי אויס אויפן דעק פון שיף און פירן זיי צו פאַרקויפן אין מאַרק“.

„דו ביסט אַ ליגנער . . . אַ גרויסער ליגנער . . . דו מיינסט, דו ווייסט אַלץ“, שרייט אַ ייִנגל פון קרייז. „ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ גרויסע טשערעפּאַכע . . . האָסט עס גאָר אויסגעטראַכט . . . און אויב יאָ, האָט זי אַ סך מער כּח ווי דײַן דאַטי ... אַז דאַטי קאָן, קאָן די גרויסע טשערעפּאַכע געוויס באַווייזן אַזאַ קונץ“ . . .

„רוף מיך ניט ליגנער . . . כ'בין ניט קיין ליגנער“, ענטפערט אים דזשאַני, אַן אויפגעקאָכטער, אריבער די קעפּ פון די קינדער צו זיין באַליידיקער.

„קום מיט מיר, קלוגיטשקער, וועל איך דיר ווייזן, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן . . . פאַרוואָס לערנסטו זיך ניט אויס גוט לייענען, טאמי, ביסט אַזוי אַלט ווי איך . . . קום . . . קומט אַלע . . . איך וועל אייך ווייזן וואָס עס שטייט אין מײַן בוך . . . ריר זיך, אַז ניט קריגסטו פון מיר קלעפּ“.

דזשאַני הויבט אויף זיין דאַטין און די חברה לאָזט זיך גיין צו דזשאַניס הויז. זיי זעצן זיך אויס אויף דער לאָנקע.

„דזשאַני איז דער בעסטער שילער אין שול . . . ער ווייסט וואָס ער רעדט. ער איז ניט קיין ליגנער“.

„האָסט קיין שום רעכט ניט צו באַליידיקן, „סמאַרט גאַי“ . . .“

„איך קאָן אויב איך וויל . . . קיינער קאָן מיר קיין דעה ניט זאָגן", ענט־פערט יענער: „דזשאַני מיינט אַז ער איז אַ גאַנצער חכם".

אָבער דאָ איז דזשאַני אַרויסגעקומען מיט אַ גראָבן בוך.

דאָס איז אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס זיין טאַנטע, די לערערין, האָט אים געגעבן אַ מתנה צו זיין געבורטסטאָג. ער האָט אויפגעמישט דעם קאַפּיטל וועגן טשערעפּאַכעס און אַ זאָג געטאָן:

„לאָמיר זיך איצט וועטן: אויב באָבי (דער באַליידיקער) איז גערעכט, גיב איך אים אַוועק מיין דאַטי, אויב אָבער איך בין גערעכט און איך בין ניט קיין ליגנער, זאָל ער מיר געבן זיין פייל און בויגן . . . גוט?"

„ניט דעם פייל און בויגן . . . מיין מאַמע וועט שרייען . . . כ'וועל דיר געבן דאָס מעשענע קייטעלע".

„אָלראַיט . . . זאָל זיין דאָס מעשענע קייטעלע . . . אָבער דו וועסט זיך דאַרפן אַנטשלודיקן".

„אָקעי, זאָל זיין אַזוי".

דזשאַני האָט אָנגעהויבן לייענען וואָרט נאָך וואָרט . . . אמת . . . עס שטייט טאַקע געשריבן שוואַרץ אויף ווייס . . . אַלץ וואָס דזשאַני האָט געזאָגט איז ריכטיק.

„נו, באָבי, דערלאַנג דאָס קייטעלע און היט זיך . . . זאָלסט מיך מער ניט רופן ליגנער".

אַלע קינדער פּאַטשן אין די הענטלעך, אַלע לאַכן, אַלע זיינען צופרידן, וואָס דער ליגנער־רופער האָט פאַרלאָרן דעם געוועט . . . בלויז באָבי האָט זיינע ליפּעלעך אָנגעבלאָזן . . . ער לאַכט שוין גאָרנישט. פּאַמעלעך נעמט ער דאָס קייטעלע אַרונטער פון פּאַסיק און וואַרפט עס אויף דער לאַנקע.

„הוראַ פאַר פּראָפעסאָר דזשאַני . . . הוראַ פאַר דאַטי . . . לאָמיר גיין . . . ס'איז שפּעט . . . מאָרגן וועלן מיר אויסטראַכטן אַ גוטע שפּיל".

ווען דזשאַני איז אַהיימגעקומען איז שוין געווען שפּעט. דער מאַלצייט איז געווען געגרייט. אַלע זיינען אַרום טיש געזעסן. אָט־אָט וועט דער טאַטע אַהיימקומען פון דער אַרבעט.

„פּראָפעסאָר, וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן אַ גאַנצן טאָג? . . . און פאַר־וואָס מאַכסטו אָן מער טומל ווי אַלע קינדער אויף דער גאַס . . . שטענדיק זוכסטו עפּעס אָפּ . . . וואַש די הענט, שנעל".

דזשאַני האָט אַ פינטל געטאָן צו זיין שוועסטער נענסי מיטן אויג:

„יאָ, מאַמע, אָט־אָ באַלד קום איך". ער האָט געשווינד אַ שטעל געטאָן זיין טשערעפּאַכע אויפן טיש, גלייך לעבן די טעלער מיט שפּייז.

„אַזוינס האָסטו נאָך קיינמאָל ניט געזען, מאַמע! . . . זי הייסט דאַטי, און זי וועט זיין אַ מיטגליד פון אונדזער משפּחה" . . .

„אָ, נעם עס צו . . . נעם עס צו, דזשאַני, דו ביסט אַ מאָדנער ייִנגל. ווי איז מיר, אַזאַ באַשעפעניש אויפן טיש . . . אַזאַ שמוציקע . . .״

„ניין, מאַמע, דאַטי איז זייער אַ ריינע באַשעפעניש, פּליז, שרעק זיך נישט . . . אָט נעם איך זי אַרונטער . . .״

„הער אויס, זונעלע, פּראָפעסאָר מיינער . . . גענוג איז גענוג, איך בין טאַקע זייער צופרידן, וואָס דו פאַרנעמסט זיך מיט נאַטור־וויסן, אָבער קיין טשערעפּאַכע אין דער משפחה דאַרף איך נישט . . . גענוג שוין, וואָס איך האָב אַזאַ מאַלפּעלע ווי דו . . . מאַרש . . . זעץ זי אַריין אין שטייג און קום גלייך צוריק״.

„מאַמע, אָבער זע נאָר ס׳אַראַ פאַרשוין זי איז! ברוין, שוואַרץ־באַפּינטלט . . . זי וועגט אפשר פינף פונט. גיב מיר עפּעס פאַר איר . . . לעטוס, געהאַקטע פלייש . . .״

„זאָל זי גיין פאַרדינען . . . כ׳קאָן נישט דערפאָדערן צו האָדעווען אַ טשערעפּאַכע מיט פלייש . . . ס׳קאָסט גענוג אָן איר . . . דזשאַני, דו זעסט דאָך אַליין, דאַטי איז אַ גרויסע חיה . . . זי האָט מסתמא אַ פיינעם אַפּעטיט . . . אָ, נאַ דיר עפּעס און נעם זי אַרויס פון דאַנען״.

„אַ דאַנק, מאַמעלע, דו ביסט אַ טייערע . . . אָט בין איך שוין ביים טיש״.

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. דזשאַני האָט דאָס מאַראַנצן־קעסטל איבערגעקערט. ער האָט דאַטין אַריינגערוקט אינעווייניק און דורך די שפּאַרונעס צווישן די ברעטלעך זי געגומען האָדעווען: אַ שטיקעלע לעטוס, אַ שטיקעלע פלייש. דערלאַנגט האָט ער עס דאַטין אויפן שפּיץ פינגער. דאַטי האָט געהערט צו דעם „סנעפּער״ מין, דאָס מיינט, זי בייסט ווען זי איז צערייצט אָדער הונגעריק. ווען דזשאַני האָט איר דערלאַנגט דעם לעצטן ביסן האָט דאַטין זיך פאַרגלוסט נאָך עפּעס — זי האָט צוזאַמען מיטן שטיקל פלייש אָפּגעביסן אַ שטיקל פינגער — נישט דעם פינגער, נאָר אַ פּיצל הויט.

„מאַמע, מאַמע . . . קום אַרויס . . . דאַטי האָט מיר אַ ביס געטאָן״.

„גוט אויף דיר . . . אָט־אָ וואַרף איך זי גלייך אַרויס . . . כ׳האָב געוואוסט אַז קיין גוטס וועט נישט אַרויסקומען״.

„אָ, ניין, מאַמע, זי האָט עס נישט געמיינט . . . זי האָט געמיינט, אַז מיין פינגער איז אַ שטיקל געהאַקטע פלייש . . . זי איז געווען הונגעריק״, האָט דזשאַני אַ זאָג געטאָן, פאַרבייסנדיק די ציין פון ווייטיק.

יעדן טאָג נעמט דזשאַני אַרויס זיין דאַטי אויף אַ שפּאַציר. אַ לעבעדיקע באַשעפעניש האָט ליב די פריי ווי דאָס לעבן. אין פּאַרק ביים טייכל איז קיל. זי באָדט זיך אויס, זי צופּט אַ גרעזל, זי געפינט אַ פּאָר מוראַשקעס, זשוקלעך, ווערימלעך אָדער זי ציט זיך אַריין אין איר שטיבעלע און דרימלט.

דאַטי איז שוין די דריטע „טוירטל" ביי דזשאַנין. זיין ערשטע, פּעני, איז אַנטלאָפן אַזוי שנעל ווי ס'איז קאַלט געוואָרן. זי איז אַוועק צו דער נאַטור, זיך פאַרשטעקט צווישן קוסטעס און איינגעדרימלט פאַר די ווינטער־חדשים.

זיין צווייטע טשערעפּאַכע, בוטשי, האָט ער שוין אָפּגעהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ, נאָר אַז עס איז געקומען די צייט צו לייגן אייער פאַרן יונגן דור איז זי אַוועק צום ברעג פון טייכל וואו זי קאָן זיי פאַרגראָבן אין זאַמד און לאָזן די זון זיי אויסבריען.

דאַטין וועט שוין דזשאַני ניט אָפּלאָזן. ער ווייסט שוין בעסער ווי אַזוי זי צו באַהאַנדלען.

„דאַטי איז אַ זי . . . איך וועל איצט זוכן אַן ער. איך וועל זיי האַלטן אין דערזעלבער שטייג. זיי וועלן זיין צופרידן, זיי וועלן זיך ליב האָבן, און זיי וועלן מיר געבן קליינע טשערעפּאַכעלעך . . . כ'וועל זיי קאָרמענען אין זיי האָדעווען ווי קינדער".

„און וואָס וועסטו טאָן מיט זיי?"

„איך ווייס אַליין ניט . . . אָבער איך האָב ליב נאָכצוקוקן ווי חיות לעבן און וואַקסן . . . ווייסט, דזשעקעלע, חיות זיינען זייער קלוג . . . זיי זיינען נאָך אפשר קליגער ווי קינדער".

„אָ, רעד ניט קיין נאַרישקייטן . . . חיות גייען ניט אין שולע . . . חיות קאָנען ניט אויסלייגן, ניט ציילן . . . ניט לייענען אַ בוך".

„דערפאַר זיינען זיי טאַקע קלוג . . . זיי ווייסן אַלץ אַליין".

„איך האָב אויך ליב חיות . . . איך האָב ליב פערד . . . אַז איך וועל אויסוואַקסן וועל איך האָדעווען פערד . . . איך וועל אַרומפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט".

„אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אַרבעטען אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן („זו") דאָרט דאַרף מען זיין זייער געלערנט . . . מען דאַרף פאַרשטיין די חיות . . . איך וועל מיין דאַטין אויך מיטנעמען".

„כאַ־כאַ־כאַ . . . דיין דאַטי וועט פון דיר אויך אַנטלויפן, ווי פּעני און דיין בוטשי . . . חיות האָבן פיינט צו זיין אין אַ שטייג".

דזשאַני האַלט דאַטין אין שויס. ער גלעט איר איבערן קעפּל, שפּילט זיך מיט אירע פיסלעך, קייקלט זי אין זאַמד.

„זאָרג זיך ניט . . . זי וועט שוין פון מיר ניט אַנטלויפן . . . זאָרג זיך ניט".

„העי, דזשאַני, דזשעקי, קומט . . . קומט גלייך . . . מיין טאַטע האָט מיר אַ הינטל געבראַכט . . . אַ הינטל אַ האָניק (האָניק זיס)", דערהערט זיך באַביס שטימע.

„אַ הינטל? . . . קום, דזשעקי, לאָמיר אַ קוק טאָן".

ער האָט ניט באַמערקט ווי דאַטי איז פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון זיין שויס. זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן צווישן די שטיינער, אין טיפן גראָז, און איז ניט געוואָרן.

„אוי, אוי, וואו איז זי? וואו איז דאַטי? העי ,דאַטי, טייערע, העי דאַטי, קום צוריק", שרייט דזשאַני פאַרצווייפלט.

„כאַ־כאַ־כאַ . . . כ'האָב דיר געזאָגט, דאַטי וועט פון דיר אַנטלויפן".

„שעם זיך, דזשעקעלע, בעסער העלף מיר זי געפינען. זיי אַזוי גוט . . . האַלט דיינע אויגן אָפן".

מיטאַמאָל איז דזשאַנין איינגעפאַלן אַ געדאַנק. דאַטי קאָן ניט זיין צו ווייט. ער מוז זי געפינען.

„יוהו . . . יוהו . . . דאַטי איז אַנטלאָפן . . . ווער וויל מיר העלפן?"

„איך".

„איך אויך".

„נעם מיך".

„גוט, קומט אַהער . . . דאַטי האָט ליב צו קריכן אַרום שטיינער . . . זי מוז זיין נאָענט . . . שטעלט זיך אַלע אויף דער וואַך . . . שטיל . . . קיין פּיפּס ניט . . . טוט וואָס איך הייס. דאַטי, קום אַהער, דאַטע . . . אָט וועל איך דיר געבן עפּעס עסן . . . נענסי, ברענג עפּעס פאַר דאַטין".

אַרום איז שטיל. מען הערט ווי גראָזן רעדן . . . דזשאַנין דוכט זיך, אַז ער האָט זי דערזען.

„קינדער, אַרום אין אַ קרייז . . . ציט אויס די הענט צום מיטן . . . רוקט זיך פּאַמעלעך . . . פּאַמעלעך . . . אָט אזוי . . . אַזוי".

דאַטי האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן שטיין און פּאַמעלעך געקראָכן אינם קרייז . . . און אָט האַלט זי שוין דזשאַני אין זיינע הענט. די אויגן לויכטן. די קינדער גלעטן זי, די קינדער לאַכן.

„איצט קומט צו . . . יעדער איינער קאָן האַלטן דאַטיס הענטלעך און איר אַריינקוקן אין פּנים".

„דזשאַני, דיין דאַטי איז הונגעריק. גיב איר אַ שטיקל פינגער".

„אַז דו וועסט אַזוי רעדן וועל איך איר געבן אַ שטיקל פון דיין נאָז".

„נאַ, אָט האָב איך אַ פּאָר מוראַשקעס געכאַפּט".

„לאָמיר זי נעמען צום טייכל און זי אויסבאָדן".

„אָ, לאָזט זי צורו. אַ טשערעפּאַכע האָט ניט ליב צו עסן אָדער טרינקען צופיל . . . זי קאָן אויסקומען אָן שפּייז אַ לאַנגע צייט . . . אַז מען גיט איר צופיל ווערט זי קראַנק . . . אָט וועט זי זיך אָפּרוען אַביסל אונטערן שטיין און איך וועל זי נעמען אַהיים און לייגן שלאָפן".

„לאָמיר דערווייל איר אַ לידעלע זינגען״.

„לאָמיר טאַקע . . . אַ לידעלע ספּעציעל פאַר איר״, זאָגט דזשאַני . . .

„איך האָב עס אַליין אויפגעשריבן״.

„יעס, פּראָפעסאָר, לאָמיר זינגען״.

„דזשאַניס טוירטל דאַטי
איז פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע,
אין אַ בלאָטע הינטערן שטיין,
זיצט דזשאַניס דאַטי איינע אַליין.

דאַטי, דאַטי, נעם דיין הויז,
קריך מיט איר צו אונדז אַרויס,
עפן אויף דיין ביינערנע טיר
לאָמיר כאַפּן אַ שפּאַציר!

איינס, צוויי, דריי, פיר,
מיר מאַכן אַ געוועט מיט דיר.
קום, שיינע טוירטל דאַטי
אַרויס פון נאַסער בלאָטע.

דזשאַני מיט דאַטין פירן דעם פּאַראַד אַהיים. דאַטי איז שוין אין שטייגל. זי איז מיד. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זי אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט. זי וויל שלאָפן. זי ציט אירע אַלע גלידער אַריין צו זיך אין הויז און שלאָפט אַ זיסן שלאָף.

דייווי און פאַלי קראַקעט

אין צייט פון איבעררייס זיינען די קינדער פון ערשטן קלאַס אַוועק אין אַ ווינקעלע פון הויף. מארינא, אַ מעקסיקאַנער מיידעלע מיט אַ חנ'עוודיקן אַליוור־פאַרביקן פּנימל, מיט אַ פּאָר שטייף־פאַרפלאָכטענע צעפּ מיט ראָזע סטענ־געס, האָט געמאַכט מיט די הענטלעך, האָט עפּעס דערציילט . . . איר זיל־בערנער קולכל האָט ווי אַ גלעקעלע געקלונגען. די יינגעלעך און מיידעלעך האָבן זי מיט נייגעריקע אויגן אָנגעקוקט און צוגעפּאַטשט מיט די הענטלעך. אַלע האָבן שטיפעריש אַרויפגעלייגט די פינגער אויף די ליפּן: שאַ . . . שאַ זאָל זיין . . . ס'איז זייער אייגענער גרויסער סוד!

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן די קינדער פון ערשטן קלאַס זיך געשושקעט. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געהערט מארינאס גלעקל־קול קלינגען, און דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך יעדעס קינד פון ערשטן קלאַס אַרומגעטראָגן מיט אַ סוד, וואָס האָט זיך ווי אַ פויגל פון שטייג געריסן . . . די קינדער האָבן געשפּילט באַל, געשפּרונגען איבער שטריקלעך, זיך געהוידעט, און פון צייט צו צייט געמאַכט דעם צייכן איבער די ליפּן, ביז דאָס גלעקל האָט גערופן צוריק אין קלאַס אַריין.

אויפן פערטן טאָג איז אין ערשטן קלאַס פריילעך געוועז. די קינדער־לעך זיינען גאָר פרי געקומען. אַרומגעוואַשענע, אויסגעקאַמטע, אין ציכטיקן אָנטאָן. אויף דער לערערינס טיש האָט סוזי אַוועקגעשטעלט אַ בוקעט פעלד־בלימעלעך אין אַ גלאָז וואַסער. אויפן גלאָז האָט זי אָנגעשפּאַרט אַ געבורטס־טאָג קאַרטל. אַלע קינדערלעך האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער. יעדעס קינד האָט עפּעס געהאַלטן אונטער זיין טישל.

די לערערין איז, ווי אַלע טאָג, אַריין אין קלאַס. זי האָט בלויז איין קוק געטאָן אויף דער חברה און פאַרשטאַנען: ס'איז איר געבורטסטאָג היינט און דאָס קליינוואַרג וויל זי איבערראַשן . . . פּאַמעלעך האָט זי אויפגעהאָנגען איר מאַנטל, אַרונטערגענומען איר הוט, צוגעגלעט אירע האָר און, ווי אַלע טאָג, אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגן, קינדער!

— גוט מאָרגן, לערערין!

די לערערין האָט־זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק — ניט געוואָלט שטערן די שמחה. זי איז צוגעגאַנגען צום טישל:

— אָ, ס'אַרא שיינע בלומען . . . כ'האָב אַזוי ליב פעלד־בלומען. — זי האָט זיך אַרונטערגעבויגן צום בוקעט, אַ שמעק געטאָן און מיטאַמאָל:

— אָ, וואָס איז דאָס? אַ געבורטסטאָג קאַרטל?

אירע אויגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד. זי האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, איבערגעלייענט, אַריינגעלייגט דאָס קאַרטל צוריק:

— מיינע טייערע, מיינע ליבע קינדערלעך, איך דאַנק אייך זייער. איר האָט מיר אַזוי גליקלעך געמאַכט. אָבער . . . ווי אַזוי האָט איר זיך דערוואוסט אַז עס איז מיין געבורטסטאָג?

— מיין ברודער איז פאַראַיאָרן געווען אין ערשטן קלאַס, — האָט קאַר־מעליטא, אַ שטראַלנדיקע, דערקלערט. ער האָט מיר געזאָגט. ער האָט אייך ליב. מיר אַלע האָבן אייך ליב! — קארמעליטא איז געווען שטאָלץ וואָס זי איז געווען די ערשטע צו דערציילן עס מארינאן, וויל מארינא איז איר בעסטע חברטע.

— העפי בוירטהדעי טו יו, — האָט זי מיט אַ דינינקער שטימעלע אָנגעהויבן.

— העפי בוירטהדעי, טו טיטשער — האָט דער קלאַס אונטערגעזאָגט . . . דערנאָך האָבן קינדערשע הענטלעך געפּאַטשט, און קינדערשע פיסלעך צוגע־טאַנצט. די קינדערשע פנימלעך האָבן געשיינט. ס'האָט זיך איינגעגעבן . . .

איינס נאָכן אַנדערן האָבן זיי געטראָגן זייערע פעקעלעך; די לערערין איז אַליין אַ קינד געוואָרן. זי האָט די פעקעלעך אויף גיך פאַנאַנדערגעבונדן. אויפן טישל — קאָלירטע פאַק־פאַפּיר, סטענגעלעך, טיכעלעך, שפּילקעס, אַ קעמל, אַ בערשטל, אַ פלעשעלע פאַרפום, אַ שטיק שמעקעדיקע זייף, אַ פאַרצעלייענער הינטל, אַ שנירל קרעלן, אַ ביכעלע, גרויס ווי אַן אַרבעסל, מיט אַ פּיצעלע בליישטיפטל צו פאַרשרייבן טעלעפאָן נומערן . . .

פון די סאַמע לעצטע מתנה־ברענגער איז געווען דער שעמעוודיקער, שוואַרץ־חנעוודיקער פּאול נאהערא. זיינע אויגן, גרויסע, האַלב־דערשראָקענע פאַרנעמען אַ העלפט פון זיין שיין פנימל. שנעל האָט ער זיין פעקעלע אַוועק־געלייגט אויפן טישל:

— אָט־אָ איז מיין מתנה, לערערין.

— אַ דאַנק דיר, נאהערא . . . נו, אָט וועל איך פּרואוון טרעפן . . . וואָס קען דאָ זיין אין דעם קעסטעלע? — האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי זי האָט עס געטאָן מיט די אַנדערע פעקעלעך.

— אָט וועל איך עס פאַנאַנדערוויקלען . . .

— ניין, ניין, לערערין . . . ניט אַזוי . . . איר מוזט זיין פאָרזיכטיק.

— וואָס איז דאָרטן פאַראַן ? אַ פויגל ? האָסט מורא ס׳וועט אַוועקפליען ?
— ניין, ניין . . . ניט אַוועקפליען . . . עס וועט זיך צעברעכן.
די לערערין האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגענומען דאָס ווייסע פּאַפּירל — אין אַ הילצערנער שאַכטעלע איז געלעגן אַ גרויסע, פרישע גענזענע איי.
— אָ, נאהערא, טייערער . . . ביסט טאַקע גערעכט . . . מען דאַרף זיך היטן — זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט : — געקענט מאַכן אַ פיינקוכן מיט טיכעלעך און שפּילקעלעך און זייף פאַרמישט!
עס הילכט מיט געלעכטער. די קינדער רוקן זיך נעענטער, באַטראַכטן די איי.
— אַ גרויסן דאַנק דיר, פּאָול. אָבער . . . וואָס, אָ וואָס, קען איך טאָן מיט דער איי ?
הענטלעך האָבן זיך אַ הויב געטאָן. יעדעס קינד האָט געגעבן אַן אַנדער עצה — אָפּקאָכן און אויפעסן; אָפּפּאַרבן און האַלטן פאַר פּסח.
— לערערין . . . לערערין . . . איך ווייס — האָט שוירלי, דעם פאַר־מערס מיידעלע אויסגערופן : — מען דאַרף די איי אונטערלייגן אונטער אַ גאַנז. וועט די גאַנז זיצן און זיצן און ס׳וועט זיך אויספּיקן אַ גענזל . . . אַ יונגע, שיינע גענזל.
— שוירלי, דו ביסט־אַ חכמה . . . ס׳איז באמת אַ גוטע עצה . . . וואָס זאָגט איר, קינדער ?
— אַ גאַנז קאָסט אַ סך געלט . . .
— אַ גאַנז דאַרף מען האָדעווען . . .
— אַ גאַנז קען געבן אַ ביס . . .
— הערט, מיינע טייערע קינדערלעך, ווי איך זע איז שוין היינט יום־טוב . . . מיר וועלן שוין היינט גאָר ניט טאָן אין קלאַס . . . גייט און זעצט זיך אויף די ערטער, פאַרלייגט די הענטלעך און באַרואיקט זיך . . . איך דענק, אַז שוירלי איז פאָרט גערעכט . . . מיר וועלן מוזן קריגן אַ גאַנז . . . איך וועל זיך שוין נאָכפרעגן . . .איז נאָכאַמאָל אַ דאַנק אייך פאַר אַלע גוטע זאַכן.
— אַ גוטן טאָג, קינדער.
— אַ גוטן טאָג, לערערין.
די קינדער ווי פלאַטערלעך בונטע, לויפן אַהיים צו דערציילן וועגן סוד, וואָס איז שוין מער קיין סוד ניט.

— — —

אויף מאָרגן איז מיס ראָדריגעז, די לערערין, אַריין אין קלאַס אַ שיינענדיקע, אַ שמייכלענדיקע.
— גוט מאָרגן, קינדער.

— גוט מאָרגן, לערערין.

צוואַנציק פּאָר נייגעריקע אויגעלעך האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף איר. ווען זי וואָלט ניט געהאַט קיין גוטע נייס, וואָלט זי אפילו אויסגעטראַכט, אָבער זי האָט טאַקע יאָ געהאַט פרייִלעכע נייס.

— זעצט זיך. זייט שטיל און הערט . . . איך האָב גאָר גוטע נייס . . . נעכטן בין איך אַוועקגעפאָרן צום פּאַרמער לאַפּעז. ער האָט אַ סך הינער און אַ סך הענער. ער האָט אפילו אינדיקעס, אָבער קיין גאַנז האָט ער ניט. זיץ איך אַזוי אַן אומעטיקע ביי זיין טיש. איך דערצייל אים וועגן אייך, מיינע קינדערלעך, וועגן אייערע פיינע מתנות:

— מיט אַלע מתנות, פאַרמער לאַפּעז — זאָג איך — ווייס איך וואָס צו טאָן, אָבער וואָס מען טוט מיט פּאול נאהעראַס שיינער גענזענער איי? זי וועט דאָך קאַליע ווערן! טאָ, וואָס זאָגט איר?

איך דערצייל אים וועגן שורליס עצה. זאָגט פּאַרמער לאַפּעז:

— שורלי איז גערעכט . . . מען מוז האָבן אַ גאַנז. קיין גאַנז האָב איך טאַקע ניט, אָבער אַן אינקובאַטאָר האָב איך. דאָס — זאָגט ער — איז אַזאַ מאַשין, וואָס „בריט" אויס די איי, וואַרעמט זי פּונקט ווי אַ גאַנז וואָלט אויף איר געזעסן. עלעקטריק טוט עס. נאָך בעסער ווי אַ גאַנז איז דער אינ־קובאַטאָר! . . .

— — —

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט זיך פּאַרמער לאַפּעז'ס אויטאָמאָביל אָפּ־געשטעלט ביים טויער פון שול־הויף. לאַפּעז האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער לערערין ראָדריגעז פון ערשטן קלאַס. אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— גוט מאָרגן, לערערין . . . אָט־אָ איז זי, אייער אייִעלע . . . קוקט עס נאָר אָן, אַ גענזל אַ פאַרשוין . . . ניט קיין גענזל, אַ גאַנערל!

די לערערין האָט דאָס ווייסע גענזעלע מיטן געלן לאַפּעטקע־שנעבעלע אין האַנט גענומען. אויפגעהויבן דאָס באַשעפעניש אַזוי, אַז אַלע קינדער זאָלן עס קענען אָנקוקן. אין קלאַס איז געוואָרן אַ גערודער. קינדער זיינען אַרויס־געלאָפן פון זייערע פּלעצער, באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— לאָמיר . . . לאָמיר אַ קוק טאָן.

— כ'וויל דאָס שנעבעלע אָנרירן.

— כ'וויל עס אַ גלעט טאָן.

— זע נאָר, די געלע שיך . . . זיך אויסגעפּוצט.

— וואו זיינען זיינע פעדערן . . . כאַ־כאַ־כאַ . . . אַ נאַקעטער אין קלאַס געקומען!

— אַוועק, אַוועק קליינוואַרג . . . פון אייער ליבשאַפט וועט דעם גאַנערל

קיין געזונט ניט צוקומען . . . איר שרעקט אים מיט אייערע קולות . . . שו־שו, אוועק, — לאַכט פאַרמער לאַפּעז און טרייבט כלומר׳שט די קינדער.

— אַ דאַנק אייך, פאַרמער לאַפּעז — זאָגט די לערערין.

— אַ דאַנק . . . אַ דאַנק, פאַרמער לאַפּעז און זיין אינקובאַטאָר, — זינגען צו די קינדער.

פּאול נאהערא איז צוגעגאַנגען צום פאַרמער, אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל און אַ שטראַלנדיקער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז מיין מתנה . . . מיין אייעלע . . . כאַ־כאַ־כאַ, אָט איז עס — אַן איי, און אָט איז שוין אַן אמתע גאַנז . . . אַ דאַנק אייך.

— שאַ, און ווער וועט דאָס גענזעלע האָדעווען?

— שוירלי, שוירלי, זי האָט אַ קלוגע עצה געגעבן.

— פּאול נאהערא . . . ס׳איז פון זיין מתנה אַרויסגעקומען.

— זאָל די לערערין עס האָדעווען . . . מיר וועלן העלפן.

— יאָ, קינדער, אַזוי איז גוט . . . מיר וועלן אַלע אַכטונג געבן, אַז דאָס גענזעלע זאָל ביי אונדז אויסוואַקסן און ווערן אַ שיינע, גרויסע גאַנז . . .

ניין . . . פאַרמער לאַפּעז זאָגט, אַז דאָס איז אַ גאַנער . . . נאהערא און שוירלי וועלן זיין מיינע העלפער . . .

אַלע זיינע צופרידן.

— אָבער, ווי אַזוי וועלן מיר דעם גאַנערל רופן? . . . מען מוז אים געבן אַ נאָמען.

אין קלאַס איז שטיל געוואָרן. יעדערער טראַכט. הענטלעך הויבן זיך. אייגעלעך בליצן אויף . . . מאַרינא הויבט זיך אויף די שפּיץ פינגער, דאָס קעפּל פאַרריסן,ביידע הענט אויפגעהויבן. נאָך איידער די לערערין דער־לויבט איר צו רעדן, שיסט זי אַרויס:

— דעיווי קראָקעט . . . דעיווי קראָקעט . . . אַזוי וועלן מיר אים רופן.

דעיווי קראָקעט איז אַ לעגענדאַרע פיגור: די ייִנגלעך טראָגן דעיווי קראָקעט היטעלעך, די מיידלעך דעיווי קראָקעט סוועטערלעך. ס׳קוקט אויס, אַז דער איינפאַל געפעלט. נאָך אַ פּאָר נעמען ווערן דערמאָנט. אָבער אַזוי בלייבט עס: דער גאַנערל וועט הייסן דעיווי קראָקעט.

דער גאַנצער קלאַס איז פאַרנומען מיט דעיווי קראָקעט. די לערן־שעהן שטופּט מען קוים דורך. דער איבעררייס איז דער עיקר. שוירלי, די פאַר־מערשע מיידל, האָדעוועט דייווין מיט איינגעווייקטע שטיקלעך ברויט, מיט אַ ביסל גרויפּן. פּאול נאהערא ווישט אים אַלע טאָג אַרום מיט אַ נאַסער שמאַטקעלע, ברענגט אים אַ פרישן טרונק. פון אַן אַראַנדזש־קעסטעלע האָבן די ייִנגלעך אַ שטייג געמאַכט. איינע האָט געבראַכט אַן אַלטע פּענדל, אַ

צווייטע — אַ גרויס בעקעלע, וואָס מען באַקט ברויט. אין בעקעלע וואַסער אַרייַנ־געגאָסן, אַז דאָס גאָנערל זאָל זיך קענען אַ פּליושקע טאָן.

אַלע קינדער פון דער סקול זיינען דעם ערשטן קלאַס מקנא. וואָס שפּיל? ווען שפּיל? דייווי! אַלע רעדן, אַלע טראַכטן וועגן דייווין.

— זע נאָר, זע, דער גאָנערל איז אומעטיק, ווייל ער האָט ניט קיין פריינט.

— פריינט? און וואָס זיינען מיר? ניט זיינע פריינט?

— יע, אָבער מיר זיינען קינדער . . . דעיווי וויל האָבן אַ גענזל פאַר אַ פריינט.

— כאַ־כאַ־כאַ, דעיווי קראַקעט דאַרף אַ „גוירל־פרענד״!

— וואו זאָלן מיר אים נעמען נאָך אַ גענזל?

— דאָרט, וואו מיר האָבן גענומען דעיווין.

— אָנו, נאהערא, גיי ברענג נאָך אַן איי.

פּאול נאהערא האָט זיך פאַרטראַכט. אַ שווייגנדיקער, פאַראומעטיקטער איז ער אַהיים געקומען. די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער איז קראַנק. זי האָט אים זיין שטערן געטאַפּט. זי האָט אים געהייסן די צונג אַרויסשטעקן און זאָגן — האַ — אפשר עפּעס אין העלזל. די שוועסטער איז נעבן פּאולן גע־שטאַנען און אים אפילו אַ צוקערקע געגעבן, ער זאָל פריילעכער ווערן. דער טאַטע האָט פון דער זייט אויף אים אַ קוק געטאָן און שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז? עפּעס שוין אָפּגעטאָן אין סקול?

— ניין, טאַטע, גאָר ניט אָפּגעטאָן.

— טאָ וואָס גייסטו אַרום מיט אַ וואָלקן אין דיינע אויגן?

פּאָול האָט זיך צום טאַטן צוגערוקט און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

— און וואו, זאָג מיר, זונעלע, האָסטו עס גענומען אַ גענזענע איי?

— כ׳האָב די גענזענע איי געפונען אויפן בלומען בייט, הינטערן הויז.

— אויפן בלומען־בייט? ווי קומט דאָרט אַן איי? זינט ווען וואַקסן עס אויף בלומען־בייטן אייער?

דאָ האָט זיך די מאַמע אַריינגעמישט. זי האָט געזען ווי פּאול איז רויט געוואָרן, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— אָ, איך פאַרשטיי שוין . . . די שכנה אונדזערע האָט אַ פּאָר גענז . . . האָט מסתמא איינע פאַרבלאָנדזשעט איבערן פּאַרקאַן און געלייגט אַן איי אויף אונדזער בלומען־בייט.

— אפשר . . . אפשר ביסטו גערעכט, — זאָגט דער טאַטע און זיין קול ווערט מילד און ליבלעך, — דאָס קען גראָד זיין . . .

ער ציט צו פּאָולן צו זיך, טוט אים אַ קניפּ אין בעקל און אַ שטיפערישן טרייסל.

— און דו, פּאָול, האָסט, הייסט עס, די איי דער לערערין אַ מתנה גע־בראַכט! אַי, ביסטו קלוג, מיין ייִנגעלע!

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און שוין ביי דער סאַמע טיר אַ זאָג געטאָן:

— פּאול, לאָז דאָס איבער צו מיר . . . כ׳וועל דיר שוין אויפזוכן אַ כלה פאַר דיין דעיווי קראקעט . . . כאַ־כאַ־כאַ . . . און איך האָב געמיינט . . . כ׳האָב געמיינט, אַז דו האָסט די איי ביי עמיצן אַליין גענומען . . . נו, זון, זיי ניט אומעטיק . . . ס׳וועט זיין אַ פּאַרל . . . זאָג די קינדער און דער לערערין — ס׳וועט זיין אַ פּאַרל.

— — —

פּאול נאהעראס טאַטע האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געקראָגן אַ גענזל. דאָס מאָל — אַ זי־גענזל. דעיווי קראקעט איז אין זיין שטייג געווען, גרויפּן געפּיקט און באַטראַכט דעם שול־הויף מיט שפּרינגענדיקע, זינגענדיקע, שריי־ענדיקע קינדערלעך. פּאול מיט דעם גענזל אין זיינע הענט און די קינדער פון ערשטן קלאַס — נאָך אים, זיינען צוגעקומען צום שטייגל. איינער האָט די טירעלע געעפנט און פּאול האָט פּאַמעלעך אַרונטערגעלאָזט דאָס גענזל . . .

— זע נאָר, דעיווי קראקעט פרייט זיך . . . ער עפנט זיין שנאָבעלע. ער זאָגט העלאָ.

— קוק, קוק זיך איין . . . דאָס גענזעלע, דאָס נייע גענזעלע כאַפּט ביי אים צו אַ קערעלע.

— און ווי וועלן מיר זי רופן?

— איך האָב שוין מיט שוירלין צוגעטראַכט אַ נאָמען — זי איז אַ מיידל־גענזל און זי וועט הייסן פּאַלי קראקעט.

— דעיווי און פּאַלי קראקעט . . . דעיווי און פּאלי קראקעט! — קלינגט איבערן שול־הויף.

— דעיווי האָט אַ גוירל־פרענד . . .

— פּאלי האָט אַ באָי־פרענד . . .

כאָטש דאָס קעסטל איז אַביסל ענג, דאָך קומט דאָס פּאָרל פיין אויס. עסן — איבערגענוג. יעדעס קינד ברענגט עפּעס. אַלץ ברענגט מען צו שויר־לין. זי ווייס וויפל צו געבן. זי טיילט אויס דאָס עסן צו ביסלעך.

— לאָזט זיי צורו . . . דעיווי און פּאלי וועלן נאָך קראַנק ווערן!

— ס׳זיינען ניט דיינע גענזלעך . . . ס׳איז דער לערערינס.

— ס׳איז דאָך אונדזער אַלעמענס! ניין, מיס ראָדריגעז?

— יאָ, קינדער, מיר וועלן אויסהאָדעווען אַ שיין פּאָרל.

די לערערין, צוזאַמען מיט די קינדער, האָט הנאה צו זען ווי די גענזלעך

וואַקסן. דער ווייסער פּוך אויף די פליגעלעך ווערט מיט גלאַנציק־זיידענע פעדערלעך באַדעקט. די שנעבעלעך ווערן האַרטער און טונקעלער און די געלע שיכלעך אויף די פיס גלאַנצן.

אַ גאַנצן טאָג שטייט דאָס שטייגל אויפן שול־הויף. נאָך די לימודים נעמען עס די קינדער אין קלאַס־צימער אַריין. קינדערלעך רייסן זיך צו באַ־דינען די גענזלעך. יעדעס קינד איז גרייט: איינער בייט איבער דאָס וואַסער, אַ צווייטע רייניקט דאָס שטייגל, אַ דריטער רייסט אויס גראָזן און בלימלעך און וואַרפט עס אַריין אין שטייגל — ס׳זאָל זיין שענער!

מיס ראָדריגעז נעמט אַמאָל דאָס שטייגל צו זיך אַהיים. זי לאָזט די גענזלעך אַרומשפּאַצירן אויף איר לאָנקע. אַלע שכנים ווייסן די מעשה מיט דער איי, וואָס פּאול נאהערא האָט דער לערערין אַלס אַ מתנה געבראַכט. אין שטאָטישן פּאַרק איז אַ טייכל פאַראַן. ברענגען פּאול און שוירלי דאָס שטייגל מיט דעיווי און פּאלי קראקעט צו „פאַרזוכן אַ שווים”. זיי פירן די גענזלעך אויף שטריקעלעך און אַלע קינדער לויפן נאָך.

דעיווי און פּאלי קראקעט זיינען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט. צוליב זיי פאַרפעלן ניט די קינדערלעך קיין טאָג אין קלאַס. מיס ראָדריגעז זאָגט, אַז פּאָלי און דעיווי קראקעט האָבן פון די קינדער „מלאכימלעך” געמאַכט. זיי לערנען זיך גוט, זיי פאָלגן, זיי זיינען פריילעך און גליקלעך, דער גליקלעכסטער פון אַלע איז דער שעמעוודיקער, שוואַרץ־חנעוודיקער פּאול נאהערא.

די מאַמע פון אַלע מאַמעס

אַ גאַנצן ווינטער איז די ערד געשלאָפן. אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן זומער און האַרבסט, האָט זי געמוזט רוען. איז אָבער ווינט און שטורעם געקומען. איר לייב געריסן. איז פראָסט געקומען און אירע גלידער שטייף געמאַכט. איז שניי געקומען, וואָס האָט ערד זייער ליב, און האָט פון שניי־פּעדערלעך אַ פּוכיקע פּערענע געמאַכט און מאַמע־ערד איינגעטוליעט.

אַ גאַנצן ווינטער איז ערד געשלאָפן, אָבער ווי נאָר פרילינג האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיר האָט זי לאַנג ניט געקלערט. זי האָט זיך די אויגן געווּמען רייבן. זי האָט גלידער גענומען ציען און האָט אין איר גאַנצן לייב דערפילט אַזאַ ליבע וואַרעמקייט.

זאָגט זי צו זיך אַליין: „נו, פוילערקע, פעפערקע גענוג גערוט . . . צו דער אַרבעט . . . אָבער טאַקע מיט חשק . . . אַרבעט וועט שוין ניט פעלן! פון צעשמאָלצענעם שניי איז די ערד ווייך געוואָרן. זי האָט דערפילט ווי אַלץ אַרום איר, אין איר און איבער איר טשוכעט זיך אויס פון שלאָף . . . זי האָט די וואָרצלען מיט זאַפט אָנגעזויגן און אָנגעזאָגט:

„קינדערלעך, צעעפנט אַלע רערן און רערעלעך וואָס פירן צום שטאָם, צו די צווייגעלעך, צו די בלעטעלעך ביזן סאַמע שפּיץ — זײַ זײַנען נעבעך פאַר־הונגערט, אויסגעדאַרט".

„יע, מאַמעלע, — האָבן די וואָרצלען געענטפערט — מיר הויבן גלייך אָן . . . אַלץ איז גרייט!"

די גרעזעלעך מיט זייערע שטאַרקע, דינע וואָרצעלעך האָבן געשטיפּט און געטומלט און די ערשטע אַרויסגעקראָכן פון מאַמע־ערדס שויס. די ערד־ווערים — פעטע, אויסגערוטע און ספּריטנע, האָבן דערקלערט אַ געוועט — ווער עס וועט דער ערשטער אַרויסקריכן אויף דער וועלט — וועט זיין דער גע־ווינער.

די ערד האָט הנאה געהאַט פון אַזאַ געוועט, ווייל די ווערים גראָבן זי אויף, מאַכן זי ווייך און פּרוכטבאַר — גרייט פאַרן פרילינג פאַרזיי.

אָבער דער מוילוואָרף האָט אַלעמען פאַרלאָפן דעם וועג. ער איז דורך זיין טונעל אַרויסגעקראָכן אויף דער פלאַך. מיט די פאַרזשמורעטע אויגעלעך,

וואָס זיינען ניט צוגעוואוינט צו זון־ליכט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און אויס־געשריען: „איילט זיך צו, חברה, די וועלט וואַרט . . . די וועלט וואַרט אויף אונדז . . . די וועלט וואַרט אויף אונז".

האָבן זיך גענומען שושקען די בלימעלעך: „די קינדערלעך וואַרטן אויף אונדז". זיי האָבן זיך גלייך גענומען פוצן. זייערע היטעלעך האָבן זיי אויס־געצירט אין פאַרשיידענע פאַרבן; זייערע בלעטעלעך האָבן זיי אויסגעשניטן און אויסגעוועבט ווי די שענסטע געוועבן; זייערע שטענגלעך און שטעמעלעך איינגעוויקלט אין סאַמעט־גרין. יעדעס בלימעלע האָט געוואָלט אויסזען אַנדערש. יעדער בלימעלע־משפחה האָט עפּעס אַזוינס צוגעטראַכט, וואָס זאָל איר אויס־טיילן. עס איז גאָר ניט אַזוי שיין ווען אַלע בלימעלעך, גרעזעלעך, בוימעלעך און חיות זאָלן אויסקוקן פּונקט דאָסזעלבע. ס'וואָלט געווען אַזוי נודנע, אַזוי אומעטיק.

דאָס שניי־בלימל איז די ערשטע פאַרטיק געוואָרן. זי האָט אַרום איר שטענגעלע איינגעוויקלט אירע קנאָספּעלעך און זיך געלאָזט אין וועג אַריין — גלייך דורכן שניי און פראָסט! די פיאַלקע איז אַ גרעסערע פוצערקע, איז זי פאַרטיק געוואָרן שפּעטער. די גלעקל־בלימעלעך אין טאָל, די געלע פּוטער־טעפּעלעך, די ווילדע חנה'ס אויגעלעך האָבן אַביסל צוגעוואַרט. זיי ציטערן פאַר קעלט. די פּרוכט־בוימער אָבער אַרבעטן שווערער פאַר אַלעמען. ביי זיי איז עס ניט סתם אַ בלימל. זיי גרייטן פּרוכט. זיי ווייסן אַז קינדערלעך קאָנען ניט וואַקסן אָן זייער פּרוכט, אָן זייער גרינס.

— — —

דער גאָרטן וואַרט. די זון האָט אים אַזוי דערוואַרעמט, אַז עס שלאָגט אַזש אַ פּאַרע. אויף די פּאַראַיאַריקע בייטן ליגן הורבעלעך מיסט. די מאַמע האָט אין האַרבסט צונויפגעשאַרט די געפאַלענע בלעטער. געפאַלענע בלעטער זיינען אויך נוציק. זיי העלפן די נייע שפּראָצונגען.

די מאַמע איז מיט די קינדער אין גאָרטן אַרויס.

— נו, חברה, לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט . . . נעמט אַרויס פון שטעלכל די גאָרטן־געצייג. פאַר מיר ברענגט דעם גרויסן רידל, פאַר זיך נעמט די קליינע לאָפּעטקעס און די גראַבליעס . . . אין ווינקל שטייט אַ קאָשיק מיט באַמיסטיקונג . . . אויף די פּאַליצעס די פּעקלעך מיט פּאַרזיי . . . גע־דענקט . . . וואָס מיר וועלן איצט פאַרזייען, וועלן מיר שפּעטער אַרויסנעמען . . . די ערד איז גוט, ווען מען איז גוט צו איר.

— גוט, מאַמע, דו וועסט זיין די לערערין און מיר וועלן דיר פאָלגן . . .

גערענקסט וואָס איך האָב אָפּגעטאָן פאַראַיאָרן . . . כ׳האָב אַ גאַנצן פּעקעלע זוימען אַריינגעלייגט אין איין גריבעלע!

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

— דאָס מאָל וועסטו שוין וויסן . . . איין אָדער צוויי קערנדלעך אין אַ גריבל, אַז ניט וועט איין שפּראָצל שטויסן דעם אַנדערן און קיינער וועט ניט אַרויסקומען.

די מאַמע האָט אַריינגעשטעקט דעם רידל אין דער ערד. אַ שטופּ געטאָן מיטן פוס און איבערגעקערט:

— געמאַכט אָן אָנהויב . . . האַ, ס׳איז אַ חיות . . . — זי האָט מיטן האַנט אָנגעשעפּט אַ הויפן פרישע, פייכטע ערד. — נאַט, זעט, קינדערלעך, עס שמעקט מיט לעבן.

זי האָט די ערד צוגעטראָגן צו די קינדערשע נעזלעך.

— ערדעלע, ערדעלע, אַ געזונט אין איר ביין, זי האָדעוועט אונדז אַלעמען און קוקט אויס יונג און שיין.

— אוי, אוי, מאַמע, זע נאַר, זע . . . אַ שלאַנג . . . זי וועט מיר אַ ביס טאָן . . . כ׳האָב מורא! — שרייט דאנא.

— כאַ . . . כאַ . . . כאַ, נאַרעלע — האָט זיך דזשעקי צעלאַכט.

דאָס איז ניט קיין שלאַנג . . . ס׳איז אַ געזונטער, פעטער ערד־וואָרעם.

די מאַמע האָט דעם וואָרעם אַרויפגעלייגט אויף איר האַנט:

— זע, קוק אָן . . . ער פרייט זיך מיטן פרילינג און טאַנצט אַ האָפּקע . . . דער ערד־וואָרעם טשעפּעט קיינעם ניט . . . ער איז אַ זייער נוצלעכע באַשעפעניש. ער העלפט גראָבן די ערד . . . וואָס מער ווערים אַלץ בעסער פאַר אונדז . . . מיר׳ן ניט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן. דער ערד־וואָרעם איז אויך שפּייז פאַר די פלאַנצן . . . ווערימל, גיי און לעב אַ טאָג.

דריי רידלען האָבן די ערד געקערט מיטן פּנים צו דער זון . . . די פרישע ערד האָט געווימלט מיט לוסטיקע ווערים. פון ערגעץ־וואו זיינען אָנגעקומען ראָבינס — רויטע בריסטלעך . . .

דזשעקי האָט מיט צוויי שפּענדלעך אויפגעהויבן אַ וואָרעם און אַ וואָרף געטאָן צו די פויגל. אַ ווײַלע שפּעטער איז שוין יעדער ראָבין געזעסן מיט זיין פּעניצל וואָרעם אויפן פאַרקאַן.

— אַ ווערימל פאַר דעם ראָבין איז אַזוי געשמאַק ווי אַ „האָט דאָג" פאַר אונדז. זיי וועלן שוין האָבן אַ באַנקעט אַ גאַנצן.

— ראָבין, ראָבין . . . — שרייט דאנא און האַלט אַ ווערימל אויף אַ שפּענדל . . . — זע, כ׳האָב ניט מורא . . . קום און נעם . . .

קומען ראַבינס מער און מער. זיי האָבן דערשמעקט דעם ריח פון פרישער ערד. שטייען זיי אַרום און זיינען זיך מכבד מיט אַ געשמאַקן מאָלצייט.

— נו, אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט — זאָגט די מאַמע און גלייכט אויס איר רוקן. — נעמט אייערע גראַבליעס.

די קינדער קאָמען אויס די צעגראָבענע ערד. זיי שלעפּן אַרויס דאָס ווילד־גראָז, די וואָרצלען. די מאַמע פורעמט אויס בייטן, ווירעט אויס שטעגלעך צווישן די בייטן.

— איך וויל זייען די רעטעכלעך !

— איך וועל פאַרזעצן מערעלעך !

— גוט, אָבער געדענקט: זוימען זייַנען ווי קינדערלעך. זיי דאַרפן וואַקסן און ווערן גרויס . . . זעצט זיי ניט צו נאָענט, וועלן זיי האָבן גענוג זון. די ערד וועט קענען האָדעווען יעדן קערנדל באַזונדער.

— צוערשט מאַך אַ גריבעלע מיטן פינגער . . . דערנאָך לייג אַריין דאָס קערנדל און פאַרשאַר מיט דער ערד — זאָגט דזשעקעלע, די עלטערע שוועסטער.

— כ'בעט דיך ניט, דו זאָלסט מיר זאָגן — בייזערט זיך די קליינע דאנא.

— איך ווייס אַליין — דאָס גריבעלע מאַך ניט צו טיף און ניט צו פלאַך . . . אָט אַזוי.

דער בייט איז פאַרטיק, פאַרזייט.

— שטעקט אַריין פיר שטעקעלעך אין די פיר עקן פון בייט . . . פאַר־ציט מיט אַ שטריקעלע מיט ווייסע שמאַטקעלעך.

די קינדער ציען אָן דאָס שטריקעלע, שטעקן אַרויף די ליידיקע זוימען־זעקעלעך אויף די שטעקעלעך. וועט מען וויסן, וואָס מען האָט דאָ פאַרזייט.

— אָ, בין איך מיד !

— און איך אויך, — זאָגט די מאַמע . . . — איצט, אַז ס'וועט זיין גענוג זון און רעגן . . . וועלן מיר האָבן אַ פולן גאָרטן . . .

„אַ פולער גאָרטן מיט גרינס
איז אַ גרויסער געווינס —
רעטעכלעך און מערן, ציבעלעס און קרויט
וועלן מאַכן די בעקעלעך רויט".

— קומט, קינדערלעך, איר האָט היינט פאַרדינט אַ גוטן מאָלצייט . . .

— נו, וואָס זאָל איך מאַכן? . . . האָ! איך ווייס שוין . . . כ'וועל איך אָפּבראָטן אַ פּאָר געזונטע, פעטע ערד ווערים . . .

— כאַ־כאַ־כאַ . . . ערד ווערים מיט קאַרטאָפל!

די רידלען, די גראַבליעס, די גאָרטן מעסערס און די טאַטשקע שטייען שוין אויפן אָרט. מאָרגן איז נאָך אַ טאָג.

— איך האָב זייער ליב פרילינג . . . מען טוט אַריין אַ פּיצעלע קערנדל און ס׳וואַקסט אויס אַ גרויסער בוריק, אַ קאָרן ,אַ מער.

— אפילו אַ בוים וואַקסט פון אַ קליינעם קערנדל . . . אפילו אַ גרויסער, שטאַרקער דעמב.

— אָבער אַ בוים פלאַנצט מען בלויז איינמאָל . . . מאַמע, וועסט אונדז לאָזן פאַרפלאַנצן אַ בוים ?

— יאָ, קינדערלעך, מיר וועלן גיין אין וואַלד און געפינען אַ פּאָר גאָר, גאָר יונגע שפּראָצעלעך און עס אַריבערפלאַנצן אין גאָרטן . . . איין בוימעלע וועט הייסן דזשעקעלע און דאָס צווייטע — דאַנא . . . וועט איר און די בוימעלעך וואַקסן צוזאַמען און אויפוואַקסן שיין און שטאַרק.

ביים טיש אין קיך — מאַמע און קינדער, אָנגעזאַפּט מיט מי, מיט זון, מיט פרילינג.

די מאַמע ערד, די מאַמע פון אַלע מאַמעס, פון אַלץ וואָס לעבט, פילט אָן מיט זיסקייט פון אירע זאַפטן די קערנדלעך אין איר לייב. זי האַלט זיי אין איר שויס ביז זיי ווערן גרויס, געניג אַרויסצושטעקן זייערע גרינע קעפּעלעך צו דער זון. מאַמע ערד האָט ליב די זון, וואָס וואַרעמט זי. דעם רעגן וואָס גיט איר טרינקען, און דעם מילדן ווינט, וואָס גלעט איר לייב. זי האָט ליב דזשעקעלען און דאַנעלען און זייער מאַמען פאַר דער ליבשאַפט, מיט וועלכער זיי רייסן אַרויס די ווילד־גראָזן און העלפן איר שאַפן לעבן.

די ערד, די מאַמע פון אַלע מאַמעס, האָט ליב דעם פרילינג פון דער וועלט.

קעסי די קאַץ און העזעלע שפּרינגער

פרילינג איז דרויסן. וואַרעם. די זון אויפן הינטער־גאַניק איז מחיה׳דיק גוט. קעסי די קאַץ ליגט אויסגעצויגן, די אויגן פאַרמאַכט, דעם עק אונטער־געבויגן אונטער זיך — זי טוט מיט קיין אבר ניט קיין ריר.

קעסי איז איצט שווער־לייביק. גאַר אינגיכן וועט זי אַ מאַמע ווערן, צום ערשטן מאָל. קעסי איז אומעטיק און פריילעך. זי איז אומעטיק, ווייל קאָטער טאָמי, דער טאַטע, ווייזט זיך ניט מער. זי וואָלט אים גראָד וועלן זען, זיך דורכמיאוקען אַביסל וועגן די קינדערלעך וואָס דאַרפן קומען אָדער סתם זיך אַ שפּיל טאָן, זיך צוטוליען . . . קעסי פּרואווט אַמאָל אַ רוף טאָן: „מיאַו . . . מיאַו, וואו ביסטו, טאָמי טייערער?״ אָבער ער רופט זיך ניט אָפּ.

און פריילעך איז קעסי, ווייל זי וועט באַלד האָבן אַן אייגענע משפּחה. קעסי די קאַץ וואַרעמט זיך אויף דער זון און טראַכט: „זאָלן כאָטש די קעצעלעך זיין געראָטן, שיין, מיט אַלע מעלות פון אַ גוטער קאַץ״.

דער הונט פּאַקסי איז מיט קעסין גאַנץ פריינטלעך. ער ליגט איצט אויפן אַלטן שטרויענעם וויג־שטול און באַטראַכט דעם דרויסן ווי ער וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל דערזען. ער איז שטענדיק אויף דער וואַך — אויג און אויער אָנגעשטעלט, די צונג אַרויס, גרייט פאַר אַ שפּרונג. גייט עמיצער פאַרביי, מאַכט ער: „האַו . . . האַו״. ניט אַזוי ווייל עס איז נויטיק, נאָר ווייל ער וויל מען זאָל געדענקען, אַז אַ הונט איז אַ הונט.

אָבער ווען פּאַקסי זאָגט „האַו . . . האַו״ צו קעסין קלינגט עס ווי אַ פריינטלעכער „שלום־עליכם״ אָדער „גוט מאָרגן״. — וואָס מאַכסטו היינט, קעסי?״ — אַזוי ווייך, צאַרט . . .

פריער, איידער קעסי איז געוווען „אויף דער צייט״, פלעגן זיי זיך ביידע אָפּט שפּילן, אפילו עסן צוזאַמען פון איין טעלער. קעסי האָט קיינמאָל ניט געגלויבט די מעשה, אַז אַ קאַץ און אַ הונט מוזן זיך קריגן — אַז מען איז זאַט קריגט מען זיך ניט.

דערהערט פּאַקסיס „האַו־האַו״, עפנט קעסי אַביסל אויף אירע פאַרזשמורעטע פאַסיקלעך־אויגן, הויבט אויף איר קעפּל, לאָזט אַרויס אַ שטילן, פוילן „מיאַו־מיאַו״ און דרעמלט ווידער איין.

„אַז די קעצלעך וועלן קומען, וועלן זיי שוין ניט לאָזן איינליגן . . . דאַרף מען אַריינכאַפּן און רוען" — טראַכט זי ביי זיך. קיין זאָרג האָט ניט קעסי. די באַלעבאָסטע איז גוט צו איר. אָט איז זי אַרויס אויפן גאַניק מיט אַ שיסעלע מילך.

„קיטי . . . קיטי . . . קיטי . . . קעסי, מאַמעלע מיינע. אָט האָסטו דיין מיטאָג . . . עס אַ סך, קעצעלע, וועסטו כוח האָבן פֿאַר דיינע קינדערלעך". די פֿרוי גלעט מיט ליבשאַפֿט קעסיס פּלייצע. קעסי מרוקעט, טשוכעט זיך אויס און שטעלט זיך אויף די פֿיס.

— מיאַו . . . מיאַו . . . אַ דאַנק אייך. אַ גרויסן דאַנק . . . כ׳וועל שוין זען, אַז אין הויז זאָל קיין מויז איר פּנים ניט ווייזן.

.2

דאָס קאָשיקל איז אויסגעבעט מיט אַלטע, ווייכע ליילעכער. פֿיר קעצעלעך ליגן דאָרט. יעדע אַ פֿאַרשוין. יעדע איינע מיט אַ באַזונדערן חנ׳דל: איינע מיט אַ ווייסן טשעפּיקל אויפֿן שפּיץ קעפּל, מיט ווייסע זעקעלעך און אַ קלאָר׳ן פֿאַרטוכל אַרום האַלדז; די צווייטע, אַ גרווילעכע מיט טונקעלע שטרייפֿן; אַ דריטע, אַ שוואַרצינקע, מיט ווייסע שפּיץ־אויערן און אַ ווייסן פֿלעק אויפֿן מיטן שטערן און די פֿערטע אויסגעפּוצט ווי פֿאַר אַ טאַנץ — אַ ווייסע וועסטל, ווייסע שיכעלעך און דאָ און דאָרט אויפֿן שוואַרצן פֿעלכל, אַ פּאָר ווייסע חנ־פֿינטעלעך. קעסי, די מאַמע, ביים סאַמע ראַנד פֿון קאָשיק, זיצט אַ שטאָלצע, אַ גליקלעכע: „קוקט זיי נאָר אָן, מיינע קעצעלעך . . ס׳האָט זיך שוין געלוינט צו ליידן ווייטאָקן . . . אַ געזונט אין זיי".

קעסי, די רויִקע קעסי, איז איצט אַביסל נערוועז. זי ציטערט, אַז עמיצער וועט חלילה אירע קינדערלעך שלעכטס טאָן. ווען עמיצער בויגט זיך אָן צום קאָשיק, ווערן אירע אויגן פֿול מיט שרעק, זי שטעלט אָן איר רוקן גרייט צום שפּרונג . . .

— אָ, ניין . . . ניין . . . רירט ניט אָן מיינע ברעקעלעך . . . טשעפּעט זיי ניט. מיאַו . . . מיאַו . . . איך בעט אייך.

קעסי איז איצט מיד, אָפּגעצערט, אָבער רירעוודיק און ספּריטנע, לייכט אויף די קישעלעך־פֿיס און לוסטיק אָן אַ שיער.

דעם אמת זאָגנדיק, זיינען נאָך די קעצעלעך ניט אַזוי שיין — די אויגעלעך פֿאַרקלעפּט, האַלב־בלינד . . . אָבער אַ מאַמע איז אַ מאַמע — זי זעט ווייטער . . . זי ווייס, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן אויגעלעך, ווי פּערעלעך, שיינען פֿון יעדער קעצל אַרויס. קעסי איז פֿאַרנומען. זי לעקט זיי אַרום מיט איר צונג, גלעט אויס יעדעס הערעלע, האָדעוועט זיי אָן און קלייבט נחת . . .

אַט קריכן זיי איינער אויפן אַנדערן, אַט דראַפּען זיי זיך מיט די פיסלעך און אַט פּרואוון זיי אַרויפקריכן אויף איר רוקן, וואָס קוקט אויס פאַר די קעצעלעך ווי אַ גרויסער באַרג . . .

„שטיפערקעס, לאָזט אָפּ . . . איר וועט זיך דאָך דערשטיקן . . . איר וועט זיך צעדראַפּען ביז בלוט . . . מיאַו־מיאַו . . . נאַרעלעך, וואַרט נאָך אַ פּאָר טעג״.

זי רוקט אַריין אירע פּאַדערשטע לאַפּקעס צווישן זיי:

„גענוג איז גענוג . . . קומט, חברה, לאָמיר אַרויס אויף שפּאַציר״.

עס רעדט זיך אַזוי, „קומט אַרויס״. — די קעצעלעך קענען נאָך ניט גיין. זיי פאַרשטייען נאָך אפילו ניט וואָס מאַמע־קעסי רעדט! נעמט קעסי יעדעס קעצל פאַר דעם פעלכל ביים האַלדז און טראָגט עס אַרויס אויף דער לאַנקע ביים גאַניק. קעסי לערנט זיי די ערשטע שריט ווי אַזוי צו זיין אַ גוטע, נוצלעכע קאַץ. „אַט אַזוי אַ כאַפּט מען אַ ווערימל . . . און אַט אַזוי פאַרטייעט מען זיך שטילערהייד הינטער אַ מייזל . . . מען ציט זיך אויס פאַמעלעך ווי אַ דוגע . . . מען מאַכט אַ פּאָר שטילע טריט אויף קישעלעך־פּיס און אַ שפּרונג פאָראויס . . . אַ כאַפּ . . . אַ שלעפּ און פאַרטיק״.

דערווייל שפּילט זיך קעסי מיט די קעצעלעך. זיי שפּילן זיך און זיי לערנען זיך און וועלן אויסוואַקסן, אין דער מאַמע גערעטן.

3.

איינמאָל גייט אַזוי קעסי אַרום די קוסטעס. עס האָט זיך איר פאַרגלוסט אַ פעלד־מייזל אָדער אַ זשאַבקע . . . זעט זי עס שטייט דאָרט עפּעס אַ מאָדנער נפש׳ל . . . אַ קעפּעלע ווי אַן איי, אויגעלעך פאַרמאַכט, פּאָדערשטע פיסלעך קורץ, אָבער דאָס פעלכל כמעט ווי ביי אַ קעצל — גרוילעך ווייס, פּוכקע. קעסי פּרואווט צוגיין נעענטער. זי וויל חלילה עס קיין בייז ניט טאָן . . . בלויז נייגעריק.

דאָס נפש׳ל שפּרינגט אויף צוריק.

„אַי״, טראַכט קעסי: „וואָס איז דאָס אַזוינס . . . אַ לעבן אָפּגעלעבט און אַזאַ קאַץ קיינמאָל ניט געזען . . . אפשר איז עס גאָר אַן אַנדער חיה . . . לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן נאָכאַמאָל״.

דאָס נפש׳ל, בלינד, שוואַך, פאַרהונגערט, זיצט פאַררוקט אין פלאַכער נאָרע צווישן די קוסטעס. קעסי טוט זי אַן שום אָנשטרענג אַ שלעפּ ביים קאָלנער און זי טראָגט זי צום הויז.

„קיין קאַץ איז עס ניט. קיין הונט אויך ניט. קיין מויז געוויס ניט . . . טאָ וואָס קען עס זיין? כ׳וועל עס ברענגען אַהיים — אַ שפּילכל פאַר די קעצעלעך. דאָס נפש׳ל ציטערט, אָבער עס רייסט זיך ניט אַוועקצולויפן.

די קעצלעך רינגלען דאָס חיה׳לע אַרום. יעדע צופּט, גראַבלט עס . . . זיי ווילן עס אַריינגעמען אין שפּיל. קעסי היט דאָס נפש׳ל עס זאָל ניט אַוועק־שפּרינגען.

„מיאַו — מיאַו . . . שפּיל מיט אונדז . . . עס מיט אונדז . . . כאַ־כאַ־כאַ, ס׳אַראַ מאָדנע זאַך".

די פרוי ברענגט אַרויס אַ פּאָר טעצעלעך מילך.

„קומט . . . קיטי . . . קיטי . . . קומט, שיינינקע — עסן איז גרייט".

פּלוצלונג זעט זי דאָס ציטערנדיקע נפש׳ל.

„אָ! אַ צוגאָב צו דער משפּחה . . . לאָמיר זען . . . אוי, דאָס איז דאָך אַ העזעלע . . . קעסי! זאָג וואו האָסטו עס גענומען? טשעפּע עס ניט . . . זע נאָר ווי עס קוקט אויס . . . וויי איז מיר . . . אַ יתומ׳ל נעבעך".

די פרוי הויבט אויף דאָס העזעלע, גלעט עס איבערן קעפּל. „קעסי, איך ווייס וואָס דו קענסט אָפּטאָן . . . טו עס ניט . . . ס׳איז אַ רחמנות, אַ יתומ׳ל אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, בלינד און הונגעריק".

קעסי קוקט אויף דער פרוי, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט —

„מיאַו . . . מיאַו . . . זאָרג זיך ניט . . . ס׳וועט איר קיין בייז ניט געשען".

דאָס בלינדע העזעלע דערפילט די שפּייז. אַ רגע און די לעטוס בלעטלעך זיינען ניטאָ, אַ צווייטע און דאָס מילך איז אויסגעלעקט.

„מיאַו . . . מיאַו. מאַמע, זע נאָר, אַ צעשפּאָלטענע ליפּ . . . כאַ־כאַ! העזעלע, בלעזעלע, דיין צונג פאַלט אַרויס".

„מיאַו — מיאַו . . . קוק נאָר אָן זיינע פיסלעך . . . העזל קורץ־פיסל . . . קיילעכדיק ווי אַ ניסל . . . ניט ער גייט, נאָר ער שפּרינגט!"

„שאַ, ווילדע, טשעפּעט אים ניט . . . ער איז דאָך אַ יתומ׳ל! . . ."

„מיר וועלן אים האָדעווען . . מיר וועלן אים לערנען . . . פיר איז רעכט, וועט זיין אַ פינפטער אין משפּחה . . . מיר וועלן פון העזעלע אַ קעצל מאַכן".

„מיאַו . . . מיאַו . . ." לאַכן קעצעלעך. עס געפעלט זיי מאַמעס איינפאַל:

„מיאַו . . . מיאַו . . . זאָרג זיך ניט . . . ס׳וועט אים קיין בייז ניט געשען".

שיינע קעצעלעך פיר.

העזעלע ציטערט ניט מער. ער איז זאַט, ער איז צופרידן. טוט ער אַ שפּרונג פאַר פרייד און אַ האַלב אויגל עפנט זיך.

„אוי ווי איז מיר", טראַכט דאָס העזל: „ווער זיינען זיי, די חיות . . . אוי וויי, זיי וועלן מיך אויפעסן . . . און אפשר ניט . . . זיי גיבן מיר עסן . . . די גרויסע חיה גלעט מיר ביים העלדזל".

העזעלע טוט נאָכאַמאָל אַ שפּרונג און לאָזט אַרויס עפּעס אַ קלאַנג.

„מיאַו . . . מיאַו. העזעלע־בלעזעלע, העזעלע־שפּרינגער . . . זע נאָר,

הער נאָר, ער איז העזעלע־זינגער . . . דו לערן אונדז שפּרינגען און מאַמע וועט דיר לערנען אַ מייזל כאַפּן, אַ ווערימל שלינגען . . . וועסט ניט דאַרפן עסן גראָז . . . ווי אַ האָז! לעטוס־בלעטער. זיי האָבן קיין טעם ניט . . . מערן און קרויט ערגער ווי ברויט . . . אָבער אַ מייזל! . . . מניאַם . . . מיר האָבן שוין פאַרזוכט אַ לעק . . . באַלד וועלן מיר אַליין כאַפּן אַ מייזל . . ."

קעסי האָט ליב דאָס העזעלע ווי אירע אייגענע קינדער. זי לעקט אים אַרום מיט איר צונג, קאַמט אויס זיינע הערעלעך אויפן קעפּל . . . זי לערנט דעם העזעלע איינגעצן זיין לאַפּקע אין מויל און זיך אַליין וואַשן.

„גיי טו עפּעס מיט אים, אַז זיינע פּיסלעך זיינען אַזוי קורץ" . . .

זי באַטראַכט העזעלעס אייגעלעך. זיי דאַרפן זיין רונדע, גרויסע ביינאַכט, דאַרפן זיך איינציען בייטאָג ביז צו אַ שמאָלן שפּאַלט, ווייל אַ קאַץ זוכט איר שפּייז ביינאַכט, און איר אויג דאַרף זיין שאַרף.

„ווייִ איז מיר, וואָס וועט העזעלע אויפטאָן מיט אַזאַ פּאָר אויגן, מיט אַזאַ פּאָר פאָדער־פיס און מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ וואָס קען אפילו קיין מער ניט איינהאַלטן".

קעסי איז אָבער אַ גלויביקע. אַז זי וועט זיך האָדעווען מיט מיינע, וועט זי זיך עפּעס אויסלערנען . . . אַ טשיקאַווע חיה'לע דאָס יתומ'ל".

העזעלע פילט זיך היימיש מיט די קעצעלעך. ער שרעקט זיך ניט מער. ער לאָזט ארויס אַ קלאַנג, וואָס קלינגט שוין כמעט ווי אַן עכטער „מיאַו". קעסי איז גוט צו העזעלע שפּרינגער. זי היט אים אָפּ. זי האַלט אים אַרום זיך. די קעצעלעך מאַכן שוין מער ניט קיין שפּאַס פון אים. זיי ווייסן, אַז אַלע חיות מוזען ניט אויסקוקן פּונקט ווי קעץ. זיי קענען זיך פון העזעלע אַ סך זאַכן אָפּלערנען. זיי האָבן זייער ליב זייער נייעם ברודערל, העזעלע שפּרינגער און פּרוּאוון אים נאָכמאַכן:

„מיאַו . . . מיאַו, האָפּ . . . פאַראויס,
מיאַו . . . מיאַו, שפּרינג צוריק
אַרום לאַנקע, אַרום הויז,
שפּרינגער־העזל, כאַפּט אַ מויז
פאַר זיין פרישטיק".

קעסי די מאַמע איז גליקלעך. אַ פיינע משפּחה. די פינף שטיפן און שפּילן צוזאַמען ווי קינדער פון איין מאַמען. די שכנים קומען אָנקוקן דעם גרויסן וואונדער — קעסי די קאַץ און איר העזעלע שפּרינגער.

אַ ווּוילע קאַץ קעסי . . . אַ האַרץ פון גאָלד . . . אַן אמתע מאַמע . . .

גליקלעך איז העזעלע, וואָס איז אַריינגעפּאַלן צו איר . . . העי, קיטי . . . קיטי . . . נאַ, קיטי . . . קיטי״.

קעסין און איר משפּחה פעלט קיין זאַך ניט. מען גיט איר כבוד און גוטע זאַכן אָן אַ שיער. די קינדער־שטיפערלעך, שפּילן זיך מיט קעסיס משפּחה, נאָר זיי טוען זיי קיינמאָל קיין בייז ניט. אַמאָל זעצן זיי זיך אויס אויף דער לאָנקע און זינגען פאַר קעסי דער קאַץ, אירע קינדערלעך און העזעלע שפּרינגער:

„העזעלע שפּרינגער, קעצעלע האָז
עסט לעטוס און קייט גראָז.
קעסי די קאַץ איז מאַמע פון העזל,
מיט צעשפּאָלטענער ליפּ און פאַרריסענעם נעזל.
גייט העזעלע שפּרינגער מיט קעצלעך אַרויס
און העלפט זיי צו כאַפּן אַ זאַפּטיקע מויז״.

צוזאַמען ביזן סוף

ווען הערב איז נאָך געווען אַ קליין יינגעלע אין דריטן קלאַס, האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט קאָנין.

קאָני, אַ יונגער ספּרינגער־ספּאַניעל, מיט אַ זייער שטאָלצן שטעל, אַ גלאַנציקער, ברוין־ווייסער פעלכל, מיט קלוגע, כמעט מענטשלעכע אויגן, האָט געהערט צו דער נייער שכנה, מרס. באַראוס, וואָס האָט אַ הויז געקויפט נישט ווייט פון הערבס סקול.

יעדן טאָג פלעגט אים קאָני אָפּגעבן אַ פריילעכן גוט־מאָרגן מיט אַ ליבלעכן „האַוו־האַוו", אים אַ לעק טאָן די פינגער, זיך אַ דראַפּע טאָן מיט די פאָדער־פיסלעך צו זיין האַלז און פונקט געצילט אים אַ לעק טאָן דעם פנים. בלויז ווען הערב האָט אים מיט ליבשאַפט אַ טרייסל געטאָן פאַר די לאַנגע אויערן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז „גענוג, איז גענוג" . . . הערב מוז אין שול גיין . . . אַ פּאָר טריט איז זי אים נאָכגעלאָפן, דערנאָך זיך אַ ביסל אָן אַנטוישטע אומגעקערט אַהיים . . .

איינמאָל איז אָבער אַן אויטאָמאָביל אָנגעלאָפן, פונקט ביים צעשיידן זיך פון די פריינט. הערב האָט באַוויזן אָפּצושפּרינגען אָן אַ זייט, נאָר קאָניס פוס איז פאַרקלעמט געוואָרן אונטערן פאָדערשטן ראָד . . .

הערב, דער מאַשין־טרייבער און אַ פּאָר צוקוקער האָבן קאָנין דאָס פיסל פאַרבונדן, און דער מאַשין־טרייבער האָט זי אָוועקגעפירט צום וועטערינאַר — אַ דאָקטאָר, וואָס פאַרנעמט זיך מיט היילן קראַנקע באַשעפענישן.

— — —

דעם טאָג האָט הערב אין שול קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אין צייט פון איבעררייס האָבן די קינדער צווישן זיך גערעדט וועגן אומגליק מיט קאָנין. הערב האָט געשוויגן. עטלעכע מאָל דורכן טאָג האָט די לערערין אים אַרויסגערופן, אַ פראַגע געשטעלט. ער האָט אפילו ניט געהערט.

— הערב, וועגן וואָס חלומסטו אין מיטן טאָג . . . דיינע שיפן זיינען געזונקען? דאָרט אַן אוצר פאַרלאָרן? דו ווייסט, אַז דו שטערסט די קינדער?

הערבן האָבן די רייד פון דער לערערין אַ ברי געטאָן ביזן סאַמע האַרצן, אָבער געענטפערט האָט ער שטיל:

— אַנטשולדיגט לערערין . . . איך . . . איך . . .

— כ'פאַרשטיי, הערב, דו האָסט שטענדיק די גאַנצע וועלט אויפן קאָפּ . . . שנעל, נעם אַרויס דיין בוך . . . קאַפּיטל דריי.

הערב האָט זיין בוך אַרויסגענומען, אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אָבער אנשטאט קאַפּיטל דריי, האָט ער געזען זיין פריינט קאני, איר צעקוועטשטן פיסל און דעם גרויסן, שטומען ווייטיק אין די בעטנדיקע אויגן, ווען מען האָט זי פון דער ערד אויפגעהויבן . . .

אָן אָטעם איז הערב פון שול געלאָפן גלייך צו מר. באַראוס.

— וואו איז קאַני? וואָס מאַכט זי?

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, הערבי . . . קאני וועט זיין געזונט. דער וועטערינאַר האָט געזאָגט, אַז דאָס פיסל איז איבערגעבראָכן. ער האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ גיפּסענעם פורעם („קעסט") . . . ס'וועט זיין גוט".

אַז קאַני האָט דערהערט הערבס שטימע, איז זי אַרויסגעקומען פון ווינקל, וואו זי איז געלעגן אויף אַן אַלטער קאָלדרע און געדרעמלט — אַ הינקענדיקע, נוצנדיק בלויז דריי פיס, איז זי צוגעקומען צו הערבן, אים אַ לעק געטאָן די האַנט, נאָר אַ דראָפּע טאָן זיך צו זיין האַלז האָט זי אפילו ניט געפּרואווט . . . האָט בלויז אַן אומעטיקע, אַרונטערגעלאָזט איר קאָפּ און שטיל אַ קרעכץ געטאָן.

הערב איז צו קאַנין צוגעפאַלן. ער האָט אויסגעקושט איר פּנים, איר פייכטן נעזל, איר האַלז האָט ער מיט צאַרטקייט געריבן. ער האָט זי אין זיין שויס אַריינגענומען און באַטראַכט דאָס פאַרגיפּסעוועטע פּיסל.

— מיין אָרעמע קאַני . . . איך פיל ווי עס טוט דיר וויי . . . וויין נישט, טייערע, ס'פּיסל וועט זיך פאַרהיילן, וועסטו קענען זיך שפּילן ווי אַלעמאָל . . .

קאַני האָט דערפילט מיט אַלע אברים הערבס ליבשאַפט. אירע אויגן זיינען גלאַנציק־פייכט געוואָרן, זי האָט איר ציטערדיקע צונג אַרויסגעשטעקט, זיך צו הערבן געטוליעט — גוט, גוט — איר בעסטער פריינט איז מיט איר... האַו־האַו־האַו — אַ דאַנק, פריינט — זי האָט איר קאָפּ צו זיינעם צוגעדריקט.

זינט דעם אומגליק זיינען קאַני און הערב דעם גרעסטן טייל פון טאָג געווען צוזאַמען, בלויז אין צייט פון סקול, און ווען קאַני איז געגאַנגען צו מרס. באַראוס שלאָפן, זיינען זיי געווען צעשיידט.

מרס. באַראוס האָט עס גאָרניט געאַרט. זי איז שוין אַלט, קיין קינדער מער ניטאָ אין הויז, די קראַנקע קאַני דאַרף מען באַזאָרגן — איר עסן געבן, אַרומוואַשן, אויסקאַמען, דעם געלעגער ריין האַלטן . . . ניט אַזוי גרינג פאַר איר.

— הערבי, אויב דו וועסט זיין גאַר־גאַר אַ גוטער, און וועסט מיר צוזאָגן,

אַז דו וועסט קאַנין האָדעווען און זי אָפּהיטן, וועל איך דיר איר געבן פאַר אַ מתנה צו דיין געבורטסטאָג . . . ביסט שוין אַ גרויסער בחור . . . צען יאָר ווערסטו . . . דאַרפסט האָבן אַ פריינט . . .

— אָ, מרס. באַראוס, איר זייט די בעסטע שכנה אין גאַס . . . זאָרגט זיך ניט . . . לאָזט עס צו מיר. איך וועל קאַנין געבן בעסער עסן, ווי איך עס אַליין . . . אָ! איך קען עס אפילו ניט גלויבן . . . איר מיינט עס טאַקע, צי איר רייצט זיך מיט מיר? אָבער . . . אָבער . . . מיין מאַמע? זי וועט מיר באַלד זאָגן, אַז זי האָט ניט וואו קאַנין צו האַלטן . . . מרס. באַראוס . . .

— הערב, זאָרג זיך ניט . . . ליבינקער, כ'האָב שוין מיט דיין מאַמען גערעדט . . . צוערשט האָט זי זיך געקווינקלט, אָבער כ'האָב זי איינגערעדט . . . איך וועל איר געבן קאַניס שטיבל, קאַניס כלים, זיין באָד־שיסל און אפילו זיין וואָרעמע קאָלדרע . . . אַ הונט איז קאַני, ציכטיקער ווי אַ מענטש . . ווייסט, הערבי, דיין מאַמע איז זייער אַ וואוילע פרוי, אַ גוטע מאַמע האָסטו, קינד!

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אייך . . . איך האָב אייך ליב, מרס. באַראוס . . . איר זייט אַזוי גוט צו מיר . . . בעט מיר נאָר . . . כ'וועל פאַר אייך אַלץ טאָן . . . אפילו אינמיטן נאַכט . . . קום, קאַני, קום שנעל.

דאָס מאָל האָט הערב זיין קאַנין געבראַכט אַהיים — זיין און קאַניס היים. הערב איז געוואָרן אַ קענער פון הינט. ער האָט זיך גענומען לייענען ביכער וועגן הינט. שוין כמעט ניטאָ קיין ביכל, וואָס הערב האָט ניט דורכגעלייענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון אַ הונט: עס קען זיך אויסדוכטן אַז עס איז דערזעלבער האַו־האַו. אָבער ס'איז ניט אַזוי — עס ווענדט זיך נאָכן טאָן, נאָך דער לענג פון דעם געביל, נאָך דעם געפיל פון אומעט אָדער פרייד, פון כעס אָדער צופרידנקייט. דעם הונטס שפּראַך דאַרף מען מער פילן, ווי הערן . . .

קאַני און הערבי האָבן זיך זייער גוט פאַרשטאַנען. איין וואונק איז געווען גענוג, אַז קאַני זאָל אים פאָלגן. הערב האָט קאַנין דערצויגן, טרענירט טאָג־איין, טאָג־אויס. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ שטעקעלע אויפן לאָן און צו איר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זעסט, אָט־אָ דאָס שטעקעלע? קום, ברענג מיר דאָס שטעקעלע, קום, ברענג. — דערביי האָט ער קאַנין צאַרט און שטרענג געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, אָבער קאַני האָט דאָס שטעקעלע אין אירע ציין געבראַכט און נעבן זיינע פיס אַוועקגעלייגט.

— אָט, קאַני, קינד, כ'וואַרף די פּילקע . . . הופּס . . . לויף שנעל, ברענג זי צו הערבין.

שפּעטער האָט זי הערב געלערנט צו נעמען זיין בינטל ביכער, פאַרשנור־רעוועט מיט אַ רימען, אין אירע ציין, עס טראָגן ביזן שוועל פון שול־צימער און עס דאָרטן אַראָפּלאָזן. קומענדיק אַהיים, האָט קאַני די ביכער געטראָגן צו דער פראָנט־טיר פון הויז.

די יינגלעך און מיידלעך אין סקול האָבן זיך אַלעמאָל פאַרווילט מיט קאַנין, אָבער בלויז ווען הערב האָט איר באַפוילן עפּעס טאָן, האָט זי אויסגעפאָלגט.

די שענסטע פאַרווילונג פלעגט זיין, ווען הערבי האָט קאַנין געהייסן טאַנצן „רינגאַ, רינגאַ, ראָזאַ״.

קאַני פלעגט זיך שנעל אַ שטעל טאָן אויף די הינטערשטע פיסלעך, זי פלעגט זיך אַרומדרייען אַ פּאָר מאָל און דערנאָך זיך אַ זעץ טאָן.

— הערב, וואו האָסטו גענומען אַזאַ קלוגן הינטל?

— איך האָב קאַנין קלוג געמאַכט!

— כאַ־כאַ־כאַ . . . ווי אַזוי קען מען אַ הונט, אַ חיה, קלוג מאַכן?!

— געוויס קען מען . . . מען דאַרף אַ חיה פאַרשטיין, מען קען זי מאַכן קלוג ווען מען פאַרשטייט זי און מען איז גוט צו איר.

— און וואָס וועסטו טאָן, אַז זי וועט עמיצן אַ ביס טאָן? וועסטו זי אפשר אַ קוש טאָן דערפאַר?

— ניין, ניט אַ קוש טאָן . . . כ׳וועל זי אָבער אויך ניט שלאָגן . . . ניין, ווען קאַני טוט עפּעס שלעכטס, רעד איך צו איר שטיל און אומעטיק . . . זייער אומעטיק . . . קאַני פאַרשטייט ניט, וואָס איך רעד, אָבער זי פילט מיין אומעט און איך פיל, אַז זי האָט חרטה . . . אָ, איר קענט ניט מיין קאַני! זי איז אַ חכמה!

אפילו הערבס מאַמע האָט ליב געקראָגן קאַנין. זי האָט זיך אויסגעלערנט צו באַפוילן קאַנין און קאַני האָט אויך איר אַלעמאָל געפאָלגט.

— קאַני, הויב אויף דאָס פּאַפּיר פון לאָן . . . קום, ברענג עס צו מיר.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט. קאַניס פּיסל איז געזונט געוואָרן, דאָס הייסט, עס האָט זיך פאַרהיילט, אָבער ווען מען האָט דעם פּורעם אַרונטער־גענומען איז קלאָר געוואָרן אַז זי בלייבט אַ קאַליקע.

— וואָס האָלטסטו זיך מיט קאַנין? זי איז דאָך אַ קאַליקע, — האָבן די חברים געשפּאָט.

— פאַר מיר איז זי מיין בעסטער פריינט . . . מיך אַרט ניט, וואָס זי הינקט אַביסל . . . און אַז דו וועסט צעברעכן אַ פוס, וועט דיך דיין מאַמע אַרויסטרייבן? האַ? דו נאַר!

— אָט־אָ טוט נאָר אַ קוק, וואָס זי קען טאָן אפילו מיט איר קאַליקע פוס . . . זי קען גיין אין קרעמל און מיר קויפן אַ צייטונג.

הערב האָט אין אַ קאָנווערט אַריינגעלייגט אַ ניקל, קאַני האָט דעם קאָנ־ווערט אין די ציין געגומען, און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זי שוין די צייטונג אין די ציין געטראָגן, און עס אַראָפּגעלאָזט לעבן הערבים פיס.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? וואָס זאָגט איר אויף דער קאַליקע? געזען אַזוינס?!

— — —

אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז הערב געוואָרן אַ מאַרין.

שווער איז געווען אָוועקצוגיין פון דער היים דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. שווער איז געווען די צעשיידונג מיט דער פאַמיליע. נאָר שווערער פון אַלץ, איז הערבין געווען זיך צו געזעגענען מיט קאַנין.

— אַ מענטש פאַרשטייט אַז מען מוז גיין... אָבער וואָס ווייס קאַני... זי ווייס כ׳בין איר פריינט, און איך פאַרלאָז זי... קאַני איז שוין אַלט, אפשר ניט אַזוי שיין ווי זי איז געווען, זי איז שוין אַביסל פויל פון עלטער... וואָס וועט זיין מיט איר? ווער וועט זי האָדעווען, ריין־האַלטן? אָבער גיין מוז מען!

פון שיף האָט הערבי אָפט בריוו געשריבן צו טאַטע־מאַמע, צו דער עלטערער שוועסטער, צו אַ פּאָר חברים און אויך צו קאַנין...

די שענסטע זאַך איז געווען וואָס קאַני האָט דעם בריוו אַ שמעק געטאָן און גלייך געוואוסט, אַז עס איז פון הערבין... זי פלעגט דעם קאָנ־ווערט נאָכאַמאָל אַ לעק טאָן, זיך פאַררוקן אין אַ ווינקעלע און עפּעס אַזוי קרעכצן און זיפצן פון בענקעניש.

— — —

גרויס איז געווען קאַניס פרייד, ווען הערב איז צוריקגעקומען אַהיים נאָך אַ זייער קורצער צייט פון דינסט: אַן אויפרייס אויף דער שיף האָט הערביס פוס געטראָפן. נאָך זעקס חדשים אין שפּיטאָל האָט מען אים דער־קלערט פאַר ניט קריגס־פיִיאיק: דער אונטערשטער טייל פון רעכטן פוס איז פאַרקריפּלט געוואָרן, צוויי פינגער האָט מען אַרונטערגענומען — אַ הינקענדיקער, נאָר צופרידן, וואָס ער איז לעבן געבליבן, איז ער די שוועל פון זיין היים אַריבער.

ער האָט זיינע קוליעס צום וואַנט צוגעשפּאַרט און זיין מאַמע אין זיינע שטאַרקע אָרעמס געגומען.

— נו, מאַמע, איצט האָסטו צווי קאַליקעס — מיר און קאַנין!

די מאַמע האָט די ליפּן פאַרביסן פון צער. זי האָט הערבין געקושט און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— זינט ווען ליגט עס דער גאַנצער שכל אין די פיס? אַ קאָפּ האָסטו אַ קלוגן, פונקט ווי דיין קאַני, אַ האַרץ האָסטו פול מיט ליבשאַפט, הענט האָסטו שטאַרקע און וויליקע, וועסט זיך שוין אַן עצה געבן!

— קום, קאני, קום צו דיין פריינט, מיר זיינען ביידע וועטעראַנען, ביידע וועלן מיר שוין אַזוי הינקען ביזן סוף.

קאני האָט זיך צו הערבין צוגעטוליעט. זי האָט אים באַשמעקט און באַ־לעקט, זי האָט פריילעך צוגעבילט ווי זי וואָלט אים עפּעס אַ טרייסט־וואָרט געוואָלט זאָגן . . . קאני האָט דעם צער פון איר פריינט דערפילט אין אירע גלידער. זי איז שעה'ן לאַנג נעבן אים געזעסן און אויף אים מיט גרויסע ליבנדיקע אויגן געקוקט.

הערב איז אין זיין צימער אַריין, קאני נאָך אים. ער האָט איר אַ סך זאַכן דערציילט, וואָס ער האָט פאַר זיין משפחה פאַרשוויגן. ער האָט פיינט מלחמה, אָבער בלויז קאנין קען ער דאָס פאַרטרויען. כדי אָוועקצויאָגן זיינע געדאַנקען האָט ער זיך ווידער גענומען צו טרענירן קאנין.

— קום און ווייז מיר, אַז דו ביסט נאָך אַלץ מיין קלוגע קאני.

ער האָט אויסגעטאָן זיין שווערן שוך פון דעם קראַנקן פוס און עס אַוועק־געשטעלט אין דער קליידער־שאַפע. פאַמעלעך האָט ער זיך אויפן בעט אַוועק־געזעצט, אַרונטערגענומען דעם צווייטן שוך און אים אַרונטערגעלאָזט נעבן זיך.

— זעסט, קאני, דאָס איז מיין שוך . . . גיי צו דער שאַפע און ברענג דעם אַנדערן שוך . . . גיי . . . קאני.

קאני האָט אים אָנגעקוקט. שוין לאַנג, לאַנג ווי ער האָט זיך מיט הערבין ניט געשפּילט.

הערבי האָט, אָנווייזנדיק אויפן שוך (וועלכן ער האָט אויפגעהויבן אין אַרונטערגעלאָזט), עטלעכע מאָל איבערגעחזרט זיין באַפעל: — גיי . . . און ברענג . . . דאָרטן.

קאני האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך אַ פאָכע געטאָן מיטן עק, זיך אַ שפּיל געטאָן מיטן שוך און אַ פריילעכע אַוועק צו דער שאַפע. זי האָט דעם שווערן שוך אין אירע ציינער גענומען, און עס ווי אַ טראָפּי צו־געטראָגן צו הערבין.

— גוט . . . זייער גוט, מיין קאני . . . האָסט גאָר ניט פאַרגעסן און זיך עפּעס אויסגעלערנט.

הערבי האָט קאנין געגלעט . . . „אָ, ווי מיר ביידע פאַרשטייען זיך . . . ווען מענטשן פאַרשטייען זיך אַזוי אויפן וואונק, וואָלטן זיי קיינע מלחמות ניט געפירט" . . .

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן: יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט האָבן קאני און הערבי דורכגעפירט די שפּיל מיט די שיך. ביידע האָבן פון דער שפּיל שטאַרק הנאה געהאַט.

הערבי האָט געקראָגן אַרבעט אין אַן עראָפּלאַן פאַבריק. ביידע פריינט

זיינען יעדן טאָג צוזאַמען געגאַנגען צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. הערבי האָט צו קאַנין געררעדט, זיך מיט איר מישב געווען, זיך געטיילט מיט קאַנין מיט יעדן געדאַנק.

די צייט איז ניט געווען צו גוט. מען האָט הערבין דעם ערשטן פון זיין דזשאָב אָפּגעזאָגט. טאָג נאָך טאָג האָבןביידע הינקענדיקע פריינט זיך אין וועג געלאָזט צו זוכן אַרבעט. מידע אַהיים געקומען און פאַרענדיקט דעם טאָג פון זוכעניש מיט אַ שפּיל.

הערבי האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט נעמען אַן עקזאַמען פאַר אַ רעגירונגס דזשאָב. דעם טאָג פון עקזאַמען זיינען הערבי און קאַני אויפגעשטאַנען גאָר פרי. הערבי האָט אַליין זיך גענומען דעם שוך פון שאַפע. זיך אָנגעטאָן און אַ זאָג געטאָן צו קאַנין:

— קאַני, היינט בלייבסטו דאָ . . . דאָרטן אין די רעגירונג אָפיסעס קומט מען ניט מיט קיין הונט. וואַרט . . . אַ טאָג, מירן זיך אַ שפּיל טאָן שפּעטער.

שפּעט נאָכמיטאָג איז הערבי אַהיים געקומען אַ פאַרכמורעטער. ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און איז אַריין צו זיך אין צימער, פאַרמאַכט די טיר און קאַנין ניט אַריינגעלאָזט.

קאַני האָט זיך אָוועקגעלייגט ביי דער טיר.

שפּעטער איז הערבי אַרויס פון צימער. אַרויסגענומען זיין ביקס, זי אָפּגעשטויבט, אַריינגעקוקט אינעווייניק, אַרויסגענומען די קוילן און זיי ווידער אַריינגעשטעקט.

— נו, קאַני, היינט גייען מיר אויף יאַגד, — האָט הערבי אַ זאָג געטאָן.

— מיר׳ן זיך אַ נעם טאָן צו די פרייע פויגל און זיי ווייזן, וואָס מיר קענען אויפטאָן.

קאַני האָט, ווייזט אויס, דערפילט הערבי׳ס שטימונג, און זי האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט אַרום אים.

— קום, ס׳ווערט שפּעט, קאַני, קאַני מיין פריינט. — שעה׳ן לאַנג האָבן ביידע געוואַנדערט איבער בערגלעך און טאָלן, איבער פעלד און וואַלד.

— נו, און אָט־אָ דאָ וועלן מיר רוען! . . . יע, קאַני, דאָ קען מען רוען.

הערבי האָט זיך אויפן גראָז אויסגעצויגן, אויפן בלויען הימל אַ קוק געטאָן, די גרינע זאַפטיקע גראָזן אויסגעגלעט, קאַנין צו זיך צוגערוקט און זי געריבן דאָס בייכל.

— אַ דאַנק דיר, מיין קאַני, פאַרגיב מיר . . .

ער האָט אויסגעשאָסן און איז אַוועקגעפאַלן אָנגעשפּאַרט אָן אַן אייביק־גרינעם בוים.

קאַני איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געוואוי. זי האָט אויפן קול געשריען,

ווי זי וואָלט אַליין פאַרוואונדעט געווען. זי האָט הערבין געשלעפּט, ג׳ריסן זיינע קליידער. דערנאָך זיך געלאָזט לויפן, לויפן אָן אַן אָפּשטעל.

קאני איז אַהיים געקומען. אויף איר פעל פאַרטריקנט בלוט. אירע פיס — וואונדן. זי האָט געוויינט און געוואויעט און גערופן דער מאַמען.

אַ פאַרציטערטע האָט די מאַמע געקוקט אויף קאנין. איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז אַן אומגליק איז געשען. שכנים זיינען זיך צונויפגעקומען און מען איז נאָכגעגאַנגען קאנין, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צווישן די צוויי גריגע בערגלעך און דערזען הערבין מיט אַ קויל אין קאָפּ.

ביינאַכט האָט מען הערבין אַהיים געבראַכט. קאני האָט פון אים ניט אָפּגעטראָטן. דריי טעג אַזוי אָן עסן, אָן טרינקען איז זי געזעסן. שפּעטער, ווען מען האָט אים צוגענומען, איז זי אין הערביס צימער אַריין. זי האָט ביים בעט דערזען הערביס קליידער, הערביס שיך. זי האָט דעם שווערן שוך, פון דער קאַליקער פוס זיינער, אַרויסגעשלעפּט אויפן מיט דיל, זיך אויסגעצויגן, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די לאַפּעס און אויפן שוך געקוקט.

צוערשט האָט זי ביטער געזיפצט, געהאַווקעט שוואַך מיט אַ האַרצרייסנדיקן, ציטערדיקן געוויין, דערנאָך איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. אירע אויגן אויפן שוך אָנגעצילט, איז זי געלעגן און געשוויגן. דריי טעג און דריי נעכט האָט קאני וואַך געהאַלטן איבער דאָס לעצטע, וואָס איז איר פאַרבליבן פון הערבין. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געבילט און ניט גערירט זיך.

שכנים זיינען געקומען די מאַמע טרייסטן און זייער האַרץ איז מיטגעריסן געוואָרן מיט קאניס גרויסן צער. די גרויסע אויגן פון דעם ספּרינגערספּאניעל, קאני, זיינען שוין איצט געווען בלויז צוויי פאַרוואָלקנטע שפּאַלטן.

— וואָס טוט מען מיט איר? מיין הערבי וואָלט ניט געוואָלט זי זאָל אַזוי ליידן . . . מיין הערבי, מיין זון הערבי, האָט געהאַט אַ האַרץ פון גאָלד . . . מיט קאנין האָט ער גערעדט מער ווי מיט מיר.

— מען דאַרף רופן דעם וועטערינאַר . . . ער וועט עפּעס טאָן.

— יע, מען דאַרף . . . זייט אַזוי גוט . . . יע ,מען דאַרף עס טאָן . . .

דער וועטערינאַר איז געקומען. ער האָט קאנין אַן איינשפּריצונג געגעבן. זי איז אויף אייביק איינגעשלאָפן נעבן הערביס שוך.

„צוזאַמען ביזן סוף . . . אין לעבן און אין טויט”.—

„גאָטס שטיף־קינדער״

.1

אַז דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מר. קליין, דער באַלעבאָס פונם העמדער שאָפּ, באַשלאָסן, אַז עס לוינט זיך אים בעסער אַריינצונעמען נאָך אַן אַרבעטערין, איידער צאָלן אָנדערהאַלב מאָל אַזויפיל פאַר עקסטרא־שעהן.

— בעטי, איך האָב אַריינגעשטעלט אַ מעלדונג אין צייטונג וועגן אַ מיידל . . . און איר ווייסט דאָך: היינטיקע צייטן, אַז מען רופט איינע, קומט אַ טוץ . . . כע־כע־כע. העגט פעלן ניט.

— יאָ, איר זייט גערעכט . . . עס איז ביליקער אויפן טוץ. — מישט זיך אַריין שוירלי. — עס רוקט זיך שוין אויף אונדז אַן אַנדער 1929 . . . אַ גדולה אויף אייך, מר. קליין!

— שוירלי מוז אַלעמאָל אַריינקומען מיט אַ שטאָך . . . וועגן וואָס מען זאָל ניט רעדן, האָט זי אַ פּאַרטיקן ענטפער . . . אָט וועל איך זיך מיט אייך וועטן, אַז אַזוי זיך, אין דער שטיל, געהערט זי אפילו צו דער יוניאָן, — טוט ער זיך אַ דריי אויס צו שוירלין: — היט זיך בעסער! . . . פאַר מיר און דער יוניאָן איז דער שאָפּ צו־ענג!

— כאַ־כאַ־כאַ . . . געפונען וועמען אָנצושרעקן. כ'האָב שוין געהערט אַזוינס און נאָך ערגערס, און איך לעב נאָך אַלץ . . . אויסערן שאָפּ, מר. קליין, בין איך מיין אייגענער באַלעבאָס. איך קען אפילו זיין אַ פּראָפעסאָר.

— שוירלי, בעסער רעד ווייניקער און אַרבעט מער . . . פון דיינע רייד וועל איך קיין לעבן ניט מאַכן.

— איז, הייסט עס, — ווענדט ער זיך ווידער צו בעטין — זייט אַזוי גוט און געפינט אויס ביי די אַפּליקאַנטן, וואָס זיי קענען טאָן, נעמט אַן אַדרעס און טעלעפאָן און זאָגט זיי, אַז מען וועט זיי לאָזן וויסן . . . ס'וועט זיין בעסער אַזוי.

בעטי איז איבערגליקלעך מיט דער מיסיע. עפּעס האָט זי זיך גלייך דער־פילט, ווי מען וואָלט איר „שליפּעס״ אָנגעטאָן, מעשה שטיקל „מענעדזשמענט״ — זי וועט אויספרעגן, זי וועט פאַרשרייבן די אינפאָרמאַציע, זי וועט באַריכטן צו מר. קליין . . .

ווי שטענדיק, ווען דער באַלעבאָס אָדער פאָרמאַן ווענדט זיך צו איר ספּע־ציעל, איז זי רויט געוואָרן אַרום דער נאָז און אויערן פון אויפרעגונג. ס'גייט איר אויס די נשמה נאָך אַביסל „אנערקענונג״. ס'גייט איר פּשוט אין לעבן

צו דערוויַיזן, אַז זי פאַרנעמט אין שאַפּ אַ ספּעציעלן אָרט: נאָך אַלעמען איז זי אַ היגע־געבוירענע פון סקאַנדינאַווישער אָפּשטאַמונג, אַ „נאָרדיק", הייסט עס, און ווער זיינען זיי?!

די מיידלעך אין שאַפּ זיינען ביי איר אַלעמאָל זיי. יאָ, זי איז טאַקע אַן אַרבעטערין, אָבער זי וועט זיך ניט קריגן מיטן באַלעבאָס פאַר אַ פּעני — זי, בעטי, איז בלויז אויסן דעם באָס'עס טובה: „נאָך אַלעמען גיט ער דאָך מיר מיין ברויט, דאַרף איך דאַנקבאַר זיין; זיי בייסן די האַנט, וואָס האָדעוועט זיי". צום פאָרמאַן רעדט זי אָפּט, אַז זיי זיינען פויל, געלט־גייציק און האָבן קיין שום דרך־ארץ ניט פאַר מר. קליין, וואָס איז פון אַן אַרבעטער אַרויפגעשטיגן אויף אַזאַ „הויך" . . .

בעטי האָט זיך טיפער אַ רוק געטאָן אין איר שטול, זי האָט אַ לאָז געטאָן איר נאָדל אין גאַלאָפּ. אירע בלאָנד־געמאַכטע האָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר אויסגעוועלבטן שטערן און זיך געוויגט מיטן ריטם פון שטעך: „מאָרגן וועט זיין מיין טאָג!"

.2

אויף מאָרגן, אַכט פרי, זיינען שוין דריי פרויען געזעסן אין וואַרט־צימער. אַ מיטעליעריקע יידישע פרוי, נעט אָנגעטאָן אין אַ טונקל־בלויען אָפּגעטראָגענעם מאַנטל; אַן יינגערע איירישע פרוי, מיט ווינט־צעבלאָזטע רויטע האָר, זומערשפּרינקלעך אויף דער נאָז און ווינקענדיקע בלויע אויגן; און אַ יונגע יאַפּאַנעזערין — אַ מיניאַטור־פּרויעלע מיט שוואַרצע, גלאַנציקע האָר פאַרקניפּט אין אַ ראַלקע אויפן נאַקן — אַ שיינער ראָם פאַר אַ מאַט־בלאַסן פּנים און אַ קינדערשן, גלויביקן שמייכל.

בעטי איז די ערשטע געקומען אין שאַפּ. זי האָט זיך געגרייט צו איר „נייעם אַמט", אָפּגעווישט איר טיש, צוגעשטעלט נאָך אַ שטול, אַרויסגענומען אַ פּאַ רהעמדער, נאָדל־פאָדים, אַ שערעלע און דאָס אַלץ אויסגעלייגט נעבן לײדיקן שטול. פאַר זיך האָט זי אָנגעגרייט עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר, אַ בלייפעדער.

יאָ, היינט איז מקוים געוואָרן איר וואונטש: זי איז זי, און זיי זיינען טאַקע זיי . . . ניט אומזיסט האָט מר. קליין זיך צו איר געווענדט — האָט זי ביי זיך געטראַכט . . . „ווער ווייס, ס'קאָן זיין, אַז צו אַ פאָרליידיס דזשאַב איז גאָר ניט אַזוי וויט!" בעטיס פּנים האָט געשיינט מיט דערוואַרטונג . . .

צוערשט האָט בעטי אַריינגערופן די יידישע פרוי. זי האָט זי קריטיש אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ אַרונטער, געוואַכט איבער יעדן ריר פון נאָדל, גענומען דעם אַדרעס און טעלעפאָן און צוגעזאָגט, אַז מען וועט איר לאָזן וויסן.

די איירישע פרוי האָט שוין ביי בעטין אַביסל מער חן געקראָגן. דער

פרויס שמייכלענדיקע אויגן און אַ פּאָר וויציקע ווערטער האָבן ביי בעטין אַרויסגערופן אַ שמייכל. זי איז צו איר העפלעכער געווען, באַדאַנקט און אויך צוגעזאָגט צו טעלעפאָנירן, געבנדיק דער פרוי אַ פונק פון האָפענונג.

ווען די יאַפּאַנעזערין איז אַריינגעקומען פון פאַרצימער אין שאַפּ, האָט זיך בעטי אויסגעגלייכט און איז איר אַנטקעגנגעקומען. מעשה באַלעבאָס האָט זי צו איר אַ זאָג געטאָן:

— עס טוט מיר לייד, גאָר דער דזשאָב איז פאַרנומען.

די מיידלעך ביי די טישן האָבן זיך מיט פאַרוואונדערונג איבערגעקוקט.

די יאַפּאַנעזערין איז געבליבן שטיין ביי דער טיר אַ פאַרחידושטע — דורך דער צעעפנטער טיר האָט זי געזען, ווי די אַנדערע צוויי פרויען האָט מען דערלויבט צו ווייזן, וואָס זיי קענען טאָן; זי האָט אויך געהערט וועגן לאָזן זיי וויסן . . .

— פאַרוואָס? אפשר קענט איר מיר דאָך געבן אַ געלעגנהייט צו ווייזן אייך, ווי אַזוי איך אַרבעט. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך קען גוט נייען, געאַרבעט ביי קאָסטבאַרע קליידער. דאָ אין שטאָט בין איך אַ פרעמדע. כ'דאַרף אַ דזשאָב. כ'האָב באַמערקט, אַז די אַנדערע פרויען האָט איר יאָ דערלויבט . . . — איר שטים איז געווען שטיל, פיין־מאָדולירט.

— דער דזשאָב איז פאַרנומען, עס טוט מיר לייד, — האָט בעטי שוין כמעט מיט בייזקייט אַ זאָג געטאָן, זיך אויסגעדרייט און אַוועק צו איר שטול.

דאָס בלאַסע פּנים פון דער יאַפּאַנעזישער פרוי איז רויט געוואָרן. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו די טישן און אַ זאָג געטאָן: „גוד ביי, גוירלס, אַ שאָד, וואָס איך קען ניט זיין אייערע פון אייך".

3.

אין שאַפּ איז געוואָרן אַ טומל. צופיל ליבשאַפט צו בעטין איז קיינמאָל ניט געווען, אָבער איצט איז שוין אַריבער די ברעגן . . .

— וואָס איז דער מער, בעטי? פאַרוואָס האָט איר אַזוי באַליידיקט די פרוי? ניט געלאָזט צום שטול צוגיין און נעמען די נאָדל אין דער האַנט. און וואו האָט איר עס געהערט, בעטי, אַז דער דזשאָב איז שוין פאַרנומען? מר. קליין האָט אייך בלויז געבעטן צו געבן אים אינפאָרמאַציע — ניט אָנשטעלן מענטשן . . . פע, ס'איז גאָר ניט שיין פאַר אַן אַרבעטער־פרוי אַזוי צו האַנדלען.

שוירליס קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג:

— וואָס זייט איר, בעטי, דעם באָסעס קוזינע?

— ס'איז ניט אייער געשעפט.

— אָ, ס'איז שוין גאָר אונדזער געשעפט. דער דזשאָב איז פאַרנומען.

איר האָט געזאָגט דער פרוי אַ ליגן, — זאָגט סאָפי, וואָס רעדט אַלעמאָל שטיל, ציילט אירע ווערטער, ווי זיי וואָלטן פּערל געווען. — עס קוקט מיר אויס, אַז איר האָט די יאַפּאַנעזערין געדאַרפט באַהאַנדלען פּונקט ווי די אַנדער׳ע צוויי, און לאָזן דאָס איבעריקע צו מר. קליין.

דער שאַפּ איז אָוועק כאַדאַראַם. דער פאָרמאַן האָט זיך געבעטן: „שאַ, שאַ, וואָס אַזאַ טומל? צו דער אַרבעט! זעט נאָר, פון וואָס מען מאַכט אַזאַ וועזן . . . איך גלויב אויך, אַז בעטי האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט. זאָל מר. קליין אַליין באַשליסן וועמען ער וויל און וועמען ער וויל ניט.

בעטי האָט זיך שוין איצט גאָר פאַרלאָרן — דער פאָרמאַן אויך? און זי האָט אַזוי געוואָלט געפעלן ווערן. אין אירע אויערן האָט אָפּגעקלונגען אַ באַ־מערקונג פון איינער פון די אַרבעטערינס מיט אַ צייט צוריק: „זיי פאַרזיכטיק, רעד ניט, בעטי איז ׳דהי מאַסטערס וואָיס׳ ” (דעם באַסעס שטים).

— איר טומלט זיך און באַשולדיקט מיך . . . איר אַלע ווייסט ניט, וואָס מר. קליין האָט מיר שטילערהייט געזאָגט. ער וויל בלויז „ווייסע”. איך האָב בלויז געטאָן, וואָס ער האָט מיר געהייסן.

שוירלי איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן:

— אַוועקנעמען ביי אַ מענטשן דאָס רעכט צו אַרבעטן צוליב דעם קאָליר פון הויט איז אַ ווילדקייט! מ־י־ס־ט־ע־ר ק־ל־יי־ן?! ער איז דאָך אַ ייד . . . יידן האָבן באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן פאַר אַזוינע זאַכן . . .

— נו, אַט פאָרט זי שוין ווידער אַרויס מיט אירע זעקס מיליאָן, און מיט די נאַציס . . . וואָס מען זאָל ניט טאָן אָדער רעדן, קומט שוירלי מיט אירע נאַציס, — טוט בעטי איר אַ וואָרף אין פּנים אַריין.

— מיינע נאַציס, בעטי, אָדער אפשר אייערע? איך האָב פאַרלאָרן דריי־סיק מיטגלידער פון מיין משפּחה, ווייל אַזוינע וואָוילע, גוטע פרויען און מענער, ווי איר, האָבן זיך פאַרגעסן אַליין צו טראַכטן און האָבן די ווילדסטע זאַכן אָפּגעטאָן, ווייל עמיצנס נאָז איז זיי ניט געווען צום האַרצן. די יאַפּאַנעזערין דאַרף פּונקט אַזוי עסן, ווי איך און איר· איר, בעטי, ווייסט עס טאָ פאַרוואָס זאָגט, פאַרוואָס? און אַז מר. קליין וועט אייך הייסן פון דאַך שפּרינגען, וועט איר עס אויך טאָן, כדי אים געפעלן צו ווערן?

— צו דער אַרבעט . . . שוין גענוג, און אַלץ צוליב אַ קלייניקייט!

— אָ, גאָט מיינער, אַ קלייניקייט?! באַליידיקן אַ מענטשן איז די גרעסטע זינד. מיר זאָגן דאָך, אַז מיר זיינען אַלע גאָטס קינדער. איז דען די יאַפּאַנעזערין גאָטס שטיף־קינד? מיר זאָגן דאָך: „טו קיינמאָל ניט צו יענעם וואָס דו וואָלסט ניט וועלן, אַז ער זאָל טאָן צו דיר”. טפוי, איך שעם זיך. ס׳אַראַ פאַלש־קייט! כ׳ווייס ווי אַזוי אַ מענטש פילט, ווען מען האַנדלט אַזוי. כ׳האָב מיין

שוועסטערל אַרויפגעפּירט אין אַ שאַפּ, האָט מען מיר באַלד אַ זאָג געטאָן: מיר נעמען קיין שפּאַניש־רעדנדיקע ניט אַריין. יאָ, עס טוט זייער ווײ . . . ס'איז אַ זינד! — אַזוי האָט גערעדט מאַרינע, אַ פרומע קאַטוילישע פּאָרטאָ־ריקאַנערין, וואָס רעדט ווייניק און זוכט אַלעמאָל אַ זכות פאַר יעדערן.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז בעטי געזעסן; אין קאָפּ אירן איז געווען אַ גרויסער פּלאָנטער. דער טאָג, וואָס האָט איר געזאָלט געבן „חשיבות", איז געוואָרן פול מיט שווערקייט. ווי אַ בליי־געוויכט האָט זיך די שטילקייט צע־לייגט אין שאַפּ. זי האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. נאָדלען פליען, נאָדלען שטעכן נערוועז. אפילו די עטלעכע מייד־לעך, וואָס האָבן קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, זיינע אַריינגעפאַלן אין דער שווערער שטימונג.

ביים עס־טיש שטייט בעטי. זי האָט אויף אַ ווייסן פּאַפּיר־טישטעכל אויסגעלייגט איר מאָלצייט. געוויינלעך זיצן אַלע מיידלעך אַרום טיש, מען עסט, מען שטיפט; די מאָנאָטאָנקייט פון דער אַרבעט ווערט דורכגעוועבט מיט אַ מעשה, אַ דערפאַרונג פון דער אָדער יענער; אַמאָל דערציילט מען אייגע די אַנדערע וועגן משפחה־ענינים. ווייסן די מיידלעך פון פריידן אוןליידן, און ס'וועבן זיך פעדים פון נאָענטקייט, אינטימקייט.

דאָס מאָל רירן זיך די מיידלעך ניט פון אָרט. בעטי זיצט אַליין. רויטע פּליאַמעס באַדעקן איר פּנים. זי נעמט זיך אָן מיט קוראַזש:

— וואָס איז דער מער מיט אונדז היינט? אַלע זיצן, ווי נאָך אַ לוויה . . . ווי איך וואָלט עפּעס אָן אומריינע געווען . . . ווי איך וואָלט אַ באַנק באַרויבט.

— זי פּרוּווט אַ שמייכל טאָן, נאָר ס'קומט אַרויס ווי אַ קרים אויפן פּנים.

— אין באַנק, בעטי, וואָלט איר בלויז געקענט אַוועקנעמען געלט; היינט האָט איר אָבער, אפשר ניט־ווילנדיק און ניט־וויסנדיק, פון אַ מענטשן ברויט אַוועקגענומען . . . היינט האָט איר אונדז פאַרשעמט דעם גלויבן, אַז אַלע מענטשן זיינען ברידער, אָדער ווי זאָגט מאַרינע, אַז אַלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער.

— הערט, מיידלעך, גלויבט מיר, אַז איך פאַרשטיי אפילו ניט, וואָס איר אַלע רעדט.

— יאָ, בעטי, איר פאַרשטייט טאַקע ניט, אָבער איר וועט דאַרפן פאַרשטיין. שוירלי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, נאָך איר האָבן זיך די אַנדערע אויפגעהויבן.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף בעטיס דינע ליפּן:

— אַ דאַנק דיר, שוירלי, אַ מענטש לעבט און לערנט . . . אַ דאַנק, וואָס איר האָט מיך ניט פאַרשעמט!

אין אַ נייער היים

מאַיקל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הויז, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן גע־קויפט און אַ זאָג געטאָן צו זיין שוועסטער נעלי:

— מיר געפעלט עס ניט . . . ווער וויל עס וואוינען אין אַזאַ מיאוסן הויז . . . דער גאַניק צעבראָכן, דער פאַרקאַן איינגעפאַלן . . . טו אַ קוק אויף די אַנדערע הייזער . . . טו אַ קוק אויף אונדזער לאָנקע, — פע פע, איך גלייך עס ניט.

— מאַיקל, דער טאַטע ווייס בעסער . .. וועסט זען, ער וועט זיך אַ נעם טאָן, וועט ער עס מאַכן פאַר דעם שענסטן הויז אין גאַס!

— יע־ע . . . אַזוי זאָגסטו . . . אפשר . . . מירן זען.

מאַיקל האָט אַן אומצופרידענער געהאָלפן שלעפן די קלענערע פעקלעך, נעלי האָט אַכטונג געגעבן אויף דעם קאַסטן מיט שפּילצייג.

— און וואו וועלן מיר נעמען פריינט? פאַלי, דזשאָרדזשי, נעלי זיינען אַזוי וייט . . . זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קומען זיך שפּילן.

— מיר וועלן קריגן אַנדערע פריינט . . . זעסט אַ סך הייזער . . . דאָרטן זיינען דאָ קינדער.

אין אָוונט איז די משפחה קאַרוועך געזעסן ביים קיך־טיש. דאָס איז דאָס ערשטע צימער, וואָס די מאַמע האָט צונויפגעשטעלט. אויפן טיש איז שוין גרייט געווען דאָס עסן. דער טאַטע האָט זיך איבערגעטאָן אין צווייטן צימער און פון דאָרט אַרויסגערעדט:

— נו, טייערע מיינע, ביסט שוין גוט פאַרמאַטערט . . . אַבי זיך שוין איבערגעפּעקלט . . . כ׳האָף, אַז מער וועלן מיר שוין קיין דירה ניט דאַרפן זוכן . . . דאָס איז שוין אונדזער אייגענע היים!

— אייגענע היים? דו מיינסט אָט אַזוי רעדט זיך עס! ס׳וועט נאָך נעמען אַ שיין ביסל צייט . . . אַ נייע געגנט . . . נייע מענטשן . . . קינדער דאַרפן פריינט זיך צו שפּילן . . . נו, קום צום טיש . . . כ׳האָף אַז עס וועט זיין גוט.

— מאַיקל, נעלי, געוואַשן די הענט?

— יע, מאַמע, געוואַשן, — האָבן ביידע מיט איינמאָל געענטפערט.

— אַז מען וויל קריגן פריינט, מוז מען זיין גוט און ציכטיק, קינדער, מען טאָר זיך ניט קריגן פאַר יעדער קלייניקייט, איר פאַרשטייט?

— יע, מאַמע, כ'פֿאַרשטיי.

דער טאַטע איז אַרויסגעקומען אין אַ ריינעם העמד, די האָר צוגעקאַמט, זיך אויסגעצויגן אין פּולער הויך און זיך שווער אַוועקגעזעצט:

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, מאיקל מיט זיינע חן־גריבעלעך און נעלי מיט איר ציגגל וועלן שוין ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

נאָכן אָוונט־מאָלצייט זיינען די קינדער אַרויס אין הויף, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם איינגעפֿאַלענעם פּאַרקאַן און געזוכט מיט די אויגן, אפשר וועט זיך ערגעץ אַ קינד באַווייזן.

אויף אַ גאַניק איבער דער גאַס איז אַ ייִנגל אַרויסגעשפּרונגען נאָך זיין ספּאַניעל־הינטל. ער האָט אים מיט רציחה געצויגן פֿאַר די אויערן און אים געשטראָפֿט פֿאַר עפּעס. דאָס הינטל האָט אַ פֿאַרשולדיקטער געפּרוּווט אַ לעק טאָן זיין האַנט. דאָס ייִנגל האָט אים אָפּגעטריבן. ס'האָט אָבער געגומען אַ פּאָר מינוט און ביידע האָבן זיך שוין איבערגעבעטן און געלעגן איינגעטוליעט איינס אין אַנדערן.

— האַי, — האָט מאיקל אַ רוף געטאָן, — ווי רופֿט מען דיין הינטל?

— ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ? וואָס איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען איז מאַיקל . . . זי איז מיין שוועסטער, נעלי . . . דאָס איז מיין הויז . . . ווי רופֿט מען דיך?

— באָבי . . . און מיין הינטלס נאָמען איז קוקי און . . .

— מיט וועמען רעדסטו דאָרטן, באָבי? — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פֿון אינעווייניק.

— אַ נייער ייִנגל . . . אַ נייער שכן אין גאַס . . . אין דער צעבראָכענער הויז.

באָביס מאַמע האָט אַ קוק געטאָן דורכן פֿענסטער, דערזען די צוויי קינדער ביים איינגעפֿאַלענעם פּאַרקאַן, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אָ, אַ נייער שכן . . . שוין זיך אַריינגעקליבן . . . קום, באָבי, דאַרפֿסט מיר העלפֿן אין קיך.

דעם אָוונט האָט זיך שוין באָבי מער ניט באַוויזן אויפֿן פֿראָנט־גאַניק . . . די קינדער זיינען נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען. אין גאַס איז געווען שטיל, ווי קיינער וואָלט דאָרטן גאָר ניט געוואוינט. זיי זיינען געבליבן שטיין פֿאַראומערט, אַנטוישט.

דאָס הויז פֿון רעכטס איז געווען באַלויכטן. אַ שטימעלע, ווי אַ פֿליסנדיק וואַסערל, האָט זיך געבעטן:

— בלויז אַ פּאָר מינוט . . . כ'וועל זיך אַביסל שפּילן, דערנאָך וועל איך אַליין גיין שלאָפֿן . . . בלויז אַ פּאָר מינוט, מאַמע, פּליז . . .

די טיר האָט זיך געעפֿנט. אַ בלאָנד, געקרייזלט קעפּל האָט זיך באַוויזן.

דאָס מיידעלע איז געווען אָנגעטאָן אין בלויע „איבער־אַלץ״ הייזלעך, וואָס האָבן פונקט זיך צוגעפּאַסט צו אירע בלויע, גרויסע אויגן, אין האַנט האָט זי גע־האַלטן אַ שפּרינג־שטריקל. זי האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען פון די טרעפּ אַרונטער:

„איבער שטריקל שפּרינג איך,
אַ פריילעך לידל זינג איך,
איינס, צוויי, דריי, פיר,
ווער ס׳וויל שפּילן קום צו מיר״.

— האַי, מיידעלע, ווער ביסטו? — פרעגט די בלאָנדינקע ביי נעלין.

— מיין נאָמען איז נעלי . . . דאָס איז מאַיקל, מיין גרויסער ברודער . . . דאָס איז אונדזער נייע הויז . . .

— כאַ, כאַ, אַ נייע הויז! דאָס איז אַן אַלט, צעבראָכן הויז, אַ מיאוס הויז . . . קוק אָן מיין הויז . . . מיין הויז איז שיין און גרויס.

— איצט איז אונדזער הויז ניט אַזוי שיין אָבער . . . מיין טאַטע . . .

— דיין טאַטע! . . . קיינער קען ניט מאַכן פון אַן אַלט הויז אַ נייס . . . דיין הויז וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין שיין . . . קוק אָן אונדזער לאָן, דיביימער!

מאַיקלען האָט דער שמועס שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט פאַרצווייפלט אַ קוק געטאָן אויף נעלין — זאָל זי זיך אַריינמישן . . .

— מיין טאַטע וועט מאַכן דאָס הויז נאָך שענער, ווי אַ נייע . . . ער קען בויען, ער קען פאַרבן, ער קען פלאַנצן — אַלץ קען ער.

— איך גלויב ניט . . . איך גלויב ניט. — דאָס מיידעלע איז פאַרביי־געשפּרונגען די קינדער און זיי אפילו איר נאָמען ניט געזאָגט.

די קינדער זיינען אומעטיקע, מידע אַריין אין הויז. שטילערהייט האָבן זיי זיך אויסגעטאָן און זיך דאָס ערשטע מאָל געלייגט שלאָפן אין דעם נייעם הויז, וואָס איז גאָר ניט געווען ניי.

.2

נעלי איז געווען גערעכט. זייער הויז שיינט איצט אַרויס צווישן די הייזער פון גאַס. אָפּגעפאַרבט עס, האָט דער טאַטע אין פּאַסטעל־גרין, טיר און פענסטער אין וואַלד־גרין, דאָס גאַניקל און דאָס פּאַרקאַנדל אַרום הויז — זויבער־ווייס,ביידע זייטן פון דעם גאַנג, וואָס פירט צום גאַניקל, זיינען באַפּוצט מיט קיילעכדיקע, פּיל־קאָלירקע שטיינער. בלויז דער הויף, די לאָנקע קוקן נאָך אויס ניט צו־גוט.

מאַיק און נעלי זיינען גראָד זייער צופרידן מיטן הויף און מיט דער

לאַנקע: הורבעס געלער זאַמד, גלאַטע, שמעקעדיקע ברעטער, רויטע און ווייסע ציגל, אַ פּאָר קעסטלעך מיט געצייג און טשוועקעס, קענדלעך מיט פאַרב און קאַלך. אַ קראַן מיט וואַסער און אַ שפּריץ איז דאָרט אויך פאַראַן. אויפן דריטן טאָג איז שוין אַביסל פריילעכער געוואָרן. סוזי, די בלאָנדע שפּרינ־גערקע, איז אַליין געקומען אין הויף זיך שפּילן. מאיק און נעלי האָבן סוזין זייער ליב. זי איז אַ גוט־האַרציקע, זי איז אַ פּאָר יאָר אינגער פון מאיקלען און נעלין, פאָלגט זי אַלץ וואָס זיי זאָגן. וואָס צו טאָן דאָ אין הויף פעלט ניט.

— סוזי, גיי ברענג מיר אַן עמערל וואַסער . . . כ׳דאַרף דאָ אויסגראָבן אַ טונעל, מוז די זאַמד זיין פייכט.

סוזי טוט אַ דריי דעם קראַן מיט אירע קליינע הענטלעך — פליוך . . . אָפּגעגאָסן פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס ראָזע קליידעלע אויסגעווייקט, פאַרשפּריצט מיט שטויב. סוזי קוקט אויס ווי אַן אָפּגעצוואָגענע קאַץ.

מאיק און נעלי קאַטשען זיך פון געלעכטער. סוזי וויינט:

— זע נאָר וואָס איר האָט געטאָן צו מיר!

— ווער? מיר? האָסט דאָס דאָך אַליין זיך אָפּגעטאָן . . . מיט דיינע אייגענע הענט.

— מאיקל, דו האָסט מיר געהייסן . . . זע נאָר ווי איך זע אויס . . . וואָס וועט די מאַמע זאָגן?

— כאַ, כאַ, כאַ . . . דיין מאַמע וועט זאָגן, אַז דו ביסט אַ שמוציקע מיידעלע.

— ניין . . . ניין . . . איך בין ניט קיין שמוציקע . . . איך בין ניט שול־דיק . . . דו . . . דו און נעלי, איר זייט שמוציקע . . . איר זייט אַלעמאַל ברוין . . . שמוציק!

— ניין . . . איך בין ניט שמוציק . . . דאָס איז דאָך מיין הויט אַזאַ . . . כ׳בין ריין . . . נאַ, טו אַ קוק.

מאיק איז אַ כעס׳יקער צוגעלאָפן צו סוזין און האָט אַ לייג געטאָן זיין הענטל נעבן אירער:

— האַ, וואָס זאָגסטו איצט?

— יאָ, יאָ, ביסט שמוציק! מיין מאַמע זאָגט אַלעמאַל: סוזי, דיינע הענט זיינען שוואַרץ, גיי וואַש זיי אָפּ — זעעסט?

און נאָך שטאַרקער וויינענדיק איז סוזי אַנטלאָפן צו זיך אַהיים.

3.

שוין עטלעכע טעג אַוועק. מאַיקל שפּילט זיך ניט אין הויף. ביים טיש זיצט ער פאַרטראַכט. ער וויל ניט עסן. ער גייט אַריין אין באָד־צימער און זיצט דאָרט אָפּ שעה׳ן גאַנצע.

— מאַיקל, לאָמיר נאָר אַ טאָפּ טאָן דיין שטערן . . . וואָס איז מיט דיר, מאַיק, פאַרוואָס שפּילסטו זיך ניט מיט סוזין און נעלין? האָט דיר עמיצער עפּעס געטאָן? זאָג, קינד מיינס, זאָג דער מאַמען.

— גאָרניט איז מיר . . . כ׳בין ניט קראַנק . . . כ׳וויל זיך ניט שפּילן.

— האָסט זיך צעקריגט מיט סוזין? נעלי, קינד, ווייסטו אפשר וואָס ס׳איז דער מער מיט מאַיקלען?

— ניין, מאַמע, כ׳ווייס ניט.

מאַיק שווייגט, זיין פּנים איז פאַרכמורעט. וואָס מער די מאַמע פרעגט אים, אַלץ מער ווילט זיך אים וויינען . . . פאַרוואָס האָט סוזי געזאָגט, אַז ער איז שטענדיק שמוציק, ווייל זיין הויט איז טונקל?

—מאַיקל, גיי וואַש זיך אַרום . . . פּאַפּאַ קומט באַלד אַריין . . . ער איז מיד און קען ניט וואַרטן.

מאַיק איז אַריין אין באָד־צימער, פאַרהאַקט די טיר.

— וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג, מאַיק... ס׳איז שוין צייט צום טיש.

ער ענטפערט ניט. די מאַמע קלאַפּט אָן . . . ער ענטפערט ניט . . . זי ווערט בייז.

— עפן גלייך די טיר, מאַיק, וואָס טוסטו דאָרטן?

ער מאַכט זיך ניט הערנדיק. די מאַמע קען עס ניט פאַרשטיין. אַ דער־שראָקענע לויפט זי צום הויכן פענסטער, קוקט אַריין — די וואַש־שיסל, די וואַנע, דער גאַנצער צימער איז אַ ים מיט מילינעס. מאַיקל שטייט אין וואַנע איינגעזונקען אין ווייסן לויג און רייבט זיין קערפּער מיט אַ האַרטער באַרשט...

— מאַיקל . . . ביסט משוגע געוואָרן . . . וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק . . . זע נאָר ס׳אַראַ מבול דו האָסט אָנגעמאַכט . . . גיך . . . בעסער עפן אויף באַלד!

מאַיקל האָט אַ דערשראָקענער אויפגעעפנט די טיר פון באָד־צימער.

— שרעק זיך ניט, מאַיקל, כ׳וועל דיר גאָר ניט טאָן . . . אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּאַס?

מאַיקל שווייגט. די מאַמע נעמט אים אַרויס פון וואַנע, שווענקט אַרויס די מילינעס, זעצט אים אַוועק אונטערן שפּריץ . . . קוים, קוים פּטור געוואָרן פון דעם לויג און אָט זיצט שוין מאַיקל אָן אויסגעווייקטער, אויסגעריבענער אין אַ גרויסן האַנטוך. די מאַמע קאַמט זיינע האָר.

— איצט, קינד מיינס, קענסטו מיר אפשר זאָגן, וואו האָסטו געזען, אַז מען זאָל זיך אַזוי באָדן?!

— מאַמע . . . בין איך אַלעמאָל ריין?

— יאָ, געוויס, מאַיקל, דו האַלטסט זיך גאַנץ ריין, פאַר אַ יינגל אין דיינע יאָרן.

— און איצט בין איך ריינער? — זיין גאַנץ שיינער פּנים'ל איז געווען ווי אַ פֿראַגע־צייכן.

— אַ פֿראַגע, פֿרעגסטו נאָך... אַזאַ באָד גענומען, מיין ציכטיקער מלאכ'ל.

— און סוזי האָט געזאָגט, אַז איך בין שמוציק, ווייל איך בין ברוין... זי האָט געזאָגט אַ ליגן... אַ גרויסן ליגן... יע, מאַמע?

די מאַמע האָט איצט אַלץ פֿאַרשטאַנען. זי האָט אויסגעקושט מאַיקלס ביינדעלעך, זי האָט אים צו איר האַרצן געפּרעסט, ווי ער וואָלט נאָך גאָר אַן עופּה'לע געווען, ווי זי וואָלט אים געוואָלט מיט איר קערפּער, פֿון שלעכטס באַשיצן:

— קינד מיינס, קינד מיינס... ס'קוקט אויס, אַז דו ווערסט עלטער... דיין ערשטער קלאַפּ, קינד מיינס... ס'וועלן קומען מער... דו האָסט סוזין געדאַרפֿט זאָגן, אַז שוואַרץ, ברוין, ווייס, געל, דאָס איז בלויז קאָליר. אַז מען וואַשט זיך ניט אָפּט איז מען שמוציק, אַז מען וואַשט זיך און מען האַלט זיך ריין איז מען ריין. אַ הויט איז ווי אַ קלייד אָדער הייזלעך, מען מוז עס וואַשן, אַז ניט טויג עס ניט... אָבער פֿאַרוואָס האָסטו גענומען אַזויפֿיל זייף... האָסט דאָך געקענט דיין הויט פֿאַרברענען?

— כ'האָב איבערגעלייענט אויף דעם קעסטל, שטייט אָנגעשריבן, אַז עס מאַכט אַלץ שניי־ווייס, — האָט מאַיקל אַ זאָג געטאָן, — כ'האָב געפּרוואווט וואַשן... ס'העלפֿט ניט.

— נאַרעלע, זייף קען ניט אָפּוואַשן אַ נאַטירלעכן קאָליר. מיר זיינען געבוירן געוואָרן מיט אַ טונקעלער הויט, אַנדערע מענטשן האָבן נאָך אַ טונ־קעלערע הויט ווי מיר, אַנדערע ווערן געבוירן מיט אַ ווייסער הויט, מיט אַ געלער אָדער אַ רויטער. סוזי איז געבוירן געוואָרן מיט אַ ווייסער הויט, אָבער ס'איז אַלץ איינס — איר זייט ביידע טייערע, ציכטיקע קינדערלעך... נו, און איצט, מיין לאַנדרימאַן, קום צום טיש... לאָמיר דעם טאַטן דערציילן דעם שפּאַס... יעדע זאַך האָט אַ באַזונדערן קאָליר: אַ רויז איז רויט, צי געל, אַ בלאַט איז גרין, דער הימל איז בלוי, די זון איז גאָלד־געל און די ערד איז שוואַרץ... האָסט געזען ווי פּאַפּאַ האָט אונדזער הויז געפֿאַרבט — ניט מיט איין קאָליר נאָר מיט עטלעכע. וואָס מער קאָלירן אַלץ שענער קוקט עס אויס.

ביים טיש האָט די מאַמע דערציילט וועגן בלעזל־באָד, וואָס מאַיק האָט זיך געגעבן, נעלי האָט גערעדט וועגן איר ליאַלקע־שפּיל מיט סוזין. סוזי וויל מאַיק זאָל זיך שפּילן מיט איר, האָט זי אים געשיקט צוויי ריישלעך (עגעטס). „פּאָר קיפּס", אויף שטענדיק, ניט נאָר אויף צוצוהאַלטן.

מאַיק דרייט די ריישלעך צווישן זיינע פֿינגער. ער פֿילט זיך אַביסל בעסער,

אָבער קיין שמייכל איז נאָך אַלץ ניטאָ . . .

— קום, זון מיינער, לאָמיר אַ שפּיל טאָן באַל צוזאַמען, וועסטו שוין פּילן גאָר גוט.

— כ׳וויל ניט . . . לאָז מיך צורו . . . כ׳וויל שלאָפן . . . טשעפּע מיך ניט, נעלי.

4.

— העלאָ . . . דאָס איז מרס. קאַרווער . . . מאַיקלס און נעליס מאַמע . . . איז דאָס סוזיס מאַמע?

— יעס, מרס. קאַרוועער, זייער פיין פון אייך צו רופן . . . כ׳האָב זיך שוין געקליבן אַ סך מאָל אייך אָפּצורופן . . . סוזי האָט זייער ליב זיך צו שפּילן מיט אייערע קינדער. וואָס מאַכט אייער מאַיקל? . . . סוזי זאָגט, ער וויל זיך אפילו ניט שפּילן.

— אַ דאַנק אייך . . . מאַיק איז געזונט, אָבער ער . . . ער . . .

— האָט עפּעס פּאַסירט? האָט עפּעס סוזי געטאָן?

— כ׳וואָלט זיך מיט אייך געוואָלט דורכרעדן וועגן די קינדער . . . איר זייט די ערשטע שכנה מיט וועמען איך רעד זינט מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער געגנט.

— מיט פאַרגעניגן . . . מאָרגן פרי?

— זייער גוט . . . מאָרגן פרי ביי אייך.

מרס. מעקאַלי, סוזיס מאַמע, האָט זייער האַרציק אויפגענומען מרס. קאַרוועער:

— העלאָ, שכנה, ווען ניט די קינדער, וואָלטן מיר זיך אפילו ניט געקענט. זיצט, מרס. קאַרוועער.

— אַ דאַנק, מרס. מעקאַלי . . . זייער גוט זיך פּערזענלעך צו באַקענען . . . די שכנים אַרום זיינען, ווייזט אויס, זייער פאַרנומענע מענטשן . . . מען זעט זיי קיינמאָל ניט . . . אפילו די קינדער זעט מען ניט . . . ס׳ווייזט אויס, אַז אַ טונקעלע הויט קען אויפבויען אַ העכערן פּאַרקאַן ווי שטעכעדיקער דראָט . . .

— יע . . . יע . . . צום באַדויערן איז עס נאָך אַזוי . . . ס׳ווערט אַביסל בעסער . . . איך און מיין מאַן פילן זיך זייער שלעכט וועגן דעם ענין . . . כ׳האָף, אַז אונדזערע קינדער וועלן שוין אויסוואַקסן אַנדערש . . . נו, מרס. קאַרוועער, זאָגט מיר, וואָס האָט פּאַסירט? ס׳קוקט אויס צו זיין ערנסט?!

מרס. קאַרוועער האָט אין עטלעכע ווערטער איבערגעגעבן דעם אינצידענט, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט מאַיקלען, זיין פּרוואו אָפּצורייבן זיין ברוינע הויט מיט זייף, ווייל סוזי האָט אים געזאָגט, אַז ווייל ער איז ברוין איז ער שטענדיק שמוציק.

— געוויס, סוזי איז אַ קינד, זי האָט געוויס גאָר ניט געמיינט . . . נאָר . . . איר פאַרשטייט מיך, מרס. מעקאלי . . .

— יאָ . . . כ'האָב זיך אַביסל אָנגעשטויסן, מרס. קארוועד. מען וועט דאַרפן עפּעס טאָן . . . סוזי איז אומשולדיק . . . זי הערט פון דערוואקסענע — ווייס און ריין זיינען ביי איר דאָסזעלבע . . . גלויבט מיר ביי אונדז האָט זי עס ניט געהערט.

— ס'איז אַ פרייד צו הערן אַזוינע רייד . . . איך און מיין מאַן האָבן באַשלאָסן אַרויסנעמען די קינדער פון דער געטאָ . . . מיר דערוואַרטן ניט, אַז עס וועט זיך אונדז גלייך איינגעבן . . . מיר גלויבן, אַז מענטשן זיינען ניט שלעכט . . . ס'קוקט אויס, אַז באביס מוטער האָט אים גוט אָנגעשראָקן . . . ער ציטערט אויסצורעדן אַ וואָרט צו די קינדער . . . אָפּט שפּילט ער זיך מיט זיין הינטל אויף זיין גאַניקל און קוקט מיט אומעטיקע אויגן אריבער ווי סוזי און די קינדער שפּילן זיך . . . נו . . . דאָס איז אַן אַלטע מעשה.

— יע, יע, ס'איז אַ חרפּה וואָס מענטשן זיינען אַזוי פאַרליבט אין זיך . . . די הויפּט זאַך איז צו דערקלערן די קינדער ביי יעדער געגעלגנהייט, אַז זיין **אַנדערש** מיינט ניט זיין **בעסער** אָדער **ערגער**. קינדער מוזן זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מענטשן דאַרפן ניט אויסקוקן פונקט דאָסזעלבע. יע, מיר וועלן דאַרפן אַ טראַכט טאָן.

— גערעכט, גערעכט . . . מיר, עלטערן, טראָגן אַ גרויסע שולד . . . וואָס וויסן זיי, די קליינוואַרג? . . . זיי מאַכן נאָך גוטס צי שלעכטס . . . שלעכטס קלעפּט זיך גרינגער צו.

מרס. קאַרוועד האָט זיך אויפגעהויבן:

— כ'מוז שוין גיין . . . ס'וועט נאָך נעמען וואָכן ביז מיין הויז וועט אויסזען ווי אַ היים . . . דער דרויסן איז שוין כמעט פאַרטיק, אָבער אינעווייניק איז נאָך דאָ אַ סך אַרבעט . . . אַ גליק איז, וואָס מיין מאַן קען אַלץ טאָן אַליין. אַזוי שנעל, ווי כ'וועל זיך איינאָרדענען, וועל איך אייך פאַרבעטן.

— אַ דאַנק, מרס. קאַרוועד, ס'וועט זיין גוט, זאָרגט ניט.

— אין יעדן שלעכטס איז פאַראַן עפּעס גוטס . . . ווען ניט מאיקל וואָלט איך אפשר אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ וואוילע שכנים מיר האָבן.

— איך בין אויך צופרידן צו קענען אייך פערזענלעך. לאָמיר זיין גוטע שכנים . . . לאָמיר לעבן ווי עס פּאַסט פאַר אמתע אַמעריקאַנער.

5.

זונטיק זיינען די מעקאליס געפאָרן צום ים־ברעג. מר. קארוועד האָט, ווי זיין שטייגער, געאַרבעט אַרום הויז. דאָס מאָל האָט ער פון די איבערגע־

בליבענע רויטע ציגל צונויפגעשטעלט אַ באַרבעקיו־אויוון. ס׳איז זומער, וועט מען קענען אין דרויסן קאָכן און עסן.

— אַ באַרבעקיו־אויוון איז אַ גוטע זאַך פאַר לאָן פּאַרטיס . . . מיר׳ן פאַרבעטן די שכנים און זייערע קינדער . . . אויב . . .

— **אָט־אָ דער „אויב״** וועט שוין זען, אַז קיין פּאַרטיס זאָלן ניט זיין . . . אפשר מיט דער צייט . . . אַ פיינע פרוי, מרס. מעקאַלי . . . זי איז געווען אַ סאָשל וואָרקער . . . זי האָט זיך געפילט זייער שלעכט וועגן סוזין . . . כ׳האָב אפשר ניט געדאַרפט מאַכן אַזאַ וועזן . . .

— וואָס הייסט ניט געדאַרפט?! געוויס האָסטו געדאַרפט. אונדזערע קינדער טאָרן ניט ליידן ווי מיר . . . זיי מוזן אויסוואַקסן שטאָלצע, פרייע . . . געוויס איז די קליינע ניט אויסן געווען . . . אָבער גוט וואָס מרס. מעקאַלי ווייס...

מרס. קאַרווער איז געזעסן אויף די גאַניק־טרעפּ, זיך צוגעקוקט ווי מאַיקל און נעלי האָבן געלאָדעוועט זייער שפּיל־טראַק מיט זאַמד און ציגל און עס געפירט צום טאַטן . . . זי האָט נחת געקליבן פון איר משפחה, פון דעם הויז.

— אָט אַזוי שנעל ווי דו וועסט פאַרטיק ווערן מיט דיין באַרבעקיו, דאַרף מען זיך נעמען צום לאָן — אַביסל גראָז, בוימעלעך, עטלעכע בלומען — אַי, כ׳וואָלט עס שוין געוואָלט זען.

— און וואו וועלן מיר זיך שפּילן, מאַ? אָ, לאָז איבער אַביסל זאַמד און ציגל . . . מאַמע, פאַרוואָס קומט ניט סוזי זיך שפּילן?

— אָ, סוזי איז אַוועק מיט טאַטע־מאַמע צום ים־ברעג . . . זיי ווילן זיצן אַביסל אויף דער זון ווערן ברוין און געזונט.

— צו וואָס דאַרף זי פאָרן צום ים? דאָ איז פאַראַן גענוג זון . . . אָט זע, איך בין זייער, זייער ברוין און נעלי אויך.

— נו, מאַיקל, אונדז איז גוט. מיר זיינען געבוירן געוואָרן אַזוי, אָבער די, וואָס זיינען געבוירן מיט אַ העלער הויט, דאַרפן זיך אָפּטער באַקן אויף דער זון . . . זון איז גוט פאַר מענטשן.

— כאָ, כאָ, כאָ . . . נעלי, סוזי באַקט זיך אויף דער זון ווי אַ בולקע!

— מאַמע, זיינען פאַראַן גרינע מענטשן אויך?!

— כ׳ווייס ניט צי עס זיינען פאַראַן גרין־קאָלירקע מענטשן, אָבער מענטשן מיט שוואַרצער, ברוינער, געלער און רויטער הויט זיינען פאַראַן אַ סך אין דער וועלט, מער ווי ווייסע.

— ווייסט, מאַמע, וואָס איך וואָלט וועלן זיין, איך וויל זיין אַ בלוי־הויטיקער, מיט רויטע אויגן, מיט גרינע האָר, מיט ראָזע פינגער און שוואַרצע פיס, און מיט אויערן פון גאָלד קאָליר.

— זעסטו, אַזאַ מענטש איז נאָך דערווייל אויף דער וועלט ניט געבוירן

געוואָרן. כ׳ווייס? וואָלסט אפשר אויסגעזען גאַנץ שיין, מיין קינד.

דער טאַטע האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט זיין פּנים און אויסגעמישט דעם שטויב אין שוויס.

— נו, כמעט פאַרטיק... מען קען שוין באַלד אָנהויבן קאָכן... מאַיקל, קוק מיך אָן, וואָס פאַר אַ קאָליר, דענקסטו, בין איך אַצינד?

די מאַמע און קינדער האָבן איין קוק געטאָן און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דו קוקסט אויס ווי אַ קוימען־קערער נאָך אַ רעגן, — זאָגט די מאַמע.

— אפשר וועסטו גיין אין באָד־צימער און מאַיקל וועט דיר ווייזן ווי אַזוי מען נעמט אַ באָד?! אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן, איז אַריינשיטן אין וואַנע און אין גאַנצן באָד־צימער אַ קעסטל פּודער־זייף און זיך אויסקראָצן מיט דער האַר־טער באַרשט... אַנו, מאַיקל, נעם דעם טאַטן אין באָד אַריין... ס׳איז באַלד מיטאָג־צייט.

.6

פונם סוף־וואָך ביים ים איז סוזי געקומען מיט אַ רויטן נעזל, מיט אָפּגע־ברענטע אַקסלען און פיס און מיט וואַסער־בלעזלעך איבערן גאַנצן קערפּער.

— אוי, ס׳טוט אַזוי ווי... כ׳גלייך זיך ניט באַקן אויף דער זון... מאַמע זאָגט, אַז אַ ברוינע הויט איז געזונט און שיין... צוערשט ווערט מען רויט, דערנאָך ברוין און דערנאָך קען מען שוין זיצן אויף דער זון ווי לאַנג מען וויל... זעסט, מאַיקל... איך וועל אפשר זיין אַזוי ברוין ווי דו און נעלי.

— אָ, יע?! איך בין שוין געבוירן געוואָרן אַ זון־געבאַקטער... איך קען זיצן אויף דער זון אַ גאַנצן טאָג... און גאָרניט. ס׳אַרט מיך גאָרניט... און דו דאַרפסט זיך היטן און קראַצן, האַ... האַ...

— נו, אייך איז גוט, זוניקער מאַיקל און זוניקע נעלי... אוי, ווי עס בייסט... נעלי, טו אַ בלאָז אויף מיר.

נעלי האָט אָנגעשטעלט אירע ליפּלעך און געבלאָזן אויף סוזיס פּלייצע, מאַיקל האָט געבראַכט אַ שטיקל פון אַ צייטונג, ער האָט צונויפגעפאַלדעוועט ווי אַ פעכער און געקילט סוזיס פּיסלעך.

— נו, פילסט אַביסל בעסער, געבראָטענע סוזי?

— ווייסט, מיין געבורטסטאָג איז אין צוויי וואָכן אַרום... מיין מאַמע האָט מיר געקויפט אַ ליאַלקע־סעט... „דהי אמעריקאַן דאל״. מיר׳ן עס געזען אין אַ קראָם ביים ים־ברעג. ס׳איז אַ קעסטעלע מיט צוועלף קליינע ליאַלקעלעך: אַן אינדיאַנער, כינעזער, יאַפּאַנעזער, יידישע, ענגלישע, נעגערשע, מעקסיקאַ־נער, דייטשע, פראַנצויזישע, רוסישע... איך געדענק ניט מער... אוי, ס׳איז אַזוי שיין צו קוקן... אַז איך וועל זיין גוט, קריג איך עס צו מיין פּאַרטי.

—סוזי, ווּעסט אונדז לאָזן זיך שפּילן מיט דיינע ליאַלקעס ?

— יע, מיין מאַמע זאָגט, אַז איך קען ברענגען מיינע שפּילצייג צו מיינע פריינט, אָבער איך מוז עס נעמען צוריק אַהיים נאָכן שפּיל.

— און איך האָב אַ ליאַלקע־הויז . . . מיין באָבע האָט מיר געבראַכט אַ מתנה, — זאָגט נעלי.

— גוט, ווּעלן מיר שפּילן „הויז". מאַיקל ווּעט זיין דער טאַטע, איך די מאַמע און דו, נעלי, ווּעסט זיין די שוועסטער, — קאָכט זיך די קליינע סוזי. דער גאַנצער פּלאַן איז פאַרטיק אין איר קליינעם קעפּל.

— קענען מיר קומען צו דיין פּאַרטי, סוזי ?

— יע . . . פאַרוואָס ניט . . . כ'וועל פרעגן מיין מאַמען.

7.

צוויי וואָכן . . . די טעג ציען זיך, אָבער די קינדער אין דער קאַרוועער פאַמיליע הערן ניט אויף צו רעדן וועגן סוזיס פּאַרטי. סוזי איז זייער איינציקער פריינט. זי שפּילט זיך ביי זיי אין הויף כמעט אַ גאַנצן טאָג. אין הויף זיינען נאָך פאַרבליבן אַ פּאָר ניט־פאַרנוצטע ברעטער, זיצן די דריי קינדער און רעדן וועגן מתנות, וואָס סוזי ווּעט אַריינקריגן, וועגן קינדער, וואָס זי ווּעט פאַרבעטן. דעם איינציקן נאָמען וואָס מאַיק און נעלי ווייסן אין דער גאַס, איז באָבי.

— סוזי, ווּעסט פאַרבעטן באָבין צו דיין פּאַרטי ?

— ניין . . . באָבי קומט ניט . . . זיין מאַמע לאָזט ניט.

— פאַרוואָס ?

— פאַרוואָס ווייס איך ניט, נאָר זי לאָזט אים ניט קומען.

— און אַנדערע קינדער קומען ?

— כ'האָב געזאָגט דזשעקין און פּאָלן און מערין . . . כ'ווייס ניט . . . פאַראַיאָרן זיינען זיי געקומען. איצט ווילן זיי ניט . . . סאָפי ווּעט קומען . . . זי וואוינט דאָרטן אין דעם קליינעם שטיבעלע ביים ראָג פון גאָס.

מאַיקל ציילט אויף זיינע פינגער. ער איז זיכער, אַז ער און נעלי ווּעלן זיין, סוזי און סאָפי — פיר קינדער.

— אינגאַנצן פיר קינדער . . . וואָס פאַר אַ פּאַרטי איז דאָס ?

— מיך אַרט ניט, זאָל זיין פיר . . . מיין מאַמע ווּעט מאַכן אַ שיינע פּאַרטי.

— — —

ביים טיש אין קאַרוועערס הויז האָבן די קינדער ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן סוזיס פּאַרטי. מאַיקל און נעלי ווילן, אַז מאַמע זאָל איינקויפן אַ סעט

פון אַלומינום כלים — נעלי האָט אַ ליאַלקע־הויז, סוזי האָט די ליאַלקע־קינדער און מען דאַרף האָבן געשיר זיי צו האָדעווען.

— און וואָס ווּעסטו, מאַמע, ברענגען סוזין אַ מתנה?

מר. און מרס. קאַרוּוער האָבן זיך איבערגעקוקט. ס'איז זיי גראָד געפעלן געוואָרן מרס. מעקאַליס איינפאַל מיט איר מתנה „דהי אמעריקען דאל" . . . דורך שפּיל קענען קינדער מער לערנען ווי דורך רייד. ס'קוקט אויס, מרס. מעקאַלי איז אויפריכטיק און זייער פריינטלעך.

— וואָס דענקסטו, ווּעט זי אויך אונדז פאַרבעטן? רעדן איז איינס . . . אָבער פאַרברענגען צוזאַמען, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. — זאָגט שטילער־הייט מר. קאַרוּוער.

— נו, יע . . . יע . . . אויב ניט, איז אויך קיין אומגליק ניט!

— מאַיקל און נעלי, אויב איר קענט האַלטן אַ סוד, וועל איך אייך אויס־זאָגן, כ'וועל אויסבאַקן פאַר סוזיס פּאַרטי אַ שיינעם קעיק . . . אפשר וועל איך אויך עפּעס קויפן . . . אפשר.

עס קלינגט דער טעלעפאָן. מרס. קאַרוּוער ענטפערט.

— יאָ, אַשיינעם דאַנק אייך, מרס. מעקאַלי . . . יע . . . די קינדער האָבן אפילו ניט געוואַרט אויף אייער איינלאַדונג . . . זיי גרייטן זיך שוין צוויי וואָכן צייט . . . סוזי האָט זיי שוין לאַנג פאַרבעטן. ס'קוקט אויס, אַז צוליב אונדז וועלן אייך פעלן אַ סך געסט . . . באמת . . . איר גיט אונדז אַ סך מוט . . . יאָ, יאָ . . . איר זייט גערעכט — אַז מען דאַרף מאַכן אַן אָפּעראַציע, איז בעסער פריער ווי שפּעטער . . . באַי . . . באַי, מרס. מעקאַלי, מיר וועלן זיך זען ביי דער פּאַרטי.

דערהערט אַן אָפּעראַציע, האָבן זיך די קינדער דערשראָקן.

— מאַמע, מאַמע, ווער דאַרף אַן אָפּעראַציע?

— ווער איז קראַנק? סוזי?

— אָ, ניין, ליבינקע, קיינער איז ניט קראַנק . . . מרס. מעקאַלי האָט אונדז אַלעמען פאַרבעטן צו קומען צו סוזיס פּאַרטי.

— טראַ־לאַ־לאַ . . . טראַ־לאַ־לאַ — האָט זיך נעלי צעזונגען . . . מיר'ן גיין צו דער פּאַרטי . . . מיר וועלן אַלע גיין צו דער פּאַרטי . . . איך וועל אָנטאָן מיין ראָזע קלייד מיט די שוואַרצע סטענגעלעך . . . מאַיקל זיין סאַ־מעטענעם גאַרניטערל.

„העפּי בוירטדעי טו יו,
העפּי בוירטדעי טו יו,
העפּי בוירטדעי, דיר סוזי,
העפּי בוירטדעי טו יו".

— זע נאָר ווי זי האָט עס קיין צייט ניט מיט איר „העפּי בוירטדעי״.

מרס. קאַרוווער האָט גנעלין אַרומגענומען, זי האָט מאַיקלען צוגעצויגן צו זיך, אויפגעהויבן אירע אויגן צו איר מאַן און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳קוקט אויס, טייערער, אַז אונדזער הויז, וואָס מיר האָבן זיך איינגעקויפט, וועט טאַקע זיין אַ היים.

מר. קאַרוווער האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרויפגעזעצט ביידע קינדער אויף ביידע אָרעמס און זיי אַריינגעטראָגן אין שלאָף־צימער.

הערַאָלד׳ס חלום

אַרבעטן אין אַ שאַפּ אָן אַ באַלעבאָס איז אַ חיות. ס׳הייסט, אַ באַלעבאָס איז טאַקע פאַראַן, אָבער די אַרבעטער זעען אים קיינמאָל ניט. זיינע געשעפטן גייען זייער פיין אָן אים.

אייגנטלעך איז עס ניט קיין שאַפּ — ס׳איז אַ „שיפינג־רום״. אַהער ברענגט מען פּאַרטיקע סחורות — שניפּסן. דאָ סאָרטירט מען זיי, ווייל ניט נאָר האָט יעדער שניפּס אַן אייגענעם „אוצר״, אַן אייגענעם שניט, נאָר אפילו אַן איי־גענעם נאָמען. דאָ „לעיבלט״ מען זיי, דאָ פּילט מען אויס די באַשטעלונגען, און מען שיקט זיי אַרויס איבערן גאַנצן לאַנד.

קיין פאָרמאַן איז דאָ אויך ניטאָ. דער „שיפּער״, הערַאָלד, וואָס וואָלט געקענט זיין אַ פאָרמאַן, איז אַ וואוילער, גוטהאַרציקער מענטש, ער האָט פיינט צו „הערשן״ און וויל בשום אופן ניט זיין קיין וועכטער פאַרן באַלעבאָס.

„מען באַצאָלט מיר פאַר פּאַקן — פּאַק איך . . . אַלץ וואָס איך וויל איז צו מאַכן אַן אָרנטלעכן לעבן . . . איך בין ניט מחויב צו וואַכן איבער פרעמדע געשעפטן״.

הערַאָלד איז דער „בן־יחיד״ אין שאַפּ — דער איינציקער מאַנסביל צווישן זעקס מיידלעך. ער איז אויך יינגער פון די אַנדערע. די שטימונג איז אַ לייכטע, און אַרבעטן איז אנגענעם. אַז מען קען שמועסן, זיך דערציילן אַ וויץ, זיך טיילן מיט אַ דערפאַרונג אָדער סתם אַזוי אַ לאַך טאָן, גייט גאָר די אַרבעט בעסער.

לעצטנס האָבן די „מיידלעך״ גענומען הערַאָלדן אויפן צימבל:

— הערַאָלד, וואָס ווערט טאַקע זיין? אָט נאָך אַ פּאָר וואָכן און איר וועט ביי אונדז, מיט מזל, זיין אַ בחורל פון דרייסיק . . . אַן אַלטער בחור. טאָ וואָס הערט זיך עפּעס מיט חתונה האָבן? . . . מען קען דאָך „אויסגיין״! אַ וועלט מיט מיידלעך, און איר, אַ שיינער בחור, אַ גוטער בחור, אַ פאַרדינער . . .

אַזוי טענהט דזשעני, אַ מיטליעריקע פרוי, אַ צונג אויף שרויפן, און ווייסט ווי אַזוי אַ קערעווע טאָן אַ שמועס וואוהין זי וויל. זי איז דאָס אַלעמאָל די אָנהויבערין, ווען אין שאַפּ ווערט צו־שטיל.

מרס. דזשענסען, וואָס האָט אַ טאָכטער כמעט אין די זעלבע יאָרן און זוכט פאַר איר אַ שידוך מיט ליכט, פאַלט אַריין אין טאָן:

— אָ, ביז הערשעלד וועט ניט קריגן זיין שטיבעלע מיטן גערטנדל, מיט אַ זינגענדיקן טייכל דערנעבן און אַ גרויסן שטאַל פאַר פערד, וועט ער אפילו ניט טראַכטן פון חתונה האָבן... איר מיינט טאַקע, אַז אַ מיידל אַליין איז געגוג?

— לאָזט הערשעלדן צורו... ער האָט זייער ליב זיין מאַמען, וועט ער וואַרטן ביז זיין „סוויטהאַרט" וועט ווערן אַזוי אַלט ווי זי — דאַן וועט ער חתונה האָבן.

אַלע לאַכן. אַ וויץ איז אַ וויץ, אָבער די מיידלעך ווייסן, ווי שווער עס איז אָפּצושפּאָרן עפּעס, נאָכדעם ווי מען ווערט פּאַרטיק מיט עסן און קליידן און דירה.

הערשעלד איז ניט קיין אויסברעננגער. ער איז אַן ערנסטער מענטש, אַ גוטער אַרבעטער, כאָטש געוואָלט האָט ער גאָר זיין אַ פידל־שפּילער, אָבער מאַלע וואָס אַ מענטש וויל...

איין חלום האָפט ער צו פאַרווירקלעכן: ער האָט ליב אַ דאָרפיש לעבן, ער האָט ליב נאַטור, ביימער, פייגעלעך, בהמות און באַזונדערס פערד.

אַלע זונטיק גיט ער זיך אַליין אַ „גוד־טאַים". ער דינגט אַ פערד אויף אַ פּאָר שעה און פאָרט אַרום אין סענטראַל פּאַרק.

„האַ, ווען ער וועט דערלעבן צו האָבן אַן אייגן פערד... אַ שטיבעלע איינגעטונקט אין גרינס, בלימעלעך אויף בייטן... אפשר אַ שטיקל פעלד פאַר גרינוואַרג און נאָך אַזעלכע זאַכן. דאַן וועט ער זיין טייערע העלען נעמען... זיי וועלן חתונה האָבן און גליקלעך זיין!"

הערשעלדס חלום איז שוין אַ היפּש ביסל יאָרן אַלט. די לעצטע פּאָר יאָר איז אים גרינגער צו חלומען. ער טיילט זיך מיט זיין געליבטער העלען... זי וויל מיט אים איינשטימען, נאָר זי קען ניט... בעט זי זיך ביי אים:

— הערשעלד, דו ווייסט, דו ביסט אַן אַרבעטער... אָט איז פאַראַן אַרבעט, און אָט ביסטו אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים ליידיק. טאָ צו־וואָס וואַרטן אויף דיין „שטיבעלע"? אָט לעבן דאָ מענטשן אין שטאָט אויך... איך וויל עס פונקט ווי דו, אָבער קיין טאָג־טרוימער דאַרף מען ניט זיין! הער וואָס איך זאָג: איך וועל אַרבעטן, דו וועסט אַרבעטן, ס'וועט קומען אַ קינד... ווי לאַנג? ווי לאַנג קען מען וואַרטן? מיר האָבן זיך דאָך אַזוי ליב!

הערשעלד ענטפערט אַלעמאָל מיט אַ שטילן, ליבן האַלב־שמייכל. ער נעמט זי אַרום, דריקט זי צו זיך און וויל זי צום הונדערטסטן מאָל איבערצייגן:

— טייערע, האָניק מיינער, ביסט אפשר גערעכט. מיר קאָנען האָבן וואָס צו עסן, אַ קלייד, אַ שוך, דירה־געלט צו צאָלן, אָבער איז דאָס געגוג? מיר איז ענג אין שטאָט, מיר איז ענג אין שאָפּ... ווייסט דאָך, טייערע, כ'בין ניט קיין פוילענצער, כ'האָב ליב אַרבעט, אָבער די שטאָט? דער שאָפּ? כ'בין

ווי אַ פויגל אין שטייג . . . ס׳איז מיר אומעטיק . . . איך וויל, אַז מיר זאָלן גליקלעך זיין . . . מיר זאָלן זיך לאַנג־לאַנג ליב האָבן . . . אָט וואַרט נאָך אַביסעלע. כ׳האָב איצט אַ גוטן דזשאָב. כ׳וועל שפּאָרן אַ פּעני צו אַ פּעני. דו וועסט אויך שפּאָרן . . . וועסט זען, ס׳וועט שוין איצט לאַנג ניט דויערן. אויסערן שטאָט קאָן מען אויך אַרבעטן. אַביסל געלט האָב איך שוין.

ער נעמט אַרויס זיין באַנק־ביכל און ווייזט עס איר:

— זעסט, אַלץ פאַר דיר . . . פאַר אונדז . . . פאַר אונדזער צוקונפט!

2.

העראָלד קומט פון אַ צעבראָכענער פאַמיליע. זיינע עלטערן זיינען אַהער געקומען פון פּאָרטוגאַל. צוויי קינדער מיטגעבראַכט. דאָרטן האָבן זיי אַן אייגן שטיבעלע, געהאַט עטלעכע אָליוון־ביימער, אַ פּאָר בייטן גרינס, אַ פּאָר עופות, אַ פערד, אַ קו — אַ פויערשע באַלעבאַטישקייט. מען איז געווען אָרעם, אָבער גליקלעך. טאַטע־מאַמע האָבן זיך זייער ליב געהאַט. די שכנים פלעגן זיך אַלעמאָל וויצלען — שוין צוויי קינדער געווען, און טאַטע־מאַמע האָבן זיך נאָך אַלץ געקושט און זיך געשפּילט ווי אַ פּאָר יונגע ציגן!

אין דער לופט פונם קליינעם שטיבעלע האָט ליבשאַפט אַרומגעשוועבט, האָבן עס די קינדער געפילט. איז זיי וואַרעם און היימלעך געווען, און זיי זיינען געוואַקסן ווי פלאַנצן מיטן פּנים צו דער זון. קיינער האָט זיך ניט געקריגט, קיינער האָט דעם קול ניט אויפגעהויבן — אפילו מיט שכנים האָט זיך די משפּחה קיינמאָל ניט איבערגערעדט.

מיטאַמאָל האָט דער טאַטע באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע. אַ שכן, וואָס איז אַהין געפאָרן, האָט געשיקט אַ בריוו און דערציילט וועגן די גאָלדענע גליקן, וועגן קעשענעס מיט געלט, וועגן אַרבעט וויפל ס׳האַרץ גלוסט.

מען האָט אַלץ פאַרקויפט, געמאַכט אויף הוצאות און זיך אַוועקגעלאָזט צום וייטן, פרעמדן כישוף־לאַנד.

אָן אַ שפּראַך איז שווער געווען צו קריגן אַרבעט. קיין בעל־מלאכה איז הערעלדס טאַטע ניט געווען, האָט ער געקראַגן עפּעס אַרבעט ביים לייגן וועגן. זיין לוין איז געווען מאָגער. ער האָט אָנגעהויבן רויכערן, אַמאָל אַ טרונק נעמען, כדי אָנצוהאַלטן פריינטשאַפט מיט די אַנדערע אַרבעטער. הונגער איז געוואָרן אַ נאָענטער קרוב אין דער גאַנצאַלעס־היים.

די מאַמע האָט אַריינגענומען פרעמדע וועש; זי האָט פאַר שכנים קליידלעך גענייט, אָבער גענוג אויף אַלץ, אפילו אויף שפּייז און דירה־געלט, איז ניט געווען.

הערַאָלד האָט אַמאָל דערציילט, אַז ווען זיין טאַטע האָט דאָס ערשטע מאָל זיך אויפן קול צעשריען אויף דער מאַמען, זיינען די צוויי ברידערלעך אויפ־געציטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך פאַררוקט אונטערן בעט און שעה'ן לאַנג ניט געוואָלט אַרויסקריכן.

שפּעטער האָבן זיי באַמערקט, ווי די מאַמע וויינט. זיי האָבן אויך באַמערקט, אַז זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו זינגען. די קינדער האָבן זייער ליב געהאַט איר שטימע: אַזאַ ווייכע, גלעטנדיקע, טיפע, ווי פון סאַמע אינע־ווייניק אַרויס. דער מאַמעס שטימע און די לידער פון דער אַלטער היים האָבן דערמאָנט אין גוטע, פריילעכע טעג, אין שטילע פאַרחלומטע אָוונטן, אין אַ היים, וואָס איז אַ היים געווען, אין פריילעכע „פּיעסטאַס" מיט קאָלירפולע טענצער, און אין טאַטע־מאַמע — די בעסטע פון זיי . . .

דאָ אין פרעמדן לאַנד זיינען די קינדער געוואָרן אומעטיק, צוריקגעהאַלטן, דערשלאָגן. דער טאַטע — זייער שטיפערישער, זינגענדיקער טאַטע — איז אַ פרעמדער געוואָרן, אַן אַנדערער.

דער טאַטע איז געווען אַ שיינער, הויכער, שטאַרקער מאַן. אַ פּאָר אויגן האָט ער געהאַט, ווי ברענענדיקע קוילן — זיי האָבן געצוואונגען באַמערקט צו ווערן. זיין ברייטער שמייכל האָט צו זיך געלאָקט. אין אַן אַמעריקאַנער אַנצוג, מיט אַ שניפּס, איז ער נאָך שענער געוואָרן, באַזונדערס זונטיק.

האָבן טאָקע די פרויען ליב געהאַט צו שטיפן מיט אים, זיך רייצן מיט אים, און אַרויסרופן זיין הילכיק־זילבערנעם געלעכטער.

באַזונדערס ליב האָט אים געקראָגן די שכנה קאַרמעליטאַ. טיר־ביי־טיר האָט מען געוואוינט. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי מוז אים „אַוועקנעמען". זי פלעגט כלומרשט לאָזן איר טיר אָפן, זיך באַווייזן האַלב־אַנגעטאָן; זי פלעגט צו־אָפט אַריינכאַפּן זיך צו די גאַנזאַלעסעס עפּעס לייען. זי האָט זיך גענומען פרעגן צו פאַרמיאוסן הערַאָלדס מאַמע, אָנווייזן ווי אַלט און צעקנייטשט זי איז.

אין די אָוונטן פלעגט זי אויספּוצן אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר אין אַ הויכן פּאַמפּאַדור, אַריינפלעכטן בלומען (לויטן פּאָרטוגעזישן מנהג איז אַ בלום אין די האָר אַ סימן, אַז מען איז גרייט צו פאַרקניפּן פריינטשאַפט).

הערַאָלד דערציילט וועגן דעם טרויעריקן טאָג, ווען דער טאַטע האָט אויפ־געשפּילט זיין לעצטן קריג און האָט מיט אַ בייזווייליק געלעכטערל אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— מאַמע (צו דער פרוי), ווייסט וואָס איך וויל דיר זאָגן? פאַרן דאַרף אין פּאָרטוגאַל ביסטו אפשר געווען אַ גוט ווייב . . . דאָ טויגסטו ניט . . . קוק נאָר אַריין אין שפּיגל . . . דיין פּנים צעקנייטשט ווי ביי אַן אַלטער פרוי . . . דיינע היפּטן — פּעט און די בריסט — אַרונטערגעלאָזן . . . קיין ליד פון

דיר הערט מען ניט, און אַז דו וואָלסט אפילו געוואָלט זינגען, קענסטו שוין אויך ניט . . . ניין, ניט פאַר מיר! איך בין אַ שיינער מאַנסביל . . . איך וויל לעבן . . . איך וויל אַ יונג ווייב, וואָס זאָל פאַר מיר אַרבעטן! איך גיי אַוועק . . . איך פאַרלאָז דיך . . . יאָ, איך פאַרלאָז דיך״.

הערעלד איז דאַן בלויז פינף יאָר אַלט געווען. ער האָט די רייד דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען. ערשט שפּעטער, ווען די מאַמע פלעגט ווידער־און־ווידער־אַמאָל איבערדערציילן די מעשה מיט אַלע איינצלהייטן פאַר פריינט, האָט הערעלד באַגריפן די גרויזאַמקייט פון אַזוינע רייד.

הערעלד געדענקט בלויז, אַז בעת דעם קריג, האָט די מאַמע אויסגע־בראָכן אין אַ שרעקלעכן, מאָדנעם געוויין. זי איז אויף די קני פאַר איר מאַן געפאַלן און זיך געבעטען ביי אים, ער זאָל בלייבן. דער טאַטע האָט זי אָפּגע־שאַרט מיט זיין שטאַרקער האַנט, זיך אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע, און זי, די מאַמע, איז אַזוי, אַ קניענדיקע, איינגעשרומפּענע, געבליבן זיצן מיט די הענט איבער די געשוואָלענע, רויטע אויגן . . .

הערעלד און זיין ברודערל האָבן קיינמאָל די דאָזיקע סצענע ניט פאַרגעסן. זיי זיינען עלטער געוואָרן. זיי האָבן זיך מיט מיידלעך באַקענט, און די סצע־נע איז ווי אַ שאָטן געשטאַנען פאַר זייערע אויגן.

הערעלד האָט אַ לאַנגע צייט זיין טאַטן ניט געזען. ניט געוואָלט זען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען הילף פון אים. זיין ברודער אויך. זיי לעבן מיט דער מאַמען אין איין הויז. זיי ווילן נאָך אַלץ פאַרגיטיקן דעם גרויסן אומרעכט פון זייער טאַטן. די מאַמע, אַ קעכין, פאַרדינט. זי איז שטאָלץ מיט אירע זין. ביידע בחורים האָבן געענדיקט האַי־סקול. ביל, דער יינגערער ברודער, שטו־דירט פאַר דאָקטאָר און אַרבעט אַלס „אַשער" (טעאַטער־באַדינער). הערעלדס צעשטערטע היים האָט אַ שטעמפּל אַוועקגעלייגט אויף זיין לעבן. ער איז דער־שראָקן. ער האָט מורא פאַר דעם ערנסטן שריט — חתונה האָבן. ער האָט מורא פאַר נויט, וואָס איז אַ צעשטערערין פון היימען — ער האַסט די גרויס־שטאָט מיט איר קאַלטער, נשמהלאָזער ברוטאַלקייט.

3.

ווען הערעלד איז צוריקגעקומען פון זיין וואַקאַציע, האָבן די „מיידלעך" פאַר אים צוגעגרייט אַ סורפּריז. דאָס פאַרטאַ־ריקאַנער מיידל, בערנאַרדאַ, האָט עס פאַרטראַכט. זי האָט פולע צוויי וואָכן געאַרבעט אויף דעם סורפּריז; דיסקוטירט דעם ענין מיט די אַנדערע, געאיילט זיך נאָך דער אַרבעט אין דער „פינף־און־צען סטאָר" איינצוקויפן די נויטיקע מאַטעריאַלן. בערנאַרדא האָט

הערּאַלדן ליב געקראָגן פון דעם ערשטן טאָג, וואָס זי איז אין שאָפּ אַריינ־געקומען. ניט אַזוי מיט אַ ליבשאַפט, וואָס האָפט אויף עפּעס, נאָר מיט אַ מין מאַמעשער צוגעבונדנקייט, זאָרג פאַר אים. זי האָט זייער געוואָלט אַז הערּאַלד זאָל גליקלעך זיין.

מיטאָק־צייט זיינען אַלע געזעסן אַרום טיש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט ברוינעם פּאַק־פּאַפּיר. זיי האָבן פאַרנאַנדערגעוויקלט זייערע פּעקלעך עסן. אַ פּענדל מיט הייס וואַסער איז שוין גרייט געשטאַנען צו פאַרמישן אַביסל קאַווע אָדער פאַרבריען אַביסל טיי. הערּאַלד איז צוגעקומען צום טיש, אַרויסגענומען זיין עסן און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז גוט צו זיין צוריק מיט אייך. אויף מיין וואַקאַציע האָט מיר אויסגעפּעלט אייער שטענדיקער קיבעץ . . . ס'איז אַזוי ווי אַהיימקומען . . . עפּעס דאָ נייס?

— ביי אונדז איז קיין נייס ניטאָ . . . אָבער ביי אייך?

— נאָך ניט . . . כאַ־כאַ־כאַ . . . איך ווייס דען ניט, וואָס איר ווילט וויסן?

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. בערנאַרדאַ האָט אַ שעלמישן ווּנק געטאָן, און האָט פון אונטערן טיש אַרויסגענומען אַ קליין שאַכטל, אין קאָלירטן פּאַפּיר פאַרוויקלט, מיט סטענגעלעך פאַרבונדן.

— אָט, הערּאַלד, האָט איר אַ מתנה פון אונדז אַלעמען . . . ס'איז אפילו אַביסעלע צו קליין, אָבער איר מוזט עס האָבן . . . נוצט עס געזונטערהייט!

— אַ מתנה? וואָס עפּעס פּלוצלונג אַ מתנה? מיין געבורטסטאָג איז ערשט אין אַפּריל, און איצט איז אויגוסט! אַ שיינע מעשה — איך האָב געהאַט וואַקאַציע, און איר זייט אין שאָפּ געזעסן, גיט איר מיר נאָך אַ מתנה?

הערּאַלד האָט פּאַמעלעך אויפגעבונדן דאָס פּעקעלע און זיך אויפן קול צעלאַכט:

— איר, לצים, ווען קיין אַנדערע זאַכן קענט איר גאָר ניט טראַכטן! זע נאָר . . . אַ שטיבעלע מיט אַ וועלדל, מיט אַ טייכל, מיט הינער און אַ, ווי וואונדערלעך, אפילו אַ פערד!

— קוקט זיך נאָר גוט צו, וועט איר נאָך עפּעס געפינען.

הערּאַלד האָט געדרייט די פּלאַכע שיסל, וואו אַלץ איז געווען צונויפגע־שטעלט אין פּייכטן גרינעם מאָך. ער האָט זי געדרייט אַהער־און־אַהין, און האָט זי שיער ניט אַרונטערגעוואָרפן פון איבעררּאַשונג: הינטער אַ בוימעלע, ביי דער טיר פון שטיבעלע איז געשטאַנען אַ קליינע ליאַלקע, אויסגעפּוצט ווי אַ כלה.

— אַ, איר טייערע „אָלד ליידיס", איר וועט זיך ניט באַרואיקן ביז איר וועט מיך התונה מאַכן . . . אפילו ווען איך פאָר אַוועק, טראַכט איר, ווי אַזוי

מען ווערט פון מיר פּטור . . . פאַרוואָס בעט איר ניט אונדזער באָס, ער זאָל מיר געבן אַ לוין־העכערונג? אָבער ס'איז זייער שיין פון אייך. איר זייט אמת־גוטע מענטשן. אַ דאַנק . . . אַ דאַנק אייך.

— הייסט עס, העראָלד, קיין תירוץ איז שוין איצט ניטאָ. אַלץ איז גרייט . . . איצט דאַרפט איר בלויז איינלאַדונגען אַרויסשיקן.

— העי, חברה, אויב איר קענט האַלטן אַ סוד, וועל איך אייך אויסזאָגן, כ'בין שוין מיט העלענען געגאַנגען אָנקוקן אַ שטיבעלע.

4.

קריסטמעס־צייט האָט זיך העראָלד געריכט אויף אַ גרויסן באָנוס. ניי־יאָר צייט האָט ער זיך נאָך אַלץ געריכט. נאָך ניי־יאָר האָט ער געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער לוין־העכערונג. דער באָס, וואָס איז ערגעץ־וואו פאַראַן, האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק. העראָלד איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. דער פּאַר־דראָס איז געווען זייער גרויס; דאָס וואַרטן — פּיינלעך. אַזוי פיל גליק באַ־לאַנסירט אויף דער האָפענונג, און זי איז ווי אַ קאַרטן־שטיבל צעפאַלן.

אָן אַ באָס, וואָס זאָל אָן אויג האַלטן, אָן אַ פאָרמאַן — איז זיין „שיפּינג־דעפּאַרטמענט" געגאַנגען ווי אַ מזמור. העראָלד איז געווען אָרנטלעך, געטריי, שפּאָ־רעוודיק. ער איז זיכער געווען, אַז אַזאַ אַרבעט וועט אנערקענט ווערן.

די „מיידלעך" האָבן אויך געפילט, אַז עס קומט אים אַ העכערונג. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קומט אויך אַ פּאָר דאָלאַר מער אַ וואָך. מיט דעם שטייגנדיקן יקרות איז אַלץ שווערער געוואָרן „אויסצוציען" דעם וואָך־לוין, עס זאָל סטאַיען . . . זיי האָבן אָבער געוואַרט אויף העראָלדס העכערונג ווי אַ סיגנאַל.

— העראָלד, איר זייט צו נאַאיוו. אויף אַ טעלערל וועט דער באָס אייך קיין העכערונג ניט צוטראָגן. ביי אַ באָס מוז מען מאָנען . . . מאָנען מיט באַק־ציינער . . . זיי האָבן אַ טבע צו פאַרגעסן, ווען עס קומט צום געבן. זעט איר, ווען עס קומט צו נעמען, דערזעען זיי אפילו אַ פּערטל פּעני. ווען עס קומט צו נעמען, זיינען זיי גרייט אַ צאָן רייסן.

— איך וועל וואַרטן נאָך איין וואָך . . . בעטן, בעטלען וועל איך ניט . . . כ'וועל זיך אויפהויבן און אַוועקגיין!

— זייט ניט אַזוי האַסטיק, העראָלד, אַוועקגיין איז אַ גרויסע נאַרישקייט . . . גענוג אַרבעטלאָזע שיפּערס . . . דער באָס וועט נאָך אייך ניט וויינען. אַוועקגיין מיינט אויפגעבן, העראָלד . . . איר זייט גערעכט, טאַ קעמפט!

צום ערשטן מאָל פאַר אַ גאָר לאַנגער צייט האָט העראָלד פרייוויליק אָנגעהויבן דעם שמועס וועגן חתונה־האָבן:

— איר ווייסט, מיין העלען מיין העלען איז אַ וואונדערלעך מיידל . . . זי האָט אַ סך געדולד צו מיר, אָבער לעצטנס האָט זי מיר פּשוט געשטעלט אַן אולטימאַטום: „זי וועט ניט ווערן קיין אַלטע מויד צוליב אַ ,חלום׳ מיט אַ שטיבעלע אין דאָרף".

— כ׳האָב אַזוי געהאָפט אויף מיין העכערונג! מיר האָבן באַשלאָסן טאַקע באַלד צו געבן האַנט־געלט . . . מיר האָבן שוין אפילו אַ קליינעם „רענטשל" אָפּגעזוכט — גענוג פאַר אַ באַשיידן לעבן צו מאַכן . . . אויף אַרבעט, ווייסט איר דאָך, בין איך ניט פויל . . . אפילו פאַר אייך, לצים, וואָלט דאָרט אַ ווינקל געווען, ווען איר וועט שוין זיין צו־אַלט צו שטעכן מיט דער נאָדל, — האָט זיך העראָלד געפּרוּווט אַ וויצל טאָן.

— — —

אַ מיטליעריקע פרוי, נעט געקליידעט, איז אַריינגעקומען אין שאָפּ. זי האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל, צוגעגלעט אירע גרויענדיקע האָר, איז צוגעגאַנגען צו העראָלדן און זיך פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז סילוויא אַפּאַנטע. דער באָס האָט אייך שוין מסתמא געזאָגט וועגן מיר. איך בין באַשטימט געוואָרן צו פאַרוואַלטן מיטן פּלאַץ. איר וועט בלייבן ביי אייער אַרבעט. איך האָף, אַז מיר וועלן אויסקומען און צופרידן זיין איינס פון אַנדערן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי העראָלדס שרייב־טיש און גענומען איבער־קוקן פּאַפּירן, אויסליידיקן שופלאַדן און גרייט מאַכן דעם פּלאַץ פאַר זיך.

העראָלד איז געבליבן שטיין מיטן שטריקל אין האַנט. ער איז געוואָרן בלייך, שטייף און צעטראָגן. ווי פון הימל אַ דונער, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ טעמפּן געווער איבערן קאָפּ. אַן אימפּולס האָט ער געהאַט אויסצושרייען, עפּעס אַ זאָג טאָן, וואָס זאָל זיין שאַרף ווי אַ מעסער — ער האָט זיך אָבער באַלד קאָנ־טראָלירט, אַריינגעאָטעמט אַ סך לופט און אַזוי רואיק ווי נאָר מעגלעך אַ זאָג געטאָן:

— ניין, דער באָס האָט מיר גראָד גאָרניט געזאָגט וועגן אייך, מיס אַפּאַנטע . . . זאָרגט זיך ניט. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן אויסקומען.

— איר דאַרפט ניט זיין אָפיציעל . . . רופט מיך סילוויא.

— יעס, סילוויא.

ביי די לאַנגע טישן זיינען די מיידלעך געזעסן. טוצן שניפּסן אויף זייערע קני. די קעפּ אַראָפּגעלאָזן צו דער אַרבעט, מיט די פּליצעס צו דעם „שי־פּינג"־טיש. זיי האָבן געפילט, ווי עמיצער וואָלט זיי פּערזענלעך באַליידיקט; ווי עמיצער וואָלט זיי מיט אומריינע וואַסער אָפּגעגאָסן.

זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז בעת הערהאָלדס וואַקאַציע איז דיזעלבע פּרוי, סילוויאַ, עטלעכע מאָל געווען אין שאַפּ. יעדעס מאָל איז מיט איר דער מיס־טעריעזער באָס געקומען (די מיידלעך האָבן אים פּערזענלעך ניט געקענט, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין איינער פון „דאָרטן" — פון אָפיס). דער באָס און סילוויאַ האָבן לאַנג געשמועסט. ער האָט איר געוויזן דעם שאַפּ, די סחורה אויף די פּאָליצעס; אין די ביכער אַריינגעקוקט. ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ דזשאָב פאַר דער פרוי. עס פּאַסירט זייער אָפט, אַז אין שאַפּ קומען קויפער, פאַרקויפער, געשעפטסלייט. די מייד־לעך זיינען ווי אויף שפּילקעס געזעסן, בלויז מעכאַניש זיינען זייערע נאָדלען געפלויגן אַרויף־און־אַראָפּ. רייד האָבן זיך ווי פויגעלעך פון שטייגן געריסן אַרויס.

סילוויאַ איז צוגעקומען צו די טישן.

— העלאָ, מיידלעך, מיין נאָמען איז סילוויאַ . . . איך וועל פאַרוואַלטן מיט דעם פּלאַץ . . . מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען. — זי האָט אַ שמייכל געטאָן, און דער שמייכל איז געבליבן אויף אירע ליפּן ווי אַן אָנגעקלעפּטער:

— כ'בין ניט קיין שלעכטע. מען קען מיט מיר דורכקומען. אָבער אַרבעט פאַרלאַנג איך פון אייך און פון זיך אויך . . . לאָמיר זיך באַקענען מיט אייך.

די מיידלעך האָבן, ניט אויסדרייענדיק די קעפּ, אָנגערופן זייערע נעמען. סילוויאַ האָט דערפילט אַ פּראָסטיקן אָטעם אין דער לופטן.

— אָ־קעי . . . דאָס איז אַלץ . . . זעצט פאַר אייער אַרבעט, ווי עס וואָלט גאָר קיין איבערבייט ניט געווען!

„איבערבייט?"

די מיידלעך האָבן זיך פון דער זייט איבערגעקוקט מיט נייגיר. הערהאָלד האָט זיך אויסגעדרייט צו די טישן. בליקן האָבן זיך באַגעגנט. בליקן האָבן זיך צונויפגערעדט. בליקן האָבן זיך פאַרשטאַנען. אַ „פרעמדער עלעמענט" האָט זיך אַריינגעכאַפּט. אַ נעפּל האָט פאַרכמורעט דעם טאָג אין שאַפּ.

— דעם באָס'עס וואַך־הונט, — האָט איינע געמורמלט.

— סמאַרט עלעק . . . זי מיינט, זי קען כאַפּן די פליג מיט האַניק.

— היט זיך, קינדער, אַוועק זיינען די גוטע אַלטע צייטן.

— אַזאַ שווייגערייי האָב איך אפילו פון אַ באָס ניט דערוואַרט.

— הערהאָלד, דער גלוביקער, גענייט זיך אַ בייטל . . . אַ פיינער אָפּצאָל פאַר טריישאַפט.

— סעי, וואָס האָסטו דערוואַרט? ביסט דאָך שוין אַ שאַפּ־מיידל אַ היפּש ביסל יאָרן! אַ באָס איז אַ באָס, און אַ באָס איז אַ חזיר בצורת אָדם!

דער זייגער רוקט זיך. דער אַרבעטס־טאָג איז אויס. די מיידלעך איילן זיך אַרויס אויף דער פרייער לופט. עס שטיקט אין שאַפּ.

פריער פלעגט הערשעלד פֿאַרבלייבן דער לעצטער. ער האָט די פענסטער פֿאַרמאַכט, די לאָמפּן אויסגעלאָשן, די שטארן פֿאַרצויגן, די סחורה צוגעדעקט, עס זאָל, חלילה, ניט בליאַקירן פֿון מאַרגנדיקער זון.

דאָסמאָל איז הערשעלד צוזאַמען מיט אַלעמען אַרויס פֿון שאַפּ:

— דעם באָסעס „קוזינע״ וועט שוין אַלץ באַזאָרגן; דאָס „אויג״ וועט שוין אויף אַלץ אַכטונג געבן.

אין עלעוויי‌טאָר האָבן אַלע געשוויגן. די ווערטער זיינען ווי קנוילן געבליבן אין האַלז. הערשעלד האָט פֿאָרזיכטיק געהאַלטן זיין מתנה — דאָס שאַכטעלע האָט איצט אויסגעזען ווי אַ קליין טרונעלע, וואו אַ גרויסער חלום איז געלעגן און געוואַרט אויף קבורה . . .

א י נ ה אַ ל ט

צו זון און פרייד

אַלימפּיאַדע צו דער זון 9
טעג פון לעבן 10
מיר „שטאָלענע" 11
צו פרייד 12
דער אָקטאָפּוס 13
אין פרילינג האָקט מען צווייגן ... 17
ווערטער טויבן 18
אייביקער וואונדער 20
כ'גיי אַרום מיט שולד־געפיל
אין האַרצן 22
אימפּעט 24
צו אייך 25
כ'האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי
מיד אַ מענטש קען זיין 26
דער סוד פון זיין 28
שלום 29
אָפּגעלעבטע יאָרן 30
לעבן 31
נאַטור האָט שכל אונדז געגעבן ... 32
מיר זיינען דער דור וואָס האָט
מורא פאַרלאָרן 33
פעלזן 34
ביים שוועל 36
מיינע טעג 37
איך טראָג צו אייך רייד 38
צו פשוטע מענטשן 40
געבורטסטאָג ליכט 41
יאָרן 43
כ'האָב ליב אַ וואָרט 44
מענטש 45
פאָלק 46
יזכור־טעג 48
מיר וועלן לאַכן אין פרילינג 50
אונדזער פּאַראָל 51
טיטאַן פון אונדזער צייט 52
אַ סטרונע האָט געפּלאַצט 53
מיין ווייטיק 54
אין אָנדענק 55
צום בוים ביי מיין פענסטער 56
אַ יאָר — אַן אָנהויב 57
זאָג מיר, פריינט 58
צענזוס 59
שלום עליכם 60
מוטער 61
באָסטאָן 62
ביקאָן היל 64
אַזוי ווייניק טעג 65
מיין פאָלק 68
אנשטאָט בלומען 69
מוטער בלור 70
מיין נאָמען 71
מיין קינסטלערישער פאַרזיי 72
צו אַ דיכטערין 73
פאַר מיר וועט זיין גענוג 74
קום, ניי־יאָר! 75
קויפט! 76
די איינזאַמע זינגערין 77
צוזאַמען 78
יונגע ליבע 79
פאַרגעס מיך ניט 80
בוך־טעמפּל 81
אַ העלד אַזאַ 82

עפּנט פֿאַר אונדז אייער טיר 83
ניט קיין בריוועלעך — געזאַנגען.. 84
קינדער 85
ליד 86

קאַליפֿאָרניע

קאַליפֿאָרניע 89
ניט אַדיע 92
אַזוי פּיל גרינס 93
וואונדערלאַנד 94
מדבר 95
גריפֿיט פּאַרק 96
האַרבסט געזאַנג 97
רעגנס קומען 98
עס שמעקט די ערד 99
נייער טאָג 100
אַ מעשה מיט אַ פּאַסטוכל 101
ליד 103
פֿרימאָרגן ביים ים 104
בין השמשות אין האַפּן 105
הנה׳לעס אויגעלעך 107
מדבר־ווינט 108
לאָס אַנדזשעלעס 109
אַן אַלטער דעמב 111
אַ מיידל, אַ בחור, אַ רויז 112
מיינע בערג 114
בלעטער גאָלד 115
אַנטשוויגן איז איר פּען 116
לאַפֿאַיעט פּאַרק 117
אַן אייגענע היים 119
פֿרילינג 120

קינדער לעבן

אַ מיידעלע אין דאָרף 123
איינער פֿאַר אַלע, אַלע פֿאַר איינעם 125
אַ שנירעלע פּערל 126
ס׳זינגט דער רעגן 128
לייבעלע שטיפֿער 129
אין נעסטעלע טוליען זיך דריי.... 130
ווען כ׳וואָלט אַ פֿלאַטערל געווען... 132
כ׳וויל אַ פֿויגל ייִנגל ווערן 133
רעגן ביים ים 134
ניסעלע שפּילט מיט שניי 135
„די גרויסע שוועסטער״ 136
אַ טאַנץ 137
זייף בלעזעלעך 138
פּריירי קיעלע 139
טשאַרלי דער קאַנאַריק 140
קאָרשן צייט 142
צוויי קינדער 143
אַ קליין ייִנגעלע ביים ים 144
ביי־יאָר 145
אינ׳ם שניי 146
שטייט אַ יאָלקעלע אין וואַלד 147
אַ געשפּאַן 148
משה רבינו׳ס קיעלע 149
מיין הינטעלע טרילבע 151
נענסי 152
אַ וויג־ליד 153
דאַנעלע 154
מאי־זשוק 155

דערציילונגען פאַר קליין און גרויס

פראָפעסאָר דזשאָני און
זיין טשערעפּאַכע 159
דייווי און פּאַלי׳ קראַקעט 167
די מאַמע פון אַלע מאַמעס 175
קעסי די קאַץ און
העזעלע שפּרינגער 180
צוזאַמען ביזן סוף 186
גאָטס שטיף־קינדער 194
אין אַ נייער היים 199
הערצלדס חלום 212

ביכער פון שרה פעל יעלין

טריט נאָך טריט — — — באָסטאָן, מאַס., 1937

נעענטער — — — — — באָסטאָן, מאַס., 1941

ליכטיקע וויזערס — — — באָסטאָן, מאַס., 1946

אין אָנדענק פון אונדזער טאָכטער

ל ע נ אָ ר

1915 — 1950

הערי גאָלדשטיין
מיני גאָלדשטיין

אין אָנדענק פון מיין זון

י אַ נ ק ע ל ע

1929 — 1954

יעטא האָפמאן